STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00033

ALE VERK

Mendele Mokher Sefarim

Permanent preservation of this book was made possible by
Lila Lieberman
in honor of
Leonard Lieberman's 70th birthday

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג

מענדעלע

וואַרשע

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

ניינטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאַבע

פעדקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל“, וואַרשע, נאָוואָליפּקי 7

1 9 2 8

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאוויץ)

מסעות בנימין השלישי

דאס הייסט

די נסיעה אדער א רייזע־בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען

וואס איז אויף זיינע נסיעות פערגאנגען העט ווייט אזש הינטער די הרי
חושך, און האט זיך גענוג אנגעזעהן און אנגעהערט חידושים, שעהנע זאכען,
וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען אין אלע שבעים לשונות
און הייטנט אויך אין אונזער לשון

בהשתדלות

מענדעלע מוכר־ספרים

פערלאג „מענדעלע", ווארשא

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

מסעות בנימין השלישי

אין דער ערשטער אויפלאַגע, וואָס איז ערשיענען אין ווילנא אין יאָהר 1878, איז דאָס בוך אַזוי אָנגערופען געוואָרען דורך מענדעלע'ן: „קיצור מסעות בנימין השלישי, דאָס הייסט די נסיעה אָדער אַ רייזע־בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען, וואָס איז אויף זיינע נסיעות פערגאַנגען העט־ווייט אַזש אונטער די הרי חושך, און האָט זיך געזוג אָנגעזעהן און אָנגעהערט חידושים שעהנע זאכען, וואָס זענען ארויסגעגעבען געוואָרען אין אלע שבעים לשונות און היינט אויך אין אונזער לשון בהשתדלות „מענדעלע מוכר ספרים". עס איז אויך געווען אָנגעוויזען: „ספר ראשון". מענדעלע האָט, משמעות, דאָס בוך געהאלטען פאַר אַן אָנהייב, און געהאַט בדעה פאָרטצוזעצען די ווייטערדיגע מהיילען. אפשר זענען שולדיג אין דעם די שווערע אומשטענדען, אין וועלכע מענדעלע האָט זיך דאַן אין משך פון עטליכע יאָהר געפינען, — אַדאַנק וועלכע ער האָט זיך דערווייטערט אינגאַנצען פון זיין שאַפען און נישט געווען ביכולת צו שרייבען ווייטער זיינע „מסעות בנימין השלישי". י. ח. ראווניצקי שרייבט, אַז מיט „מסעות בנימין השלישי" האָט אויף אַ היבשע צייט ווי אויסגעטריקענט מענדעלעס גייסטיגער קוואַל, ער האָט אַוועקגעלעגט די פען אין אַ זייט און האָט גאָרנישט ניט געשריבען". [1] „פון 1877—דערצעהלט מענדעלעס נאָהענטסטער פריינד י. ל. בינשטאָק—זענען אין אבראמאָוויטשעס לעבען, וואָס דאָס מזל האָט אים בכלל קיינמאָל איבעריג נישט געפעשטשעט, אָנגעקומען אַזעלכע אומשטענדען, וואָס נעמען ביי איהם צו יעדען חשק צו

---

[1] י. ח. ראווניצקי—ש. י. אבראמאָוויטש, אלע „ווערק פון ממו״ס באַנד I.

ליטעראַרישער אַרבייט. גענוג צו זאָגען, אַז אַט דער אומאויסשעפּענדער קוואַל איז ווי פערוויסט געוואָרען אונטער דער ווירקונג פון די אומשטענדען, וואָס האָבען איהם איינגעצען דערדריקט"[2].

אויב אין זיינע פריהערדיגע ווערק („דאָס קליינע מענשעלע", „פישקע דער קרומער", „די טאַקסע", „די קליאַטשע", „יודעל" — פערעפענטליכט אין די יאָהרען 1864—1873) איז מענדעלע דער עיקר פּובּליציסט און אויך שילדערער פון סאָציאַלען און נאַציאָנאַלען אומרעכט, איז אין „מסעות בנימין השלישי" איז שוין מענדעלע דער עיקר—קינסטלער. מענדעלע דערהויבט זיך שוין דאָ איבער דעם ציטגייסט, ער טהיילט אָב שטאַרקער דעם קינסטלער אין זיך פון דעם משכיל, פון דעם שטראָפער.

„אין „מסעות בנימין השלישי" גיט אונז אבראמאָוויטש אַ הומאָרפולען בילד פון דער גייסטיגער ענגשאַפט פון יודישען לעבען אין מיטען פונ'ם 19-יאָהרהונדערט. בנימין און זיין חבר סענדערל די יודענע—אַ מין דאָן קישאָט און סאנכא פאַנטשא — ווייזען אונז די צוויי געגענזאַצען פון דעמאָלסדיגען יודישען לעבען, דעם אידעאַליסט און דעם פּראַקטישען, אוןביידע שטעלען זיך אַרויס פאַר אונז אין זייער פינסטערער, בלינדער, גייסטיגער בעגרענעצטקייט". (בעל מחשבות)[3].

„מיט זיין וואונדערליכען „מסעות בנימין השלישי" — שרייבט ש. ניגער[4])—האָט מענדעלע געמאַכט אַ שריט צום צווייטען, פיינערען אינ'ם קינסטלערישען זין, טהייל פון זיין שאַפען. דאָ איז שוין ווידער מעהר זייטיגע זאַכען און מעהר קינסטלערישע רוהיגקייט, מעהר אייגענהאַלטענקייט, ווי אין די פריהערדיגע ווערק. דער גאַנצער מאַן איז שוין דאָ מעהר אַ הומאָריסטישער, ווי אַ סאַטירישער... אין „מסעות בנימין השלישי" האָט צום ערשטען מאָל דער קינסטלערישער הומאָר די

---

[2]) זע „וואָסכאָר" XII 1884, „השלח", כרך ל"ד, ז. 28 — זע אויך זלמן רייזען „לעקסיקאָן" I ז. 21—22. און ש. מ. גינזבורג—אַלע ווערק פון ממו"ס, באַנד XXI.

[3]) בעל מחשבות—אַן אייניקל דעם זיידען, אַלע ווערק פון מענ"ס ב. I.

[4]) ש. ניגער—וועגען יודישע שרייבער, באַנד I, ז. 55—57.

אויבערהאַנד בעקומען איבער דער מעהר־פּובליציסטישער סאַטירע... שרייבענדיג דאָס דאָזיגע ווערק, האָט מענדעלע געהאַט פאַר זיך אַ גרויסען מוסטער, דאָס אומשטערבליכע ווערק פון סערוואַנטעס... קיינער וועט נישט פערגלייכען דאָס שעהנע „מסעות בנימין השלישי", וואו דער עיקר איז דער יודישער, אויב מ'קאָן זאָגען אַזוי, עטנאָגראַפישער הומאָר—מיט דעם „דאָן קישאָט", וואו עס איז פאַרהאַן אַן אייביגער, אלמענשליכער אינהאַלט. וויכטיג איז אָבער די זעלבסטשטענדיגקייט, מיט וועלכער מענדעלע האָט פעריודישט דעם דאָן קישאָט. ער האָט פעריודישט דעם אינהאַלט, נישט נאָר די פאָרם, אַ דאָן קישאָט, אַזוי ווי מיר פערשטעהען איהם ביי סערוואַנטעס, קאָן אין טונעיאַדעווקע נישט אויסוואַקסען, דאָן קישאָט האָט קינדישע פאַנטאַזיעס, ער האָט אָבער אויך קינדישע עקשנות; בנימין איז אַ יודענע פונקט ווי דער חבר זיינער, סענדערל. דאָן קישאָט האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט, בנימין שרעקט זיך פאַר אַ הונט, און אַז ער דערזעהט אַ גוי אין וואַלד, פאַלט ער אין חלשות, ער מיינט, ס'איז אַ גזלן. דאָן קישאָט שטעהט געגען דער וועלט, אַזוי ווי די תמימות געגען דער פאַלשקייט, אַזוי ווי דער עקסטאַז געגען דער ניכטערקייט. ווי שטעהט בנימין אנטקעגען דער וועלט? פשוט ווי אַ נאַר געגען קלוגע, ווי אַ בטלן געגען מענשען, וואָס זענען געניטער פון איהם און קאָנען איהם אַרייננאַרען אין זאַק. פון אַנדערע טונעיאַדעווקער שיידט ער זיך אָב נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אַביסל מעהר פאַנטאַזיע פון זיי און וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט מעשיות פון אלדד ומידד, אלעקסאנדער מוקדון און די רויטע יודעלעך. אַחוץ דעם איז ער אַ טונעיאַדעווקער, אַזוי ווי אַלע טונעיאַדעווקער. אַזוי ווי שטענדיג ביי מענדעלען קומט אויך דאָ דער פּרט צו געבען אָנצוהערענישען אויפ'ן כלל. „מסעות בנימין השלישי" געהערט יעדענפאַלס צו די זעלטענע ביי מענדעלע'ן ווערק, וואָס זענען „טעור אחד", פון איין שטיק.

דאָס ווערק איז אינגאַנצען אָנגעשריבען מיט אַ ליעב האַרציגען הומאָר. מענדעלע איז שוין דאָ וועהניג שטראָפער, ער בייזערט זיך נישט, ער מאַדעלט נישט, נאָר ער גלעט, ער צערטעלט זיינע הויפּטהעלדען, וואָס ער ברענגט זיי אַרויף, ווי אַ זיידע זיינע ליעב־האַרציגע אייניקלעך. אָט דער גוטמוטיגער מאָן פיהלט זיך גלייך פון דער

הקדמה צו „מסעות בנימין השלישי“, וואו די איראָניע קוקט ארויס פון דעם לאַכענדיגען, מיטפיהלענדיגען שמייכעל. „איך האָב עפּעס געפיהלט, ווי מען שלאָגט מיך פון אויבען מיט די ווערטער: הקיצה, מענדעלע, כאַפּ זיך אויף, מענדעלע, און קריך אַרויס פון אונטערען אויבען! געה, נעם אָן פולע הויפענס געווירץ פון בנימינ׳ס אוצר און מאַך דערפון פּאָטראַוועס צו דיינע ברידער, אַזוי ווי זיי האָבען ליעב. איך בין מיט גאָטס הילף אַרויסגעקראָכען און צוגעבריט אַ געשמאַקע שפּייז, וואָס איך שטעל דאָ איצט פאַר אייך אַנידער. עסט, רבותים, לאָז אייך וואויל בעקומען“. און אַט אַזוי, מיט א וואונדערליכער פיעטעט צו די טונעיאַדעווקער העלדען, ציהט זיך דער גאַנצער ספּור המעשה, וואָס איז געשריבען אין דעם ווייבען טאָן, מיט דעם גוטמוטיקען שמייכעל, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דעם כאַראַקטער פון דעם גוטמוטיגען, ווייכהארציגען בנימין.

אָבער דאָס איז דער אויבענאויפיגער איינדרוק. אין אמת׳ן אָבער איז „די סאַטירע פון דעם בוך שטאַרק און בייסענדיג... די גאַנצע פוסטקייט פונ׳ם יודישען לעבען אינ׳ם קליינעם שטעדטעל קומט אונז אומדערבאַרעמדיג צום בעוואוסטזיין: דאָס גרויסע עלענד, וואָס ציהט דעם מענשען אוועק דעם לעצטען ביסעל רעאַלען באָדען פון אונטער די פיס און לאָזט איהם נישט מעהר איבער ווי נאָר דאָס פוסטע פאַנטאַזיע־לעבען, נאָר הוריות און חלומות. און נישט נאָר איינער—ניין, אַ גאַנץ פאָלק איז פערמשפּט צו לעבען אזאַ לעבען פון לויטער פאַנטאַזיעס און הוריות און חלומות. עס געהט א שוידער אריבער איבער די ביינער. און דערביי איז דאָס בוך פול מיט די הערליכסטע נאַטורשילדערונגען און מיט די מייסטערהאַפסטע בעשרייבונגען פון יודישע מינען. און פון יודישען לעבען, פונ׳ם ערשטען בלעטעל ביז צום לעצטען [5]).

„מסעות בנימין השלישי“ איז אין 1885 איבערגעזעצט געוואָרען דורך דעם בעקאַנטען פוילישען שריפטשטעלער קלעמענס יונאָשאַ אויף פויליש אונטערען נאָמען Donkiszot żydowski און פון פויליש איז עס איבערגעזעצט געוואָרען אויף טשעכיש.

נ. מ.

---

[5]) זע דוד פרישמאַן—אַלע ווערק פון ממו״ס ב. I

מסעות בנימין השלישי

הקדמת מענדעלי מוכר ספרים.

אמר מענדעלי מוכר ספרים, זאָגט מענדעלי מוכר ספרים, געלויבט איז, דער בורא, וואָס בעשטימט דעם גאַנג פון די גלגלים אין די הימל אויבען און דעם גאַנג פון זיינע אַלע בעשעפעניש אויף דער ערד אונטען. אַפּילו אַ גרעזעלע קריכט נישט אַרויס פון דער ערד, ביז וואַנען אַ מלאך שלאָגט עס נישט און זאָגט: וואַקס! קריך אַרויס! מכל שכן אַ מענש, ער האָט אַוודאי אַ מלאך, וואָס שלאָגט איהם און זאָגט: געה, געה, קריך אַרויס? און מכל-שכן נאָך מעהר די פיינע מענשעלעך, שענע יודע-לעך. — קיין נאַר חאַפּט זיך פריהער פון איטליכען נישט אַרויס מיט אַ וואָרט, ביי אונז, קיין שוטה ווערט נישט קיין בעל-עצה, קיין עם-הארץ — אַ חסיד, קיין גראָבער יונג, אַ משכיל, ביז וואַנען עס שלאָגט נישט איטליכען פון זיי זיין מלאך, נויטענדיג איהם דערצו. עס שלאָגען די מלאכים אויך אַלע מיני קבצנים אונזערע, זאָגענדיג, וואַקסט, קבצנים, אביונים, דלפנים, געבוירענע, אָבגעקומענע, אָפּענע, פערבאָרגענע,

שפרָאצט, וואַקסט ווי גראָז, ווי קראָפּעווע! נעהט, אידישע קינדער, נעהט — איבער די הייזער!...

נאָר נישט דאָס אָבער בין איך אויסען. איך בין אויסען צו דערצעהלען דאָ אייך, רבותים, ווי איינער פון אונזערע ברידער איז פערגאַנגען העט, העט אין די ווייטע מקומות און האָט דערמיט קונה שם געווען.

אַלע ענגלישע און דייטשע גאַזעטען זענען פאַר אַ יאָהרען פול געוועזען מיט דער וואונדערליכער נסיעה, וואָס בנימין, אַ פּוילישער יודעל, האָט געמאַכט אין די אַרצות המזרח ערגיץ. „סטייטיש, סטייטש, — האָבען זיי זיך געחידושט, — אַ יוד, אַ פּוילישער יוד, אָהן כלי זין, אָהן מאַשינעס, נאָר מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט אַ טלית-און תפילין-זאַק אונטערן אָרעם זאָל אָנשפּאַרען אין אַזעלכע ערטער, וואו גרויסע בעריהמטע ענגלישע רייזענדע האָבען אָהן נישט געקענט צוקו־מען! נישט אַנדערש אַז דאָס איז געשעהן נישט מיט קיין מענשליכען כח, עפּיס נאָר מיט אַזאַ כח, וועלכען דער שכל קען כלל נישט משיג זיין, דאָס הייסט, דער שכל איז פּונקט נישט אַזוי בכח, אַזוי ווי דער דאָזיגער כח איז ניט בשכל. נאָר בכל האופנים, ווי די מעשה איז שוין דאָרט געווען, בנימינ'ן האָט די וועלט צו דאַנקען פאַר די חידושים, גרויסע זאַכען, וואָס זענען דורך איהם ענטפּלעקט געוואָרען און פון איצט אָן וועט די מפּה אָדער די לאַנדקאַרטע בעקומען גאָר אַ אַנדער פּנים. בנימין פערדינט מיט רעכט דעם מעדאַל, וואָס די געאָגראַפישע געזעל־שאַפט אין לאָנדאָן האָט איהם געגעבען...

די יודישע גאַזעטען האָבען די דאָזיגע רייד אויפגעהאַפּט מיט ביידע הענד און געהאַט דערמיט צו זינגען און צו זאָגען דעם גאַנצען פאַר־יאָהרדיגען זומער, אַזוי ווי איטליכען. וואָס לייענט די דאָזיגע גאַזעטען, איז בעקאַנט. זיי האָבען אויסגערעכענט אַלע חכמים, וואָס זענען ביי יודען געווען פון אָדם הראשון אָן ביז אַ צונד, בכדי צו בעווייזען, וואָס פאַר אַ קלוג פאָלק יודען זענען. האָבען אויך אויסגעשטעלט אַ צעטעל פון די נוסעים (רייזענדע) אין אַלע צייטען פון בנימין דעם ערשטען, מיט אַ זיבענהונדערט יאָהר צוריק, און בנימין דעם צווייטען מיט דער

גאַנצער חברה נוסעים, וואָס וואַנדרעווען היינט ביי אונז אַרום. און בכדי מפליג צו זיין די נסיעה פון אונזער איצטיגען בנימין, האָבען זיי, ווי דער שטייגער איז פון יודען, דערוויל פון יענע בלעטע געמאַכט און גע־זאָגט, אַז די גאַנצע כנופיא היינטיגע נוסעים זענען טאַקי נאַר פּראָסטע שלעפּערס, וויסען נישט פון זייער חיות, די גאַנצע נסיעות זייערע, משטיינס־געזאָגט, בעשטעהט נאַר דרינען, אַרומצושלעפּען זיך, ווי מקבלים, איבער די הייזער. זיי האָבען אַלע אפּנים ווי מאַלפּעס אַקעגען איצטיגען בנימין, אַקעגען בנימין דעם דרימען, דעם עכטען אמת'ן נוסע. זיי האָבען אויף איהם און אויף די ספרים, וואָס מען האָט געמאַכט פון זיין נסיעה, געזאָגט ווי געוועהנטליך דעם געוויסען פסוק: לא בא כבושם הזה, דאָס טייטש: ס'איז נאָך אַזעלכע בשמים, אַזעלכע שמעקענדיגע געווירץ ביי יודען קיינמאָל נישט געווען. געבענשט און איינגעוויקעלט מיט דימענטען זאָל ווערען דער דאָזיגער, — האָבען זיי אַלע פה אחד געזאָגט, — וועלכער עס וועט דעם טייערען אוצר פון בנימינ'ס נסיעה, וואָס געפינט זיך אין אַלע פרעמדע לשונות, איבערטראָגען אויך אין לשון הקודש, ניחיי לאָזען יודען, נעבעך, אויך פעזוכען די פּאַטיקע, וואָס רינט פון יודישען בינשטאָק, און זאָל זיי דערפון ליכטיג ווערען אין די אויגען.

ואני מענדעלי, און איך מענדעלי, וואָס מיין כוונה איז תמיד נוצען צו ברייננגען אונזערע יודעלעך כפי מיין מעגליכקייט, האָב איך מיך נישט געקענט איינהאַלטען און געזאָגט: איידער די יודישע מחברים, וואָס זייער מינדסטער פינגער איז גרעבער פון מיינע לענדען, איידער זיי וועלען זיך אויסשלאָפען אַרויסגעבען די ספרים פון בנימינ'ס נסיעה אין לשון־קודש, וועל איך דערוויל מיך פריווען האָטש אַ קיצור פון זיי אַרויסגעבען אויף פּראָסט יודיש. איך האָב אָנגעגורט מיינע לענדען ווי אַ גבור, און ווי אַלט און שלאַף איך בין, לא עליכם, האָב איך מיר פאַרט שטאַרקע מיה געגעבען אַרויסצובעקומען פונ'ם גרויסען אוצר אַזעל־כע ענינים, וואָס טויגען פאַר די קינדער ישראל, און צו דערציעהלען זיי פריי כפי מיין שטייגער. איך האָב עפּיס געפיהלט, ווי מען שלאָגט מיך פון אויבען מיט די ווערטער: הקיצה, מענדעלי, חאַפּ זיך אויף, מענדעלי, און קריך אַרויס פון אונטער אויווען! געה נעהם אָן פולע הויפענס גע־ווירץ פון בנימינ'ס אוצר און מאַך דערפון פּאַטראַוועס צו דיינע ברידער

אזוי ווי זיי האָבען ליעב. איך בין מיט גאָטס הילף ארויסגעקראָכען און צוגעבריט די געשמאַקע שפּייז, וואָס איך שטעל איצט דאַ פאַר אייך אנידער. עסט, רבותים, לאָז אייך וואויל בעקומען!

דאס ערשטע קאפיטעל.

ווער דער בנימין איז. פון וואנען ער איז און ווי די נסיעה האט פלוצלים צו איהם זיך גענומען.

„כל ימי, אזוי זאָגט בנימין דער דריטער אליין, כל ימי נתגדלתי בטונעיאַדעווקע, מיין גאַנץ לעבען, דאָס הייסט ביז מיין גרויסער נסיעהן בין איך נתגדל געוואָרען אין טונעיאַדעווקע, דאָרט בין איך געבוירען געוואָרען, דאָרט בין איך דערצויגען געוואָרען, און דאָרט האָב איך למזל תתונה געהאַט עם אשתי מיט מיין פלוניתטע הצנועה מרת זעלדע תחיה".

טונעיאַדעווקע דאָס קליינע שטעדטיל איז אַ פערוואָרפען ווינקעל, אַנדערזייט פונ'ם טראַקט, כמעט אָבגעריסען פון דער וועלט אַזוי. אז וועןן אַמאָל מאַכט זיך, איינער קומט אהין צופאָהרען, עפענט מען די פענסטער, די טירען און מען קוקט פערוואונדערט אָן דעם פרישען פאַר-שוין. שכנים פרעגען איינער ביים אַנדערען, אַרויסקוקענדיג פון די אָפענע פענסטער. קשיות: הא, ווער זאָל עס אזוינס זיין? פון וואַנען האָט ער פלוצלים פון דער העלער הויט אָהער זיך גע-נומען? וואָס קען אַזעלכער בעדאַרפען? האָט ער עפּיס נישט אַ מיין? עפּיס אזוי גלאַט קען עס ניט זיין, גלאַט אזוי דען נעהמט מען און מען קומט! מסתמא ליגט דאָך דאָ עפּיס, וואָס מען מוז עס דערגעהן... דערביי וויל איטליכער אַרויסווייזען זיין חכמה, זיין געניטשאַפט, בויך-סברות פאַלען ווי מיסט. אַלטע לייט דערצעהלען מעשיות און ברייננען משלים פון אורחים, וואָס זענען אין דעם און אין דעם יאָהר געקומען אהער צו פאָהרען. בעלי המצאות זאָגען מכח דעם ווערטלעך, אביסעל

עפּים נישט קיין שענע. מאַנסביל האַלטען זיך בײַ די בערדלעך און שמײַכלען; אַלטע ווײַבער זידלען אָב די בעלי המציאות אויף קאַסאַטעס, מיט אַ בײַזער אי מיט אַ לאַכען אינאײנעם; יונגע ווײַבלעך דערלאַנגען פון די אַראָבגעלאָזענע אויגען אַ געבײגענעם קוק פון אונטען אַרויף, האַלטען די האַנד אויפ'ן מויל און שטיקען זיך לאַבענדיג אין פויסט. דער שמועס מכח דעם דאָזיגען ענין קויקעלט זיך פון שטוב צו שטוב, ווי אַ קויל פון שניי, און ווערט קויקלענדיג־זיך אַלץ גרעסער, גרעסער, ביז ער קויקעלט זיך אַרײַן אין בית־המדרש סאַמע אונטער'ן אויווען, אין דעם אָרט, וואָס אַהין פערקויקלען זיך אַלע שמועסען פון אַלערלײַ ענינים, הן סודות פון שטובזאַכען, הן פּאָליטיקע מכח סטאַמבול, מכח דעם תוגר ומכח קירה'ן; הן געלד־געשעפטען, מכח ראָטהשילדס פאַרמעגען אין פערגלײַך מיט די גרויסע פּריצים און די אַנדערע געוויסע נגידים, והן פּאַטשטען מכח די גזרות ומכח די רויטע יודלעך וכדומה, און וואָס דאָרט קלײַבט זיך פונאַנדער כסדר אַ בעזונדער קאָמיטעט פון שענע בעטאָגטע יודען, וואָס זיצען שטענדיג אַ גאַנצען טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מפקיר ווײַב אי קינדער און גיבען זיך מיט די אַלע געשעפטען טאַקי אמת נעטרײַ אָב, טהוען זייער זאַך בשלימות גלאַט אַזוי לשם שמים, נישט צו נעהמען פאַר זייער מיה, פאַר זייער פּראַצע אפילו אַ צובראָכענעם העלער. פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט געהען אָפּט די ענינים אַוועק אין באַד אויף דער אויבערשטער באַנק און איף אַ פולער אסיפה פון שטאָדט־בעלי־בתים ווערען זיי דאָרט בעשטעטיגט, והכל שריר וקים, אַז דערנאָך זאָלען אפילו קומען כל מלכי מזרח און מערב, זיך שטעלען מיט דעם קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף, וועלען זיי גאָרנישט פועלן. דער תוגר איז שיער איין מאָל נישט אומגליקליך געוואָרען אויף אַזאַ אסיפה אויף דער אויבערשטער באַנק. ווען עטליכע יוהטע בעלי־בתים זאָלען נישט געווען האַלטען מיט איהם בלאַט, ווער ווייסט, וואו ער וואָלט איצט אַנגעשפּאַרט. ראָטהשילד, נעבעך, האָט שיער נים פערלוירען דאָרט עפּים אַ צעהן—פופצעהן מיליאָן. דערפאַר האָט איהם גאָט געהאָלפען אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, דער עולם איז געוועזן, ווי מען זאָגט, בגילופין, אויף דער אויבערשטער באַנק איז גראַד געווען לעבליך, די בעזעמלעך האָבען זיך געהייבען און מען האָט איהם מיט אַ מאָל צוגעלאָזט ריין פערדינסט אַקעגען אַ"ן מיליאָן קערבלעך!

די אײַנוואוינער אַליין אין מונעיאַדעווקע זענען, נעבאַך, כּמעט אַלע, לא עליכם, גרויסע אביונים, שטאַרקע דלפנים.

נאָר דעם אמת מוז מען זאָגען, ווי זענען פרעהליכע אביונים, לוסטיגע קבצנים, ווילדע בעלי-בטחון׳ס. אז מען זאָל א שטייגער, פלוצלים א פרעג געבען א טונעיאַדעווקער יודען: פון וואַנען און ווי אזוי ער איז זיך מפרנס? בלייבט ער תחילת שטעהן ווי צומישט, ווייסט, נעבעך, נישט, וואָס צו ענטפערן, נאָר שפּעטער אביסעל אָבער קומט ער צו זיך און ענטפערט בתמימות:

— איך, ווי אַזוי איך לעב, איך? עט, ס׳איז דאָ א גאָט, זאָג איך אייך אַט-אָ, וואָס פערלאָזט נישט אלע זיינע בעשעפעניש, ער שיקט צו און ועט מסתמא ווייטער צושיקען, זאָג איך אייך אַט-אָ.

— פאָרט וואָס טהוט איהר אַזוינס? האָט איהר האָטש עפּיס וואָס ס׳איז פאר א מלאכה אָדער א פרנסה אין דער האַנד?

— געלויבט איז השם-יתברך. איך האָב ברוך השם, אַזוי ווי איהר קיקט מיך אָן אַט-אָ, א מתנה פון זיין ליבען נאָמען, א כּלי, א קול נגינה און דאַווען מוספים ימים נוראים אין דער סביבה, איך בין א מוהל און א מצה-רעדלער איינער אין דער וועלט, איך פיהר א מאָל אוים א שידוך, פיהר איך אוים; איך האָב א שטאָט, אַזוי ווי איהר קיקט מיך אָן אַט-אָ, אין דער שוהל. הייַנט האַלט איך אייך, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, א שיינקעל, וואָס מעלקט זיך צו ביסלעך; איך האָב א ציג, וואָס מעלקט זיך אָהן עין-הרע זעהר גוט, און האָב נישט ווייט פון דאַנען א רייכען קרוב אַט-אָ, וואָס לאָזט זיך אונטער א שלעכטער צייט אויך אַביסעל מעלקען. הייַנט חוץ די אַלע זאַכען, זאָג איך אייך אַט-אָ, איז גאָט א טאַטע און די ישראל זענען רחמנים בני רחמנים, זאָג איך אייך אַט-אָ, נישט צו פערזינדיגען!...

אויך מוז מען די טונעיאַדעווקער איינוואוינער דעם שבח נאָכזאָגען, אַז זיי זענען צופרידען מיט וואָס גאָט גיט און קלויבען, חלילה, אין דער הלבשה און אין דעם עסען שטאַרק נישט איבער. אז די שבתדיגע קאַפּאָטע, א שטייגער, איז צוהאַקט, צופאַלען, צוריסען, א ביסעל פערשלומפּערט און עפּים נישט אַזוי ריין, מאַכט אויך נישט אוים. אבי זי איז פאָרט פון אַטלעס און גלאַנצט. אי ערטערווייז קוקט ווי פון א רעשעטע אַ־ויס דאָס הויַלע לייב, מילא, וואָס אַרט עס זעמען, ווער וועט זיך דאָ אַזוי שטעלען צוקוקען? למאי פּיאַטעס, מיט וואָס איז דאָס ערגער פון אויסגעריבענע פּיאַטעס? פּיאַטעס איז דען נישט קיין לייב, קיין מענשענפליים?.... א שטיקעל ברויט מיט א קאָליש,

אבי ס'איז נאָר דאָ, איז זעהר אַ גוטער מיטאָג. ווער שמועסט — אַ בולקע מיט אַראָפּעלפלייש פריימאָג, ווער עס האָט נאָר, דאָס איז טאַקי אַ מאכל מלכים, קיין בעסערס דערפון איז שוין, דאַכט זיך. אויף דער וועלט נישטאָ. לאָז מען זיי דערצעהלען אַ שטיינער, פון אַנדערע מיני פּאַט־ראָווע חוץ פיש־יויך, געבראָטענס און אַ מעהרען־אָדער אַ פאָסטערנאַק־צימעס, קומט זיי דאָס אויס עפּיס משוגה ווילד און זאָגען דערויף אָב פאַרשידענע ווערטלעך מיט דעם גרעכטען געלעכטער, גלייך ווי דער וואָס זאָגט עס, איז נאַריש, משוגע, און וויל זיי אויך מאַכען משוגע, אייגרייּ־דען זיי אַ קינד אין בויך, אַ קוה איז געפלויגען איבערן דאַך און געלעגט איין איי. אַ שטיקעל באָקסער אין חמשה־עשר — דאָס איז אַזאַ פריי, וואָס מחיה נפשות. קיקענדיג דערויף, דערמאָנט מען זיך אין ארץ ישראל נישט איין מאָל פערגלאָצט מען דערביי די אויגען מיט אַקרעכץ: אַ־והוליכנו קוממיות, זאָלסט אונז, האַרצעדיגער פאָטער, פיהרען קוממיות־טאַקי וואָס קוממיות הייסט, לארצנו צו אונזער לאַנד, וואָס ציגען עסען דאָ־ט באָקסערען!.... על פי מקרה האָט איינער אַ מאָל אין דעם שטעדטיל גראָד געבראַכט אַ טייטעל, האָט איהר בעדאַרפט זעהן, ווי אַזוי מען איז דאָס געלויפען אָנקוקען אויף חידושים. מען האָט אויפגע־מישט אַ חומש און געוויזען, אז תמר, דער טייטעל שטעהט אין חומש! סטייטש דער טייטעל, אָט דער טייטעל וואַקסט דאָך פון א־ץ ישראל!... קוקענדיג אויפ'ן טייטעל האָט זיך אויסגעדאַכט, ארץ ישראל איז פאַר די אויגען, אָט געהט מען איבער דעם ירדן, אָט איז די מערת המכפלה, דער מוטער רחלים קבר, דאָס כותל מערבי; אָט באָדט מען זיך אין חמי טבריא, מען קריכט אַרויף אויפ'ן הר הזיתים, מען עסט זיך אָן מיט באָקסערען, מיט טייטלען און מען לעגט אָן פולע קעשענעס מיט ארץ־ישראל־ערד. אַך, האָט מען געקרעכצעט, און אין די אויגען האָבען איטליכען זיך געשטעלט טרעהרען.

יענע צייט, אַזוי זאָגט בנימין, איז גאַנץ טונעיאַ־דעווקע, ווי גרויס זי איז, געוועזען אין ארץ ישראל. מען האָט געשמאַק גערעדט פון משיח'ן, אָט, אָט איז שוין גאָטס פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג. דער נייער פריסטאַוו, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקו־מען, האָט גראָד ביד רמה דענסטמאָל געפיהרט דאָס שטעדטיל. ביי אַ פּאָר יודען האָט ער אַראָבגעריסען די יאַרמעלקעס, איינעם אָבגעשניטען אַ פּאָה, עטליכע, נעבעך, געחאַפּט שפּעט ביי דער נאַכט אין אַ געסיל אָהן פּאַס־פּאָרטען, ביי נאָך איינעם פערנומען אַ ציג, וואָס האָט אויפגעגעסען

א נייעם שטרויענעם דאך, און ער איז דערמיט איך געווען די סבה דערפון, וואָס דער קאָמיטעט אונטערן אויוועז האָט זיך שטאַרק געדורעט מיט דעם תוגר, עד מתי וועט דער שר של ישמעאל אַזוי שולט זיין ? מען האָט אויפֿגעמישט דעם געוועהנליכען שמועס מכח די עשרת השבטים, ווי גליקליך זיי לעבען דאָרט אין יענע ווייטע מקומות, אין גדולה, עושר און כבוד; מען האָט אָפּגענומען די רויטע יודלעך די בני משה מיט גוזמאות־מעשיות פון זייערע גבורות וכדומה; אלדד הדני, עס פערשטעהט זיך, האָט אויך געטאַנצט אין דערמיט. יענער צייט צום טייסטען האָב איך צופערדאַנקען די נסיעה מיינע, וואָס איך האָב דערנאָך געמאַכט".

פריהער, איז בנימין געווען ווי אַ הינדעלע, וואָס ליגט אין איי, אָדער ווי אַ וואָרעם, וואָס ליגט אין חריין. ער האָט געמיינט, אַז אויף יענער זייט טונעיאַרעווקע עקט זיך די וועלט, קיין זיסער, קיין בעסער לעבען ווי דאָ איז גאָר נישטאָ.

איך האָב געמיינט, זאָגט בנימין ערגיץ אין איין אָרט, אַז רייכער פון אונזער אַרענדאַטאָר בעדאַרף מען שוין נישט זיין. אַקליינינקייט עפּיס אַזאַ שטוב מיט בעל־הבתישקייט: פיער פּאָר מעשענע לייכטער, אַ זעקס־רעהרענדיגער הייגגליכטער אויבען מיט אַ אָדלער, צוויי קופערנע פאַרעווע טעפּ מיט אַ פינף קופערנע פענדלעך, אַפּאָלעצע צינערנע טעלער און, אַוודאי, אַקענגען אַ מוץ טעמבעקאָווע לעפעל, צוויי זילבערנע בעכערלעך, אַ הדסל, אַ חנוכה־לעמפעל אַ ציבעלע־זייגער אין צוויי קופערטעם מיט אַ גראָב קייטעל פון זאַמד־פּאַטשערקעס, צוויי קיה מיט אַמאָל און אַ טעלעצע אויף דער צייט, צוויי שבתדיגע קאַפּאָטעס וכדומה נאָך און נאָך אַזאַ גוטס. איך האָב געמיינט, אַ חכם איז טאַקי נאָר איין רב אייזיק דוד רב אהרן יוסילע׳ס שרה זלאַטעס. אַ קאַטאָוועס, מען זאָגט, אַז ער האָט אַ מאָל אין דער יוגענד געהאַט אַ ידיעה אין תשבורת. ער האָט געמענט זיין מיניסטער, ווען דעם שטיקעלע מזל זאָל איהם נאָר דינען. ווער האָט נאָך, האָב איך געמיינט, אַזאַ הדרת פנים, אַזאַ בנעימותדיג שמועסיל ווי אונזער חייקיל זאַאיקע, אָדער ווער איז אַזאַ מומחה, אַזאַ דאָקטאָר, וואָס מאַכט פון טויט לעבעדיג, ווי אונזער רופא, וואָס ער האָט כפי השמועה די חכמת הדאָקטאָריע געלערענט ביי אַ ציגיינער פון די חרטומי מצרים.

הכלל דאָס לעבען אין זיין שטעדטעל האָט בנימינ׳ן זיך אויסגעוויזען זעהר שען, זעהר גוט. ער האָט אפילו גע־

לעבט אין דחקות, ער מיט זיין ווייב און קינדער זענען געגאנגען קרועה-בלואה, נאר האט דען אדם הראשון און זיין ווייב בשעת זיי זענען געוועז אין גן ערן פערשטאנען זיך צו שעמען, וואס זיי זענען נאקעט אין בארפוס? די וואונדערליכע מעשיות אבער פון די רויטע יודלעך און די עשרת השבטים זענען איהם איין טיעף אין הארץ און פון יענער צייט אן איז איהם עפים ווי ענג געווארען אין זיין שטעדטעל, עס האט איהם עפים געצויגען אליץ אהין, אהין דארט אין די וייטע מקומות אריין; דאס הארץ האט אין איהם זיך געצויגען, אזוי ווי קליינע קינדער ציהען זיך מיט די הענטלעך אקעגען דער לבנה. דאכט זיך אין פלוג, וואס איז אזוינס א טייטעל, א פריסטאיו, א יארמעלקע, א פאה, א יוד, נעבעך, וואס ווערט נלכד אין געכיל שפעט ביי דער נאכט, א ציג און א שטרויענער דאך? נאר דאס אלדינג האט אנגעמאכט אין איהם א גרויסע פערענדערונג, עס האט געפיהרט דערצו, אז ער זאל בעגליקען די וועלט מיט זיין בעריהמטער נסיעה. אין דער וועלט זעהט מען נישט איינמאל ווי פון קליינע סיבות קומען ארויס גרויסע, זעהר גרויסע זאכען: דערפון וואס דער פויער האט געזייעט וייץ און קארען, וואס דער מיהלנער האט עס געמאהלען, וואס דער־פון איז א טייל א־יין אין דער נאראלנע און געווארען בראנפען און אביסעל פונ'ם מעהל איז אריין אין גיטעל דער שיינקערינס הענט, וואס זי האט עס געראשטשינעט, געקנאטען, געקאטשעט און געמאכט קנישעס, מצורף לזה, וואס די פעניציער האבען מיט טויזענדער יאהר צוריק ענטדעקט די המציאה, ווי מען מאכט גלאז, און דורכדעם איז ארויסגעקומען כוסות אי קעלישקעס,— אט פון די דאזיגע אלע קליינע סיבות זענען ביי אונז אין א סך שטעדט ארויסגעשפרונגען יענע ווילדע קהלס-לייט, יענע משוגה בעריהמטע פיינע בריות....

מעגליך איז, אין בנימינ'ן איז געלעגען א ניצוץ פון א נוסע. נאר דער ניצוץ וואלט פערלאשען געווארען, ווען די סיבות און די מעשיות פון יענער צייט וואלטען איהם נישט איפגעבלאזען, און ווען אפילו דער ניצוץ וואלט נישט פערלאשען געווארען אינגאנצען, וואלט ער, ווען נישט די דאזיגע סבות אין יענער צייט, געהאט אזא קליינעם כח, אז פון בנימינ'ן וואלט מיט דער צייט אויסגעוואקסען א וואסערפיהרער אדער, ווען פיעל, א בעל העגלה.

איך האב אין מיין לעבען בעגעגענט זעהר פיעל בעלי העגלות און שמייסערס, וואס זיי זענען מסוגל געוועז צו זיין

זועלכע נוסעים גלייך, כ׳לעבען, ווי יענע, וואָס וואַנדערען היינט אַרום צווישען יודען.... נישט דאָס אָבער בין איך אויסען:

פון יענער צייט אָן פלעגט בנימין מיט גרוים חשק זיך פערטיפען אין רבה בר בר חנה׳ס נסיעות אויפ׳ן ים און אין דער מדבר. ער האָט אויך דערטאַפּט שפּעטער דעם כפר „אלדד הדני״, דעם ספר „מסעות בנימין״, וואָס ער האָט מיט אַ זיבען הונדערט יאָהר צוריק גערייזט ביז עק וועלט, דעם ספר „שבחי ירושלים״ מיט הוספות און דעם ספר „צל עולם״, וואָס אין זיבען קליינע בלעטלעך איז ער כולל אַלע שבע חכמות און דערצעהלט חידושים ונפלאות פון דער גאַנצער וועלט און פון איהרע משונה־ווילדע בעשעפעניש. די דאָזיגע ספרים האָבען איהם געעפענט די אויגען און איהם איבערגעקעהרט פשוט גאָר פאַר אַיין אַנדער מענשען.

„פון די וואונדער־שעֶנע מעשיות דאָרט,—דריקט זיך אַזוי בנימין אויס אין זיין ספר,— פלעג איך שטאַרק נתפעל ווערען. אַי, אַי! פלעג איך נישט איין מאָל פאַר גרוים התפעלות אַ געשריי טאָן: ווי העלפט מיר גאָט חאָטש אַ הונדערטיל דערפון צו זעהן מיט מיינע אויגען! דער קאָפּ מיינער האָט געטראָגען וויים, ווייט...״

פון דענסטמאָל אָן איז איהם טונעיאַרעווקע שוין מאַקי געוואָרען צו ענג, ער האָט ביי זיך גומר געווען אַרויסצוחאַפּען זיך פון דאָרט מיט אַלע כחות, גלייך ווי אַ הינדעלע, וואָס הויבט זיך אָן אויסצופּיקען און אַרויסקריכען פונ׳ם איי אויף דער ליכטיגער וועלט.

צווייטע קאַפּיטעל.

ווי בנימין ווערט אַ קדוש און זעלדע איין עגונה.

בטבע איז אונזער בנימין דער נוסע געוועזן אַ ווילדער בעל פּחדן, היינו ביי דער נאַכט פלעגט ער מורא האָבען צו געהן אויף דער גאַס, שלאָפען איינער אַליין אין אַ שטוב וואָלט ער נישט געוואָלט, מען זאָל איהם אָבגילטען. אַרויסצוגעהן אַביסעל ווייט פון דער שטאָדט האָט ביי איהם געהייסען פשוט זיך איינשטעלען דאָס לעבען, מאַלע וואָס קען, חלילה, געשעהען. פאַר אַ ליאַד הינטעל האָט ער געציטערט אימות מות.

„איין מאָל, אַזוי דערצעהלט בנימין, איין מאָל, איך געדיינק עס ווי היינט, דאָס איז געוועזן תמוז אין אַ שרעקליך הייסען טאָג, איז אונזער רב מיט איינעם פון זיינע לייט געגאַנגען זיך אָבטובלען אין דעם טייכעל, וואָס אונטער דער שטאָדט. איך מיט אַ פּאָר יונגלעך, מיינע חברים, זענען מיט גרויס דרך ארץ נאָכגעגאַנגען פון הינטען און געוועזן ביי זיך זעהר זיכער, אַז מיר וועלען נישט האָבען קיין שום שלעכטע בעגעגעניש און, אם־ירצה־השם, קומען צוריק בשלום אַהיים, געדופעט איוף דעם רב. עפּים אַ קאַטאָוועס אַ רב, וואָס פאַר איהם האָט דרך ארץ אַ וועלט וואָס קיין עלטערם פאַר איהם איז שוין גאָר נישטאָ! וואָס דער טיטעל זיינער פאַרנעהמט אַ בלעטיל פּאַפּיר... דער רב, אונזער בעשיצער, איז מיט ברייטקייט געגאַנגען היבש פריהער פאַר אונז און אַז ער האָט געהאַלטען אין אויסטאָן זיך, איז אין מיטען דרינען אָנגעקומען עפּים אַ שייגעץ און אָנגערייצט זיין הונד. אונזער בעשיצער איז נישט פוים־לעבעדיג אַנטלויפען, צוגעהאַלטען, מחילה, די אָבגעשפּילע-

טע תחתונים מיט איין האַנד און מיט דער אַנדערער דאָס קיילעכדיגע געשטעפּטע פּעלפּענע היטעל. מיר יונגלעך זענען אַוודאַי מבולבל געוואָרען. דען אַז דער לויתן ווערט אויף דער ווענטקע געהאַפּט, וואָס זשע, נעבעך, זאָלען שוין טאָן די פלאָטקעס אין דער בלאָטע? מיר האָבען אָנגעגורט אונזערע לענדען און געשווינד ווי די הירשען געלאָפען פאָראויס מיט אַ גוואַלד, מיט אַ ביטער געשריי, ביז מיר זענען אַזוי הענ־דום־פּענדום אָהן אַ נשמה אינאיינעם מיט אונזער גבור אַריינגעלאָפען אין דער שטאָדט. ס'איז געוואָרען אַ מהומה, אַ צונויפלויפעניש, אַ ליאַרעם: עס ברענט! מען הרגעט, מען שלאָגט! איינער פונ'ם אַנדערען האָט נישט געוואוסט".

אַז בנימין האָט פירגענומען די נסיעה אין די ווייטע מקומות, איז ביי איהם געבליבען קודם־כל זיך צו שטאַרקען אַוועקצוואַרפען דעם פּחד. ער האָט זיך געצוואונגען, דווקא געהן אַליין שפּעט ביי דער נאַכט, דווקא שלאָפען איינער אַליין אין חדר און דווקא אַרויסגעהן אָפּט אונטער דער שטאָדט, חאָטש דאָס האָט איהם געקאָסט געזונד און איז פאַר שרעק, נעבעך, פונ'ם פּנים אַראָב. די נייע הנהגה זיינע אין דער היים און אין בית־המדרש, זיין פערטראַכט־בלייך פּנימיל און זיין פערפאַלען־ווערען אָפּט אויף עטליכע שעה פון דער שטאָדט, איז איטליכען געוואָרען עפּיס אַ פּליאָה; מען האָט איהם גענומען אין מויל אַריין און פון איהם געשמאַק גערעדט, אַ טייל האָבען געזאָגט: נישט אַנדערש, ער איז משוגע, חסר דעה. איינמאָל, אַזוי האָבען זיי גערדונגען, איז בנימין טאַקי געווען תמיד אַביסעל שוטה'וואַטע, עס האָט איהם געפעהלט אין קאָפּ אַ קלעפּקע; צווייטענס איז שוין טאַקי אין טונעיאַדעווקע לערך עט־ליכע יאָהר נישט געווען קיין משוגענער, און מיר האָבען דאָך אַ קימאַ־לן, ווי זאָגט מען עפּיס. עיר ועיר וחכמיה עיר ועיר ומשוגעיה, איטליכע שטאָדט מיט איהר חכם אי מיט איהר משוגענעם. בפרט נאָך היינט אין אַזעלכע גרויסע היצען. פאַר וואָס זשע זאָל נישט זיין קיין סברה, אַז ער זאָל טאַקי זיין משוגע גאָר פשוט. ווידער אַ טייל, און בראש פון זיי רב אייזיק דוד רב אַהרן יוסילים שרה זלאַטעס, האָבען געמאַכט: עט, עט!... טאַקי נאָך אַמאָל עט! אמת טאַקי בנימין איז שוטה'וואַטע, טאַקי שטאַרק שוטה'וואַטע. גאָר דערפון איז נאָך כלל נישט גערדונגען, אַז ער מוז ווערען אי משוגע, וואָרום זעלט־עס אַנדערש זיין אַזוי, איז דאָך די קשיא, פאַר וואָס נראָד אַצינד און נישט פריהער? אדרבה ואדרבה, פאַר צוויי יאָהרען אי פאַר אַ יאָהרען זומער. זענען

די היצען געוועזן אַ גוזמאָ גרעסער. אַי וואָס, דער קימאַ־לן? דער תירוץ: זאָל זשע דוכטען — אונזער טייך. דער טייך אונ־זערער, האָבען מיר דאָך אַ קימאַ־לן, נעהמט זיכער צו פון אָהי־ביז אָן אַ מענשען אַלע יאָהר, און פונדעסטוועגען האָט ער שוין אַ פּאָר יאָהר קיינעם נישט צוגענומען! פאַרקעהרט, ער אַליין איז אין די פּאָר יאָהר אָבגעפאַלען, אַז ערטערווייז קען מען ממש איהם איבערגעהן טרו־קען־פוס... אַי בנימין? מילא בע... דער גרעסטער טייל אָבער, און צווישען זיי די ווייבער, האָבען געזאָגט: ער מוז האָבען צו טאָן מיט זיי... ער פאַרעס זיך אוודאַי מיט איהם... מיט דעם בעל דבר... וואָס דען זשע בראָדזעט ער אַליין ביי נאַכט אין דער פינסטער? וואָס דען זשע ווערט ער אַ מאָל פערפּאַ־לען אויף עטליכע שעה? וואָס דען זשע שלאָפט ער איינער אַליין אין ספּיזשאַרנע? זעלדע זיין אייגען ווייב דערצעהלט אויך, אַז זי האָרכט ביי דער נאַכט, ווי מען קלאַפּט ביי איהם אין ספּיזשאַרנע, זי האָרכט אַ קלאַ־פּעריי, ווי מען געהט דאָרט מיט פיס..

דער דאָזיגער שמועס מכח דעם ענין האָט, ווי געוועהנטליך, זיך אוועקגעקייקעלט אַהין אונטערן אויווען, פון דאָרט אויף די אַסיפה אויף דער אויבערשטער באַנק. מען איז איבער בנימ׳נ׳ן דאָרט צווישען זיך נאָך נישט פאַרטיג געוואָרען. נאָר דערוויל איז געבליבען מוסכם ביי אַלע, מען זאָל צוגויפשטעלען אַ קאָמפּאַניע פון אַ פּאָר שענע יודען מיט דעם סופר, וואָס זיי אינאיינעם זאָלען אַרומגעהן אין אַלע הייזער כסדר נאָכ׳ן צעטעל און אומעטום בודק זיין, רעווידירען די מזוזות. אין ווייל די אַסיפה האָט אויף דעם ענין געקוקט ווי אויף אַ קהלשער זאַך, אַ טובה פאַר דער שטאָדט, לכן איז געבליבען, אַז בכדי אויסצושטעהן די הוצאות, וואָס אַזאַ קאָמפּאַניע בעדאַרף קאָסטען, זאָל מען אַרויפציהען דעם מקח פון פלייש... אין מגעיאַדעווקע איז דאָ אַ ווערטיל: פון וואָס מען זאָל נים שמועסען, מוז אַרויסקומען אויפ׳ן טויט, און פון וואָס מען זאָל נישט רעדען אויף איין אַסיפה, מוז מען אויסלאָזען מיט דער טאַקסע פון פלייש. און באמת איז עס טאַקי על פּי דרך הטבע, אַנדערש קען עס טאַקי נאָר נישט זיין. דער שכל איז אויך אַזוי מחייב, וואָרום סוף כל אדם למות וסוף יהודי לטאַקסע, דאָס טייטש: דער סוף פון אַ מענשען איז צו שטאַרבען און דער סוף פון אַ יודען — צו צאָהלען טאַקסע! דער טויט און די טאַקסע—דאָס זענען בטבע אַזעלכע צוויי זאַכען, וואָס מען קאָן פון די בשום אופן נישט פּטור ווערען. אַזוי האָט דער אויבערשטער

בעשאפען די וועלט, און ווי ער האט זי בעשאפען, אזוי איז גוט, אזוי געהר עס זיכער צו זיין. קשיות פרעגען נאר אפיקורסים...

שפעטער אביסעל האט מיט בנימינ'ן זיך פערלויפען א מעשה, וואס ער האט מיט איהר קונה שם געווען. ארויסגעהענדיג איינמאל פון דער שטאדט, תמוז אין א הייסען טאג צוועלף אזייגער אין דער פריה, סאמע ווען די זון האט געבראטען, איז ער פערגאנגען טיעפליך אין א וואלד, אקעגען א דריי תחום-שבת'ן פון דער שטאדט. מיט זיך אין דער קעשענע האט ער גענאמען זיינע ספרים, וואס אהן זיי פלעגט ער נישט געהן קיין טריט. ער איז געזעסען אין וואלד אונטערגעלעהנט אונטער א בוים און האט געשמאק געטראכט. צוטראכטען האט ער גע-האט זעהר פיעל. באלד איז איהם דער קאפ פערפלויגען ווייט אהין אין יענע לענדער אין עק וועלט. ער איז געגאנגען איבער בערג, איבער טאלען, איבער מדבריות און אלע ערטער, וואס שטעהען אין זיינע ספרים. ער האט געוואנדר'ועט פוס-טריט נאך אלכסנדר מוקדון, נאך אלדד הדני וכדומה, ער האט געזעהן דעם שרעקליכען פיפערנאטער, דעם לינדענווארעם, שלאנגען, עקדישען און אלע מיני שלעק אי משלחת'ן. ער האט זיך צוגעשלאגען צו די רויטע יודלעך און גערעדט מיט די בני משה. דערנאך איז ער בשלום צוריקגעקומען צו זיך און האט געטראכט, ווי אזוי און ווען זשע זאל ער שוין מאקי מאכען די נסיעה.

אין מחשבות'ן איז דערווייל צוגעפאלען די נאכט. ער איז אויפגעשטאנען, איינגעגלייכט די ביינער און זיך געלאזט געהן א היים. ער געהט און געהט, נאך אלץ נישט פונ'ם וואלד ארויס. ער געהט א שעה, צוויי, דריי, פיער שעה, ס'איז קיין סוף, קיין עק. ער האט נאך טיפער אין וואלד זיך פערשלאגען און-דא איז פינסטער, האטש איין אויג ארויסצונעהמען. פלוצלים איז נאך געווא-רען א שטורמווינד מיט א שלאקסרעגען, עס האט געבליצט, גע-דונערט און די ביימער האבען געריושט א שרעק! בנימין איז געבליבען שטעהן, דער רעגען האט איהם געוואשען, א צאהן אן א צאהן האט איהם געקלאפט פאר קעלט, פאר נעץ און פאר גרויס פחד. עס האט איהם זיך געדאכט, אט פאלט אויף איהם אן א בער, אט פערצוקט איהם א לייב, א לעמפערט, אט געהט דער מאטו"ל, וואס כפי עס שטעהט אין „צל עולם", איז ער א גרויסער, א לאנגער מין בעשעפעניש מיט צוויי לאנגע הענד, מיט וועלכע ער ווארפט אנידער א העלפאנד. אנגסטען האבען איהם בעשלא-

גען, נעבעך, און דאָ איז ער נאָך טויט הונגעריג, חוץ אַ רעטשען קיכעל איז דעם גאַנצען טאָג אין זיין מויל נישט געקומען, ער האָט פאַר אַלע צרות זיך גענומען דאַווענען מעריב און געראַוועגט מיט התלהבות פונים גאַנצען הארץ.

נאָט האָט געהאָלפען, ס'איז טאָג געוואָרען. אונזער בנימין נעהמט זיך ווייטער צום נעהן אויף גאָטס בעראָטה. ער געהט, ער געהט, ביז ער שלאָגט זיך צום סוף אַרויף אויף עפּיס אַ שמאָ'לען וועג. מיט דעם וועג איז ער געגאַנגען אַקעגען אַ שעה צוויי און פּלוצ־לים דערהערט ער פון דער ווייטענס אַ קול פון אַ מענשען. אַנשטאָט ער זאָל מיט דעם קול זיך דערפרעהען, איז ער, שונא ציון, פערצאַפּעלט געוואָרען. איהם האָט זיך נישט אַנדערש געדאַכט, אז דאָס איז אַוודאי אַ גזלן. מחמת שרעק האָט ער זיך געלאָזט לויפען צוריק אָהן אַטהעם, באַלד אָבער האָט ער זיך בעטראַכט: פע, בנימין! דו ווילסט וואַנדרעווען אזוי ווייט איבער ימים און מדבריות, וואָס דאָרט שוויבעלט און גריבעלט פון עקדישען, פון חיות רעות און ווילדע אומות, און דאָ האָסט דו מורא פאַר'ן געראַנק, מאָטער בעגעגענסט-דו אַ גזלן. אי, פע, מעגסט, כ'לעבען, זיך שעהמען, בנימין. איז דען אַלכּסנדר מוקדון אויך אַנטלויפען אזוי ווי דו? האָט דען אַלכּסנדר מוקדון אויך אזוי ווי דו זיך מיאש געווען, בשעת ער איז געפלויגען רייטענדיג אויף זיין אָדלער און ס'איז אויסגעגאַנגען דאָס פלייש פונים שפּיז, וואָס דער אָדלער פלעגט עס פּיקען און פליהען דורכדעם אַלץ העכער? ניין, אַלכּסנדר מוקדון איז נישט אַנטלויפען, אַלכּסנדר מוקדון האָט ביי זיך אליין אויס־געשניטען אַ שטיק פלייש און אַרויפגעשטאָכען אויפ'ן שפּיז! אַדרבה שמאַרק זיך, בנימין, דאָס וויל גאָט דערמיט דיך נאָר אויספּריווען. האַלטסט-דו אויס די פּראָבע, אז וואויל און גוט איז דיר דענסטמאָל! דענסטמאָל, בנימין, ביסט דו אַ מענש און וועסט טאַקי ווערט זיין צו האָבען די זכיה פון השם יתברך צו דערגרייכען דיין וואונש וועגען די בני משה און מיט זיי איבערשמועסען מכּח דעם כּלל ישראל אין אונזער ווינקעל; דערצעהלען זיי גאַנץ בפּרטיות די הנהגות פון אונזערע יודעלעך דאָ, וואָס זיי טהוען און וואָס זיי מאַכען. וועסט דו איצט אויסשטעהן נאָך אי די דאָזיגע פּראָבע און געהן צוריק אַקעגען דעם קול, דענסטמאָל ביסט דו מנצח אַלע פּחדים און שרעקענישען. וועסט ווערען אַ כלי-שלמה, אַ ברכה, אַ בענשונג צווישען די קינדער ישראל און אָנטאָן כבוד גאַנץ

טונעיאַדעווקע. טונעיאַדעווקע און מוקדון—דאָס וועלען זיין צוויי ערטער גלייך בעקאַנט אין דער גאַנצער וועלט דורך אַלכּסנדר טונעיאַדעווקער און בנימין מוקדון!...

אונזער בנימין האָט זיך אומגעקעהרט טאַקי צוריק און איז געגאַנגען בעהאַרצט ווי אַ גבור מיט גרוים בטחון, ביז ער האָט פאַר זיך דער־זעהן דעם גזלן. דאָס איז געווען אַ פויער, וואָס איז געפאָהרען אויף אַ פּאָר אָקסען מיט אָנגעלאָדענע זעק אין וואָגען.

— דאָברי־דיען! — האָט בנימין צונעהענדיג אַ זאָג געטאָן ראָפּ־טאָם אויף אַ משונה קול, וואָס ער האָט אין זיך געהאַט אַלע טעמים: אי געשריי, אי געבעט, אי ווי איינער זאָגט: נאַ, נאַ טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט! אי עפּיס ווי אַ בקשה: גוואַלד, האָב רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב און קינדער, געבעך!

אָבזאָגענדיג, אָדער אָבשרייענדיג אי אָבוויינענדיג דאָס „דאָברי־דיען" איז בנימין געבליבען אָהן לשון חי דערוואָרגען. דעד קאָפּ האָט איהם זיך פאַרדרעהט, אין די אויגען איז איהם געוואָרען פינסטער, די פיס האָבען איהם אויפגעהערט צו דינען און ער איז טויט אַנידערגע־פאַלען אויפ'ן אָרט.

אז ער האָט אויפגעעפענט די אויגען און איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך געפונען ליגענדיג אין וואָגען אויף אַ גרויסען זאַק קאַרטאָפ־לעס, איבערגעדעקט מיט אַ גראָבער סוויטע. צוקאָפּענס איז איהם גע־לעגען אַ געבונדענער האָהן, וואָס האָט אויף איהם געקוקט אין דער זייט מיט איין אויגעל און איהם געגראַבעלט מיט די נעגעל. צופוסען איז געשטאַנען אָנגעשטעלט קערבעלעך מיט יונגען קנאָבעל אי ציבעלעס אין שאָר ירקות. אייער, אַ פּנים, איז דאָרט אויך געלעגען, וואָרום פּלאָווע זענען געפלויגען און איהם פערשאָטען די אויגען. דער פויער איז גע־זעסען, געדרויבערט גאַנץ רוהיג דאָס ליולקעלע און אימליבע רגע אויף די אָקסען אונטערגעשריגען: סאָפּ, הייטאַ, סאָפּ! די אָקסען קוים וואָס זיי האָבען זיך געריהרט, און די רעדלעך פונ'ם וואָגען האָבען משונה געסקריפּעט אימליבעס אויף איין אַנדער קול, איינאיינעם איז אויסגעקומען עפּיס אַ סקריפּענדיגער קאָנצערט, וואָס האָט געגרילצט אין די אויערען. דעם האָהן אַ פּנים, ווי עס האָט אויסגעזעהן, איז אַזאַ סקריפּעריי אויך נישט געווען לרצון, וואָרום אימליכם כאָל בשעת די רעדלעך פלעגען אינגאַנצען זיך אומדרעהען און אויסלאָזען אויף אַ סווישטש מיט אַ שלשלת, פלעגט ער בנימינ'ן אַ שמאַרקען גראַבעל כאַז מיט די נעגעל אין אַ קרעה

געבען קוקוריקו מיט כעס, מיט אימפעט, אַ עטליכע רגע דערנאָך פלעגט ביי איהם חאָרחלען פערדומפּען אינעווענינג אין האלז. בנימין האָט אין זיך נישט געפיהלט קיין גאַנץ אבר און איז געלעגען אַ היבשע צייט שטאַרק פערדולט: אַ שפּאַס וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, שרעק, הונגער, נעץ און קעלט! עס האָט איהם זיך גערדאַכט, אַז אַ טערק האָט איהם געפאַנגען אין דער מדבר און פיהרט איהם פערקויפען ערגיץ פאַר אַ קנעכט. ניחיי, האָט ער געטראַכט, ניחיי זאָל ער מיך חאָטש פערקויפען צו אַ יודען, וואָלט איך נאָך געקענט פּאָרט עפּיס אויפגעריכט ווערען, און באָם אָבער, ער וועט מיך פערקויפען צו אַ פּרינץ אָדער, חלילה, גאָר צו אַ פּרינצעסין פון די אומות העולם, בין איך דאָך פערלוירען, פערלוירען אויף אייביג. דערצו נאָך האָט ער זיך גראַד דערמאָנט די מעשה פון יוסף הצדיק מיט זליכה'ן און האָט מחמת יסורים אַ שטאַרקען קרעכץ געטאָן.

דער פויער האָט זיך אומגעקוקט, אַז ער האָט דערהערט בנימינ'ס קרעכץ, זיך צוגערוקט נעהנטער און איהם אַ פרעג געטאָן.

— נו זשידקאָ, אַ שטשאָ, טראָשקע ליפשע

דער קאָפּ איז בנימינ'ן באמת געוואָרען אַביסעל פרייער און ער האָט זיך דערמאָנט אינגאַנצען, וואָס מיט איהם איז פאָרגעגאַנגען. ער האָט אָבער זיך געפיהלט זעהר אין אַ שלעכטער לאַגע: גויאיש קען ער במעט נישט קיין וואָרט, היינט וואָס=זשע טהוט מען דאָ? ווי ענטפערט מען דעם ערל און ווי טענה'ט מען מיט איהם ,זיך דאָ אוים, צו וויסען אַקוראַט, וואָהין ער פיהרט מיך?

ימין האָט געפּרוווט זיך אויפזועצען, נאָר אומזיסט. די פיס האָבען איהם שטאַרק געבראָכען.

— טראָשקע טעבע ליפשע? האָט איהם דער פויער ווייטער אַ מאָל געפרעגט און מאַקי בנשימה אחת אַ מאַך געטאָן

— סאָפּ, הייטאַ, סאָפּ!

— ליפשע. רק ריבי מאָי אָי, אָי, אָי! האָט בנימין געענטפערט ווי ער האָט, געבעך, געקענט און איהם געוויזען אויף די פיס.

— איזווידקי טי זשידקאָ?

— איזווידקי טי זשיטקע?! האָט בנימין געמאַכט מיט אַ ניגון, ווי אַ מהפך-פשטאָ, יאַ ניאָמקאָ, בניאָמקאָ אוב טונעיאָדעווקי!

— טי איז טונעיאָדעווקי? קאָזשי=זשע, שטשא טי וויטאַראַשטשיל אַ מעני אָטשי אי גליאָניש יאַק שילאָני. אָליע מאָזשע טי מאַקי אי שילאָני. טראָסצאָ טוואָאי מאַמערי. סאָפּ, הייטאַ, סאָפּ!

— יאַ, סטייטש, יאַ טעבי לכתחלה קאַזאַטע, יאַ ניאַמקע סאַם אוב טונעיאַדעווקו! האָט בנימין געענטפערט, געמאַכט דערביי אַ רחמנות-פּנים, אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנד און געבעטען רחמים: גוואַרד אוב טונעיאַ-דעווקי זשינקאָ טעבי דאַם טשאַרקע שליש אי שאַבאַשקאָווע בולקע, אַי דאָברע דאַנקויעָם טעבי.

דער פויער, אַ פּנים, האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס בנימין מיינט;

— דאָברי זשידקאָ! — האָט ער געזאָגט, זיך געזעצט אויף זיין אָרט מיט דעם פּנים צו די אָקסען און געמאַכט סאַפּ, הייטאַ! —

אַקעגען אַ פּאָר שעה אַרום איז דער וואָגען אַרויפגעפאָהרען גלייך אויפ'ן מאַרק אין טונעיאַדעווקע, ווייבער און מאַנסביל האָבען זיך אַ שאָט געגעבען אַקעגען מיט פערשיעדענע שאלות. דער שרייעט:

— משויעש סקילקע האָטשעס זאַ פּיווען? זאַ ציבולי?

יענער פרעגט.

— מאָזשע מאַיעש קאַרטאָפּלי, יאַיצי?

בתוך הבאים קומט איינער מיט אַ שאלה:

— טשויעש מאָזשע טי באַטשיל נאַ דאָראָגי זשידקאָ? אַי נאַם יעדין זשידקאָ, בניאָמקאַ, ווטשאָראַ פּראָפּאַל יאַק אוב וואָדי.

און איידער דער פויער האָט אויספייעט איטליכען צו ענטפערן, זענען די אַלע ווייבער ווי די היישערעקען איבערגעפאַלען דעם וואָגען, האָבען אויפגעדעקט די סוויטקע און אין איין קול ארויסגעלאָזט אַ געשריי:

— בנימין!... ער איז, דאָ! ציפּע קרוינע! בת-שבע-ברייינדיל, לויפט גיכער צו זעלדען מיט דער גוטער בשורה, אַז איהר שאָדען האָט זיך אָבגעזוכט! זי וועט שוין נישט זיין קיין ווייסטע עגונה.

ס'איז געוואָרען אַ רעש, אַ צונויפלויפעניש, גאַנץ טונעיאַדעווקע האָט זיך געוויגט, קינד און קייט זענען געלויפען אָנקוקען בנימינ'ן. מען האָט איהם פערוואָרפען מיט רעד, מיט שאלות, מיט ווערטלעך, מ'אָן האָט דערצעהלט, אַז דעם גאַנצען נעכטיגען טאָג מיט דער נאַכט האָט מען איהם געזוכט, געאַקערט, מען האָט איהם שוין געהאַלטען פּאַר אַ קדוש און זיין ווייב פּאַר אַ ווייסטע עגונה.

פלוצלים אין מיטען געטימעל איז דאָס ווייב זיינס צוגעלויפען מיט אַ געוויין, זי האָט געבראָכען די הענד אָנקוקענדיג איהר בעשעהרטען, ווי ער ליגט בלייך און טויט און קען קיין ריהר זיך נישט טאָן. זי האָט, נעבעך, אליין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי איהם שילטען, אויסלאָזען, צו איהם איהר שווער ביטער געמיט, צו זאָל זי אַרויסווייזען

איהר פרייד, איהר שמחה, וואס גאָט האָט זי, וויסטע עגונה, אויפגעריכט.

אין עטליכע מינוט אַרום האָט מען בנימינ׳ן אַזוי טאַקי ווי ער איז געלעגען אויפ׳ן זאַק קאַרטאָפּלעס, געפיהרט צו זיך אַ היים איבער דעם מאַרק מיט אַ גרויסער פּאַראַדע דער גאַנצער טונעיאַדעווקער עולם פון קליין ביז גרויס האָט איהם אָבגעגעבען כבוד, קיינער האָט זיך נישט געלאָזט בעטען, און איהם בעלייט מיט אַ רעש, מיט אַ געשריי: קדוש! קדוש! קדוש!

דער נאָמען קדוש איז בנימינ׳ן פון דענסטמאָל אָן טאַקי אויף תמיד געבליבען, ער האָט געהייסען בנימין דער קדוש און זיין ווייב זעלדע די עגונה.

דער טונעיאַדעווקער מומחה איז נאָך דעם טאָג טאַקי צו בנימינ׳ן געקומען און האָט איהם געגעבען ראַטוניק מיט אַלע תחבולות, וואָס איז נאָר מעגליך געווען. ער האָט איהם געשטעלט באַנקעס אי פּיאַווקעס, אויך איינגאַנצען איהם אָבגעגאָלט און געזאָגט פאַר׳ן אַוועקגאַנג, אַז נאָך די אַלע מיטעל וועט ער, אם־ירצה־השם, געזונט ווערען און וועט נאָך מאָרגען קענען, אויב ער וועט כח האָבען, געהן אין בית מדרש אַריין גומל בענשען.

דאס דריטע קאפיטעל.

ווי בנימין סקאמפאנייעט זיך מיט סענדעריל דער יודענע.

די דאָזיגע מעשה, וואָס מיט בנימינ'ן האָט זיך געטראָפען, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזוי פיעל יסורים זיין ווייב, אַזוי פיעל לייטישע רייד אי אין דער שטאָדט, אי דאָרט אונטערען אויווען, אי אויף דער אויבערשטער באַנק, האָט אין פלוג, דאַכט זיך, בעדאַרפט אויף אייביג פון איהם אַרויסשלאָגען דעם געדאַנק פון זיין נסיעה אין די וויטע מקומות, נאָר אָבער אַ טעות, פאַרקעהרט, עס האָט נאָך אין איהם דעם דאָזיגען געדאַנק ערשט בעסער אַריינגעשלאָגען. ער האָט פון דענסטמאָל אָן אויף זיך געקוקט מיט דרך ארץ ווי אויף אַ מענשען, אַ געניטען, וואָס איז געגוג אין זיין לעבען אויסגעשטאַנען, ער איז ביי זיך געוועזן צעהן מאָל טייערער פאַר זיין בעהאַרצטקייט, פאַר זיין שטאַרקייט, מיט וועלכער ער איז אויסגעשטאַנען אַזוי פיעל שווערע פראָבעס און גובר געוועזן אינגאַנצען די טבע זיינע. ער האָט אָנגעהויבען זיך צוהאַלטען פאַר אַ גבור, פאַר אַ חקרן, וואָס האָט אַ ידיעה אין אַלע שבע חכמות, וועלכע עס געפינען זיך נאָר אין דעם „צל עולם", וואָס האָט זיך אָנגעלייענט ווי אַ פויק אין אַזעלכע מיני ספרים און ווייסט וואָס איף דער גאַנצער וועלט טהוט זיך. ער האָט אָנגעהויבען אַליין אויף זיך אַ מבין צו ווערען און זיך אַליין צו-בעדויערן, וואָס ער, אַזאַ מענש ווי ער, געפינט זיך, נעבעך, כשושנה בין החוחים, ווי אַ רויז צווישען דערנער, וואו? אין טונעיאדעווקע, אין

אזא העק, צווישען פראָסטע מענשען, וואָס פאַרשטעהען נישט און ווייסען נישט פון זייער לעבען צוזאָגען! די לייטישע רייד און די ווערטלעך, וואָס זיינען איבער איהם געפאַלען, זיי האָבען אדרבא איהם ערשט געטריבען אין וועג אַריין. עס האָט איהם זיך געגלוסט ווי צום גיכסטען אוועק פון טונעיאַדעווקע. ווי דערלעב איך שוין, פלעגט ער אַלץ טראַכטען, זיך אוועקצולאָזען אַהין, ווייט, און קומען בשלום צוריק מיט ישועות און נחמות אויף יודען, מיט כבוד און מיט אַ גוטען נאָמען אין דער וועלט, און דענסטמאָל וועט גאַנץ טונעיאַדעווקע וויסען, פון קליין ביז גרויס, וואָס איך בנימין בין, וואָס איך בנימין בעטייט...

בנימין'ן האָט לעת-עתה אָבגעהאַלטען פון דער נסיעה נאָר די דאָזיגע קליינע מניעות: ערשטענס וואו געהמט מען אויף הוצאות? ביי איהם אַליין האָט קיינמאָל זיך נישט געפונען קיין גראָשען אין קעשענע. ער פלעגט תמיד זיצען לעדיג אין בית-המדרש און זיין פלוניתטע איז געווען די אשת חיל, די פרנסה-געבערין פון אַ נאַס אַפטייקעל, וואָס זי האָט זיך געמאַכט באַלד נאָכ'ן קעסט אַראָבגעהענדיג, אין, משטיינס-געזאָגט. וואָס דאָס גאַנצע קלייטעל האָט אָנגעטראָפען. ווען זי זאָל דער ביי נישט געווען אַרבייטען זאָקען, נישט פליקען ווינטער ביז שפּעט אין דער נאַכט פעדערע, נישט פרעגלען אויף-צו-פערקויפען פסחדיג שמאַלץ, נישט איינהאַנדלען אַמאָל אין אַ מאַרק-טאָג ביי איהרע בעקאַנטע פויערים קיין מציאות, וואָלט נישט געווען מיט וואָס די נשמה צוהאַלטען. פערקויפען עפּיס פון שטוב-זאַכען? נאָר וואָס אָבער האָט דאָרט זיך געפונען? אַ פּאָר מעשענע לייכטער, וואָס זענען זעלדען געבליבען ירושה פון איהרע עלטערן, אין וועלכע זי בענשט ליכט, שייערט עס תמיד און זיך דערמיט שטאַרק מהנה. קיין ציהרונג האָט זי נישט חוץ אַ זילבערען דייטשעע מיט אַ פּעריל פון איהר מאַמעס שטערנטיכעל, וואָס דאָס ליגט ביי איהר פערשלאָסען און טהוט עס אָן נאָר אַ מאָל בשעת אַ גרויסע שמחה אָדער בשעת אַ מזל-טוב אָבגעבען. פערקויפען זשע עפּיס פון זיינע חפצים? נאָר אינגאַנצען האָט ער געהאַט אַ שבתדיגע אַטלעסענע קאַפּאָטע נאָך פון דער חתונה אָן, צוהאַקט, צופאַלען פאָרענט אי הינטען און דער געלעָר אונטערשלאַק האָט אַרויסגעקוקט. אמת, ער האָט געהאַט אי אַ טולעפיל, נאָר, משטיינס-געזאָגט, אַ טולעפיל, ס'האָט נאָר אַזוי געהייסען! דער קאָלנער מיט גאָרנישט בעלעגט. בשעת זיין חתונה האָט דער טאַטע זיינער, איהם צו לאַנגע יאָהר, געהייסען נישט זשאַלעווען, אדרבה מאַכען אַ לאַנגען קאָלנער פון דער פולער האַנד און אָבשטעפען

איהם לעת־עתה פון אויבען מיט אַ שטיק אונטערשלאַק, וואָס איז געבליבען יתור פון זיין קאַפּאָטע. און האָט דערביי זיך מתחייב געווען ביים סילוק'ן דעם מותר פונ'ם נדן, אונטערשלאָגען דעם טולעפּיל מיט פוטער און בעלעגען דעם קאָלנער מיט פיי. דעם נדן האָט ער נישט געסיליקט און דער טילעפּיל מיט דעם קאָלנער זענען געבליבען אַזוי ווי ס'איז גע־ווען ביז דעם היינטיגען טאָג...

אַ חוץ דעם האָט בנימין נישט געוואוסט, ווי מען רייסט זיך אַרויס פון דער היים.

איבערשמיעסען מכח דער נסיעה מיט זיין פלונית'טע און אַרויסזאָגען איהר די גאַנצע זאַך בפירוש? חלילה וחס! עס וואָלט געוואָרען אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער, זי וואָלט איהם אָבגעווינט מיט טרעהרען און איהם געהאַל־טען זיכער פאַר ריין משוגע, ווארום ווי האָט אַ יודענע שכל אַזעלכע ענינים משיג צוזיין? אַ יודענע, אַז זי איז שוין אַפילו נאָר די אשת חיל, איז זי דאָך פאָרט נישט מעהר ווי אַ יודענע. וואָס דער מינדסטער מאַנסביל האָט אין נאָגעל, האָט עס נישט, און קען עס גאָרניט האָבען די פיינסטע און די קליגסטע יודענע אַפילו אין איהר קאָפּ...

אוועקגעהן זשע בשתיקה און דעם זיי־געזונט פאַרגעסען? איז עפּיס אויך פריקרע, דאָס איז אַ ביסיל מעשה ליטוואַק. ווידער זשע בלייבען זיצען אין דער היים און אָבזאָגען זיך פון דער גאַנצער נסיעה? דאָס איז ריין אונמעגליך. עס הייסט אַזוי פּיעל ווי אַ מעשה אָנטאָן זיך

די נסיעה איז בנימינ'ן געוואָרען די צווייטע נאַטור, ווי אַ יוד כוונ דריי מאָל אין טאָג דאַוונען, אַזוי האָט ער געמוזט איטליכע רגע אין דער נסיעה טראַכטען. אַפילו אין שלאָף איז זי איהם פון זינען נישט אַרויס, און האָט איהם זיך שטענדיג געחלומט. זי האָט טיעף זיך אײַנגעוואָרצעלט איהם אין האַרץ און זיך בעשעפטיגט געמאַכט מיט זיינע אויגען און אויערען אַזוי, אַז ער האָט אויפגעהערט צוזעהן אי צוהערען דאָס אַלסדינג, וואָס פאַר איהם, ער האָט נאָר געזעהן אי געהערט דאָס וואָס טהוט זיך דאָרט, דאָרט העט ווייט אין יענע מקומות. נישט איינמאָל פלעגט ער אין אַ שמיעס מיט עמיצען פלוצלים אַריינמישען: הינדיא, סמבטיון, אַנטיקודי"א, פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעם, אייזעל, מולאייזעל, באַקבּאַר, בצפּיחית, טערק, טאָטער, גזלן וכדומה נאך אַזעלכע ווערטער.

די נסיעה האָט געמוזט געמאַכט ווערען, נאָר וואָס טהוט מען מיט די מניעות? דאָ האָט ער זיך קיין עצה נישט געקענט געבען. ער האָט

געפיה'לט, אז ער בעדאַרף האָבען איינעם, מיט וועמען ער זאָל קענען מכח דעם זיך מ'שב זיין.

איש אחד היה בטונעיאַדעווקע, איין מענש איז געווען אין טונעיאַ־דעווקע ושמו סענדעריל און ער האָט געהייסען סענדעריל, נאָך זיין על־טערזיירען רב סענדעריל. זה הסנדעריל, דער סענדעריל, היה איש פשוט, איז געווען אַ פשוט מענשעל, דאָס הייסט, אַ פּראָסטער אָהן חכמות. אין בית המדרש האָט ער געהאַט אַ שטאָט אונטער דער בימה און דאָס אַליין איז שוין דער בעסטער סימן, אַז ער איז ניט געווען פון די טונעיאַדעווקער פיינע בריות, פונים דאָרטיגען ציממעס און דער גיל־דענער פאָן. די שמועסען אין בית המדרש אָדער ערגיץ אַנדערש פלעגט ער דאָס רוב צוהערען שטיל, ווי אַ זייטיגער פּאַרשוין. נאָר פלעגט ער אַ מאָל זיך אָנרופען אַ וואָרט, האָט עס אָנגעמאַכט אַ גרוים געלעכטער, נישט מחמת דרינען איז געלעגען עפּיס אַ ווילדע חכמה אָדער אַ גרויסע המצאה, ניין, נאָר גלאַט זיינס אַ וואָרט האָט עפּיס געמאַכט לאַכענדיג. האָטשע, ער האָט עס, נעבעך, געזאָגט גאַנץ פשוט בהתמימות און האָט כלל גאָר נישט געמיינט יענעם דערמיט לאַכענדיג צומאַכען. אדרבא, אַז מען פלעגט לאַכען, פלעגט ער אויסשטעלען אַ פּאָר אויגען און אָנקוקען, פאַר וואָס מען לאַכט. פאַראיבעל האָבען דערפאַר פלעגט ער קיינמאָל נישט, ווארום ער איז בטבע געווען אַ גוטער, אַ שטיל מענשעל, ווי עס גיט זיך אַ מאָל אוים אַ שטילע קוה; ער האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז מען בעדאַרף פאַראיבעל האָבען. יענער לאַכט, נו, מילא, לאָז ער זיך לאַכען, מסתמא האָט ער דאָך הנאה.

דאָך מוז מען מודה זיין, אַז אין סענדערילס אַ וואָרט איז אַ מאָל געלעגען טאַקי איין אמת גליכער איינפאַל, חאָטש ער אַליין האָט עס גאָר אַזוי וויים נישט געמיינט און דאָס געזאָגט גלאַט בהתמימות, מיט איהם פלעגט מען ליב האָבען קאַטאָוועס צוטרייבען. דער גרעסטער טייל בערלעך אין השעה־באָב זענען אין זיינע פאות איינגעפּלאָנטעט געווען. דער בעס־טער חלק קישעלעך, וועלכע מען ווארפט הושענא רבה ביי דער נאַכט ביים אויפזיין, איז איהם אָנגעקומען. אַקעגען זשע דער קלענסטער חלק רעטשען קיכעל און בראַנפען פון תיקון אָדער גלאַט אַזוי בראַנפען — איז ווידער טאַקי אין איהם אָנקומען.

הכלל סענדעריל איז תמיד און אומעטום געווען דאָס כפרה־הינדעל. סענדעריל איז בטבע נישט געווען, ווי אַנדערע, קיין עקשן; האָט איינער געזאָגט אַזוי. איז פון זיינטוועגען רעכט געווען אַזוי. סענדעריל האָט

געטאָן יענעמס רצון, נישט מחמת מבטל־צו־זיין זיין רצון, כדי יענער זאל דערפאַר מבטל־זיין זיין רצון פאַר זיין רצון, גאָר גלאַט, פּראָסטע און פּאָסטע, ער האָט געטאָן יענעמס רצון.

— וואָס אַרט עס מיך? — איז זיין שטייגער געוועזן צוזאָגן. — וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? דו ווילסט דווקא אַזוי, נו זאָל זיין אַזוי.

צווישען יונגלעך איז סענדעריל געווען אַ יונגעל. ער פלעגט עפּעטערס געהן, שמיעסען, זיך שפּילען מיט זיי אינאיינעם און האָבען דערפון הנאה. צווישען זיי איז סענדעריל באמת געווען ווי אַ שטילע בהמה, וואָס לאָזט צו זיך צו קינדער, זיי זאָלען אויף איהר רייטען און איהר קראַצען די מאָרדע. קונדסים פלעגען איהם קריכען אויפ'ן קאָפּ און צופּען איהם ביים בערדיל. אַנדערע פלעגט עס אַ מאָל אַרען און פלעגען אָנשרייען:

— תרבית, שקצים, פאַר איין עלטערען, פאַר אַ יודען מיט אַ באָרד! וואָס צופּט איהר איהם דאָס בערדיל?!

— נישקשה, נישקשה, — פלעגט סענדעריל זיך אָנרופען, — וואָס אַרט עס מיך? וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? זאָלען זיי מיך אַביסיל קראַצען.

ביי זיך אין דער היים האָט סענדעריל, נעבעך, קיין האָניג נישט געלעקט. זיין ווייב איז געגאַנגען אין ספּאָדיק און ער האָט ביי איהר געהאַט אַ וויסטען, ביטערען חלק. זי פלעגט איהם האַלטען אין דער מורא, אַ מאָל דערלאַנגען אַ זעץ און ער, נעבעך, האָט עס געמוזט מקבל באהבה זיין. אונטער אַ יום טוב פלעגט זי איהם אַנידערשטעלען אויסוויי־סען די שטוב און אונטערבינדען איהם דאָס בערדיל מיט אַ טיכעל. ער פלעגט איהר שיילען קאַרטאָפלעס, קאַטשען און בראָקען לאָקשען, אָנפּילען פיש, אָנטראָגען אי אַריינליינען אין אויווען האָלץ און אונטער־הייצען, אַ קוראַט ווי אַ יודענע. דעריבער האָט מען איהם טאַקי גערופען: „סענדעריל די יודענע“.

אָט דעם „סענדעריל די יודענע“ האָט אונזער בנימין אויסגעקליבען איהם צועפענען דאָס האַרץ און מיט איהם זיך שואל בעצה זיין, וואָס ער זאָל טאָן. דער טעם דערפון: פאַר וואָס גראָד סענדעריל? איז דער, ווייל בנימין האָט תמיד געפיהלט צו איהם עפּיס אַ שטיקעל ליבשאַפט. סענדעריל איז אין פיעל זאַכען איהם זעהר געפעלען, ער האָט אין אַ סך ענינים זיך מיט איהם אויסגעגליכט און פלעגט אַ מאָל אין אַ שמיעס מיט איהם זיך פשוט מחיה זיין. מעגליך אפשר נאָך אי צוליב דעם אויך,

וואָס בנימין האָט געדעבענט דערויף, וואָס סענדעריל איז קיין עקשן נישט. ער, סענדעריל, וועט זיין פּלאַן אננעהמען און איהם נאָכגעבען אַלסדינג, וואָס ער וועט איהם זאָגען. און אויב סענדעריל וועט אפשר אין עטליכע פּונקטען זיך איינשפּאַרען, וועט ער איהם מיט נאָט׳ס הילף און מיט זיין חלקת הלשון גובר זיין..

ויהי כבוא בנימין לסענדעריל, און אַז בנימין איז געקומען צו סענדערלען, האָט ער איהם געטראָפען כשהוא יושב על ספסל החלב וקילף קאַרטאָפלעס, ווי ער זיצט אויף דער מילכעדיגער באַנק און שיילט קאַרטאָפלעס. איין באַק האָט איהם שטאַרק געפלאַמט און אונטער׳ן אייג איז איהם געווען בלוי מיט אַ גראַבעל, עפּיס ווי מען דערלאַנגט אַ קרעל מיט אַ נאָגעל. ער איז געזעסען ווי אַ נעפּטיגער, בעטריבט און פערשעמט ווי אַ יונגער וואַנד׳, וואָס דער מאַן איהרער האָט זי אוועקגעוואָרפען און איז אוועקגעגאַנגען למדינת הים, אָדער ווי אַ אשה, וואָס דער מאַן האָט איהר דערלאַנגט אַ פּאַטש...

סענדעריל׳ס ווייב איז ניט געווען אין דער היים.

— גוט מאָרגען, סענדעריל! וואָס ביסט דו, סערדצע, אַזוי בעטריבט! האָט בנימין געזאָגט אַריינקומענדיג און געוויזען סענדערלען מיט אַ פינגער אויף דער באַק. הא, ווייטער זי? וואו איז זי, די בהורטע?

— אין מאַרק.

— גאַנץ גוט! — האָט בנימין כמעט אַ געשריי געטאָן פאַר גרויס שמחה. לעג אוועק, נשמה מיינע, דיינע קאַרטאָפלעס און קום מיט מיר אין אַלקיר אַריין. דאָרט איז קיינער נישטאָ? קיין שומר מיט דיר בעדאַרף איך איצט נישט האָבען, איך וויל דיר ענטפלעקען מיין האַרץ. איך קען מיר שוין נישט איינהאַלטען, עס קאָכען אין מיר די געבליטען, אַך גיכער סערדצע, גיכער, זי קען נאָך אָנקומען און אונז שטערען איידער מיר וועלען פאַרטיג ווערען.

— וואָס אַרט מיך? דו ווילסט מאַקי גיך, זאָל זיין גיך, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? — האָט סענדעריל זיך אָנגערופען און איז אַריין אין אַלקיר.

— סענדעריל! — האָט בנימין אָנגעהויבען מיט אַזאַ שמועס, זאָג מיר, דו ווייסט, וואָס אויף יענער זייט טוגעיאַדעווקע איז?

— איך וויים. דאָרט איז די פּריטשעפּע, וואו מען בעקומט אַ מאָל אַ גוט ביסעל בראַנפען.

— דו ביסט אַ נאַר, איך מיין ווייטער, אַ סך ווייטער.

— נאָך ווייטער פֿון דער פריטשעפּע ? ! — האָט סענדעריל פֿער־
וואונדע־ט זיך אָנגערופֿען . — ניין , ווייטער דערפֿון ווייס איך ניט , און
דו, בנימין, ווייסט ?

— אויב איך ווייס ? אַ שאלה אַביסעל , אייב איך ווייס ? דאָ אין
ערשט דאָ אַ וועלט ? — האָט בנימין אַ זאָג געטאָן מיט התלהבות, גלייך
קָלאָנבוס בשעת ער האָט ענטדעקט אַמעריקאַ .

— וואָס זשע איז אַזוינס דאָרטען ?

— דאָרטען, דאָרטען,—האָט בנימין זיך צופֿלאַקערט,—פּיפּערנאָטער !
לינדע.וואָרעם ! . . . .

— דער לינדעניוואָרעם , מיט וועלכען שלמה המלך האָט געשניטען
די שטיינער צום בית המקדש ? — האָט סענדעריל אַריינגערוקט זיין
וואָרט בהמ־כמות.

— יאָ, נשמה מיינע, יאָ, דאָרט איז ארץ ישראל, דאָרט אי־
יענע מקומות . . . . האַ, דו וואָלסט געוואָלט זיין דאָרט ?

— און דו יווילסט ?

— אַ שאלה אַביסעל ! איך וויל, סענדעריל , איך וויל און וועל
טאַקי דאָרט באַ״ד זיין.

— איך בין דיר מקנא, בנימין . דו וועסט עס דאָרט זיך אָנעסען
אַביסעל מיט באָקסערען און מיט טייטלען . האַ-האָ !

— דו, סענדעריל , קענסט עס אויך עסען ווי איך. דו האָסט אין
ארץ ישראל אַזאַ חלק ווי איך .

— חלק האָב איך טאַקי. נאָר ווי קומט מען אָבער אַהין ? דאָרט
איז דאָך דער תוגר.

— דערצו, סענדעריל , איז דאָ אַ תרופה. זאָג מיר סערדצע , דו
ווייסט עפּיס פֿון די רויטע יודלעך ?

— איך האָב זיך אָנגעהערט גענוג מעשיות איבער זיי אונטער׳ן
אויוועט , נאָר ווייסען אַקוראַט וואו זיי זיצען און ווי מען קומט צו זיי ,
דאָס ווייס איך נישט . איך זאָל ווייסען, מסתמא , וואָלט איך דיר מודיע
געווען . פאר וואָס ניט ? וואָס אַרט עס מיך ?

— העהע ! זעהסט־דו , און איך ווייס, — האָט בנימין געזאָגט מיט
גדלות און אַרויסדערטאַפּט פֿון קעשענע דעם „שבחי ירושלים״. זעהסטו
אָט וואָס דאָ שטעהט . איך וועל דיר עס לייענען .

„אַז איך בין געקומען קיין ברוט־י , אַזוי שטעהט געשריבען , האָב
איך געפֿונען פֿיער יודען פֿון בבל . האָב איך גערעדט מיט איינעם פֿון

זיי, וואָס האָט פערשטאַנען לשון קודש און האָט געהייסען ר' משה, האָט ער מיר דערצעהלט גאַנץ אמת'ע זאַכען פונ'ם טייך סמבטיון, אַז ער האָט געהאָרכט פון ישמעאלים, וואָס האָבען איהם געזעהן, און אַז דאָרט זענען דאָ די בני משה". —

אויך זאָגט ער ווייטער: „אַז דער נגיד האָט מיר דערצעהלט, אַז אַ יאָהר דרייסיג אין דעם איז ביי איהם אַיינגעשטאַנען איינער, וואָס ער איז געוועזען פון שבט שמעון, און ער האָט געזאָגט, אַז אין זיין מקום זענען דאָ פיער שבטים, איינער פון זיי איז דער שבט יששכר, וואָס איז זיך עוסק אין תורה, און פון דעם שבט איז דאָ אַ מלך איבער זיי". —

חוץ דעם שטעהט נאָך בפירוש אי אין דעם דאָזיגען ספר „מסעות בנימין" אָט די ווערטער: „פון דאָרט איז אַ מהלך פון צוואַנציג טעג צו די בערג גיסבון, וואָס אויף דער טייך גוזן. אין די בערג גיסבון זענען דאָ פיער שבטים: דעם שבט דן, דער שבט זבולון, דער שבט אשר און דער שבט נפתלי. זיי האָבען מדינות און כרכים אין די בערג. פון איין זייט נעהמט זיי אַרום דער טייך גוזן, זיי האָבען ניט אויף זיך קיין יצר פון די אומות, נאָר איין מלך איז דאָ איבער זיי און ער הייסט ר' יוסף אַמרכלאָ הלוי. און זיי האָבען אַ ברית, אַ בונד מיט דעם כופר אַל-תורך". חוץ דעם שטעהט נאָך און נאָך זאַכען וועגען די בני רכב אין דעם לאַנד תימא, וואָס זיי האָבען איבער זיך אַ יודישען מלך און פאַסטען און בעטען גאָט תמיד אויפ'ן גלות ישראל. נו, וואָס דיינקסט דו, סענדערצע, אַז זיי וואָלטען, אַ שטייגער, פלוצלים דערזעהן מיך, מיך זייער ברודער בנימין פון טונעיאַדעווקע קומט צו זיי צו גאַסט? האַ, וואָס דיינקסט דו סענדעריל? אדרבה זאָג, איך בעט דיך, וואָס זאָגסטו-דו דערצו?

— זיי וועלען פשוט זיך מחיה זיין. זאָג איך דיר, בנימין, אַ קאַטאָוועס אַזאַ גאַסט, אַזאַ טייערער גאַסט! איטליכער וועט דיך פאַרבעטען צו זיך אויף אַ מאָהלצייט. דער מלך אַמרכלאָ מסתמא אויך. לאָז זיי דאָרט האָטש פון מיר גאָר פריינטליך גריסען. איך זאָל קענען, וואָלט איך, כ'לעבען, אויך מיט דיר אַהין געגאַנגען.

— האַ! האָט בנימין אַ מאַך געטאָן פערפלאַמט פון אַ נייעם געדאַנק, וואָס איז איהם איינגעפאַלען. האַ! טאָמער באמת טאַקי, סענדעריל-סערדצע, וואָלסט-דו מיט מיר אינאיינעם געמאַכט די נסיעה. נאַרעלע, אַצינד, כ'לעבען, האָסט-דו זעהר אַ גוטע געלעגענהייט. איך געה אַבליז אַהין, וועל איך דיך מיטנעהמען. נאַרעלע איינער, אין צוויען איז הײמליכער. טאָמער וועל איך דאָרט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, הערען מלך-

וועל איך דיך מאַכען, כ׳לעבען, פאַר אַ משנה למלך. נאַ דיר מיין האַנד הקיעת־כף! וואָס ווערסט דו, נאַרעלע, דאָ זיצען און ליידען גלות, נעבעך, פון דיין פּלוניהמטע, די רשע׳טע. קוק אָן, וואָס פאַר אַ באַק, נעבעך, דו האָסט. דו האָסט דאָך ביי איהר אַ וויסטען, פינסטערען מזל. כ׳לעבען בענדעריל, קום, ווערסט, נישקשה, קיין חרטה נישט האָבען.

— טאַ. — האָט געזאָגט סענדעריל, — אויב דו ווילסט דוקא אַזוי, זאָל זיין אַזוי. אַ זוי? וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? אַ נאַר וואָלט איך בעדאַרפט זיין איהר זאָגען, וואָהין איך לאָז מיך אַוועק.

— נשמה מיינע, לאָמיך דיך אַ קוש טאָן! — האָט בנימין אַרויס־געלאָזט מיט גרוים שמחה און פאַר ליבשאַפט אַרומגענומען סענדעריל די יודענע. דו האָסט מיר, נשמה מיינע, מיט איין וואָרט פאַרענטפערט אַ קשיאָ, אַ קלאָץ-קשיא! איך זאָג איצט אויך אַזוי ווי דו: אַ זוי? מיינע, מיין איך, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב? ס׳איז אָבער דאָ נאָך אַ קשיא: וואו נעהמט מען אויף הוצאות?

— אויף הוצאות? דו ווילסט דען זיך אויסקליידען, בנימין, אָדער איבערניצעווען דיין קאַפּאָטע. הערסט־דו, און איך וואָלט געזאָגט, מען בעדאַרף, כ׳לעבען, נישט. אין וועג איז אדרבה גלייכער אַלטע קליידער. דאָרט וועלען מיר מסתמא בעקומען נייע שענע קאַפּאָטעס.

— יאָ, טאַקי אמת, דאָרט האָב איך שוין קיין דאגה נישט. מען בעדאַרף דאָך אָבער לעת־עתה ביז דאָרט האָבען עפּיס געלד פראָסט אויף צו עסען?

— וואָס הייסט, בנימין, אויף צו עסען? דו האָסט דען בדעה מיט־פיהרען מיט זיך אַ קיך? צו וואָס? נישטאָ דען אויפ׳ן וועג קיין קרעטש־מעס, קיין הייזער?

— איך פערשטעה דיך, סענדעריל, נישט, וואָס דו מיינסט, האָט בנימין פערוואונדערט זיך אָבגערופען.

— איך מיין, — האָט סענדעריל געענטפערט בתמימות, — אַבי ס׳איז דאָ נאָר הייזער, קען מען אין איין וועג טאַקי געהן איבער די הייזער. וואָס טהוען דען אַלע אַנדערע יודען? היינט געהען אַ טייל צו יענע אין די הייזער, דערנאָך געהען יענע פון זייער זייט צו אַנדערע אין די הייזער. ס׳איז דאָך אַ יודישע זאַך, נאָר אַ גמילות חסד....

— דו ביסט, כ׳לעבען, געערעכט! — האָט בנימין אַ זאָג געטאָן

בשמחה. — אַ צינד איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. אויב אַזוי בין איך, ברוך השם, אינגאַנצען פאַרטיג און פערזאָרגט מיט אַלסדינג. נאָך מאָרגען טאַקי, גאַנץ פריה אַז דער עולם וועט נאָך שלאָפען, קענען מיר אַוועקגעהן. פערליהרען צייט איז, כ׳לעבען, אַ עברה. דו ביסט מוסכם?

— דו ווילסט מאָרגען, זאָל זיין מאָרגען, וואָס פאַר אַ דאגה איך האב?

— מאָרגען גאַנץ פריה, הערסטו, סענדעריל, וועל איך שטילערהייט אַרויסגעהן פון דער היים. נעבען דער פוסטער ווינטמיהל דאָרט וועל איך אויף דיר וואַרטען. געדענק זשע, סענדעריל, מאָרגען גאַנץ פריה זאָלסט דו אַהין אַרויסקומען. געדענק זשע. — האָט בנימין נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט און שוין געוואָלט אַוועקגעהן.

— וואַרט נאָר, בנימין, וואַרט אַביסעל! — האָט סענדעריל געזאָגט, זיך געבאַבּרעט איבער דער בוזעם-קעשענע פונ׳ם לייביל און אַרויסדערטאַפּט פון דאָרט עפּיס אַ אַלט פערשוויצט שטיקעל יערכע, אַרומגעוויקעלט מיט בענדלעך עטליכע מאָל הין און צוריק און פערקניפּט אוודאי מיט אַ צוואַנציג קניפּלעך. — זעהסט-דו, בנימין, אָט דאָס קניפּעל האָב איך אויפגעזאַמעלט אונטער מיין ווייב פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב פאַר איהר חתונה געהאַט. עס וועט אונז אין דער התחלה צונוץ קומען, הא?

— אַ צונד, סערדצע, ביסט דו ווערט, מען זאָל דיר אויסקושען איטליכס אבר, איטליכס גליד בעזונדער, — האָט בנימין געזאָגט הויך לעבעדיג אַרומגעהאַפּט סענדעריל די יודענע.

— אָ, פערחאַפּט זאָלסט-דו ווערען! קוקט נאָר אָן, איך בעט אייך, דאָס גרויסע ליבשאַפט, ווי מען נעהמט זיך אַזוי אַרום, און דאַ אין שטוב שטעהט אַ ציג און עסט די קאַרטאָפלעס! ווערים זאָלען עסען דיין לייב. — האָט זיך פּלוצלים געהערט אַ געשריי.

דאָס געשריי איז געווען פון סענדערילס פלונית׳טע, זי איז געשטאַנען אָנגעצונדען אין אַ פייער, מיט איין האַנד געוויזען אויף דער ציג און מיט דער אַנדערער גערופען צו זיך סענדערלען. סענדעריל האָט מיט אַ אַראָבגעלאָזטען קאָפּ זיך געלאָזט פאַמעליך-פאַמעליך אַריינגעהן אין שטוב, גלייך ווי אַ פערזינדיגט קינד וואָס מען וויל איהם מקיים פסק זיין

— שטאַרק זיך, נשמה מיינע, דאָס איז איהר שוין דאָס לעצטע מאָל, געדענק זשע מאָרגען... האָט בנימין שטילערהייט איינגע־רייטט סענדערלען אין אויער און ווי אַ קעצעלע זיך אַרויסגערוקט פון שטוב.

דאס פערטע קאַפּיטעל.

ווי בנימין מיט סענדערלען פֿאַרלאָזען טונעיאַדעווקע.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה, איידער דער פאַסטוך האָט נאָך פֿערנומען די בהמות אין דער טשערעדע אַריין, איז אונזער, בנימין שוין געשטאַנען גרייט נעבען דער ווינטמיהל מיט אַ פּעקיל אונטער'ן אָרם. אינעווייניג אין דעם פּעקיל איז געלעגען אַלע זאַכען, וואָס זענען נייטיג געוועזען צו דער נסיעה, היינו: טלית און תפילין, אַ סידור דרך החיים, אַ „חיקיל", אַ תהלים און יענע אַלע ספרים, אָהן וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט ריהרען, אַזוי ווי אַ בעל־מלאָכה אָהן זיין געציינג. די שבת'דיגע קאַפּאָטע זיינע איז אויך דאָרט געלעגען, — מען מוז דאָך פֿאַר דער וועלט אַ פּנים האָבען און יוצא זיין פֿאַר לייט. אין קעשענע האָט ער געהאַט אַ פּופּצעהנטהאַלבען גראָשען, וואָס ער האָט פֿאַר'ן אַוועקגאַנג אַרויסבעקומען ביי זיין פּלונית'טע אונטער דער קישען.

הכלל, ער איז געוועזען, ברוך השם. פֿאַרזאָרגט מיט אַלסדינג און שוין געקענט זיך לאָזען אין וועג אַריין.

די זון איז דערווייל אויפֿגעגאַנגען זעהר שען און האָט אַראָבגעקוקט מיט איהר ליכטיגען פּנים אויף דער וועלט. איין קוק איהרער האָט צוגעגעבען אַ שטיק געזונד, מחיה געוועזען איטליכע זאַך בעזונדער. ביימער און גראָז האָבען עפּיס ווי זיך געשמייכעלט איידער די גרויסע טרעהרען טוי פֿון ביי־נאַכט זענען זיי נאָך נישט אויסגעטריקענט, אַקוראַט ווי־

קליינע קינדער צולאַכען זיך פלוצלים פרעהליך אין מיטען געוויין פון אַ בלישטשעדיגע צאַצקעלע, בשעת טרעהרען ווי די באַב שטעהען זיי נאָך אין די אויגען. די פעלדפייגעלעך האָבען געשווינד זיך געטראָגען אין דער לופט, געשפּילט און געזונגען אַרום בנימינ׳ן, גלייך ווי זיי וואָלטען געזאָגט:

— קומט, לאָמיר זינגען אי שאַלען און דערפרעהען דעם פיינעם פּאַרשוין נעבען דער ווינטמיהל, דאָס איז בנימין אַליין, דאָס איז בנימין דער טוגעיאַדעוועקער, דער אַלכסנדר מוקדון פון זיין צייט, וואָס ער פערלאָזט זיין פאָטערלאַנד, וואַרפט אַוועק ווייב און קינדער און געהט אין שליחות, וואַהין די אויגען טראָגען! אָט שטעהט דער גרויסער בנימין, וואָס ער איז ווי די זון אַרויס פון זיין געצעלט און פרעהט זיך ווי אַ גבור צולויפען אין וועג מיט זיין פעקיל אין דער האַנד! ער איז שטאַרק ווי אַ לעמפּערט און גרינג ווי אַ אָדלער צוטאָן דעם רצון פון אונזער פאָטער אין הימעל! זינגט, שפּילט: טרילילילי, טרריל, טריל! שאַלט, זינגט און דערפרעהט זיין האַרץ!...

בנימינ׳ן איז טאַקי באמת פרעהליך געווען אויפ׳ן האַרץ, ער האָט ביי זיך געטראַכט: „איך בין דאָך דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, וואָס פעהלט מיר אָהן עין־הרע? וואָס געהט מיך אָב? מיין ווייב האָב איך, געלויבט איז השם יתברך, פאַרזאָרגט. זי האָט אַ שטיקעל פּרנסה. איך אַליין בין אַ פרייער פויגעל, גלייך ווי די אַלע פעלדפייגעלעך דאָ. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר אָפען. מיט מיין געניטשאַפט, מיט מיין בעהאַרצקייט און מיט מיין שטיקעל ידיעה אין די שבע חכמות וועט אַזאַ יוד ווי איך נישט פערפאַלען ווערען. היינט דערביי בין איך דאָך עפּיס אַ יוד, אַ שטיקעל בעל בטחון. אַוועקגעלעגט שוין אַלע מעלות אין דער זייט, לעבען דאָך יודען אַב אַ וועלט מיט בטחון אַליין און גאָט פיהרט זיי אויס.

בנימינ׳ן איז עפּיס זעהר גוט געווען אויפ׳ן האַרץ אַזוי, אַז די לעפּצען זיינע האָבען זיך געעפענט און ער האָט בנעימות׳דיג אויפ׳ן ביי־קול אונטערגעזונגען אַ מאַרש פונ׳ם מלך עליון. זיין מאַרש האָט זיך פאַרמישט מיט דעם געזאַנג פון די פייגעלעך, מיט דעם זושען פון די פליגען, מיט דעם שמוצערן פון די גרילען און האָבען אין אַ קאָנצערט זיך דערהייבען ביז צום כסא הכבוד פון זיי ליבען נאָמען הויך אויף דעם זיבעטען הימעל!

דערווייל איז אוועק א היבשע צייט און סענדעריל איז נאך נישטא.
דאס האט אנגעהויבען בנימינ'ן אביסעל צו ארען און צושטערט זיין שמחה.
ער האט געקוקט אין אלע זייטען, זיך ארויסגענומען די אויגען קוקענדיג,
נאר אומזיסט די מיה. מען הערט נישט, מען זעהט נישט, נישטא
סענדעריל!

האט איהם אפשר דען די רשע'טע זיינע מכבד געווען מיט עפיס
א מלאכה? נאר דערצו איז נאך אבער איצט נישט די צייט, גאנץ טונע-
יארעווקע שלאפט נאך אצונד געשמאק. קארטאפלעס הייבט מען אן צו
שיילען העט שפעטער, יודענעס נעהמען זיך צום ווארעמס ערשט נאך
אבקריגען און אבשילטען זיך מיט די מאנען, ערשט דערנאך ווען מע'ן
שמייסט שוין אב קינדער און מען הייגט ארוים טריקענען די בעביכעס..

אונזער בנימין האט ניט געוואוסט וואס צוטאן און איהם איז גע-
ווארען נישט פרעהליך, שטארק נישט פרעהליך. אומקעהרען זיך א היים?
פע, דאס איז מיאוס! אלכסנדר מוקדון האט צובראכען די בריק, איבער
וועלכער ער איז אריבער קיין הינדיא, כבדי ער זאל נישט קענען צוריק-
געהן. לאזען-זשע זיך אליין אהן סענדערלען? ניין, דאס איז פריקרע,
זעהר פריקרע! סענדעריל איז איהם געווען שטארק נייטיג, זינט ער האט
מיט איהם זיך סקאמפענייעט איז איהם עפים ליכטיג געווארען אין די
אייגען. אהן סענדערלען זיך אוועקצולאזען וואלט אויסגעקומען עפים
משונה ווילד, עס וואלט נאר א פנים געהאט ווי א שיף אהן א רודער
אדער ווי א מלוכה אהן א מיניסטער.

פלוצלים האט זיך געלאזט זעהן פון דער ווייטענס עפים ווי א מענ-
שענגעשטאלט. דאכט זיך סענדעריל און פארט נישט סענדעריל. דאכט
זיך נאר איינע אין א ציצען קליידעל און מיט א טיכעל אויפ'ן קאפ.

בנימינ'ן האט א טיאכקע געגעבען דאס הארץ און איז געווארען
טויט, בלייך ווי די וואנד. איהם האט זיך געדאכט, אז דאס געהט זיין
ווייב. ניין, זי געהט נישט, זי לויפט, זי יאגט, אט קומט זי צולויפען,
חאפט זיך אויף איהם ארויף מיט גרוים כעס, לאזט צו איהם אום איהר
שווער ביטער הארץ און שלעפט איהם א היים מיט א יאמער, א קלאג.

„איין גאט נאר ווייסט"—אזוי דערצעהלט בנימין אליין—„ווי איך בין
דענסטמאל געשטאנען אין איינע צרות, אין געהאקטע וואונדען, הונדערט
פיפערנאטערען וואלט מיר דענסטמאל ליבער געווען צובענגענען ווי מיין
ווייב; ווארום א פיפערנאטער בייסט נאר דאס לייב, דעם גוף, און א ווייב

בשעת כּעס גריזעט און בייסט די נשמה. השם יתברך אָבער האָט מיך געשטאַרקט, איך בין באַלד טאַקי בעהאַרצט אַנטלויפען, זיך פאַרבאָרגען הינטער דער ווינטמיהל און געלוגט דאָרט ווי אַ לייב לוגט אויף זיין פאַרצוקונג".

אין עטליכע מינוט אַרום איז בנימין אַרויסגעשפּרונגען פון זיין פאַר־באָרגעניש מיט אַ שרעקליכען שפּרונג און מיט אַ געשריי, ווי אַ רייַנער משוגענער:

— האַ, סענדעריל!

סענדעריל איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ציצען האַלאַטיל. אונטער־געבונדען ביידע באַקען מיט אַ פאַרשמאַלצענע טיכעל, אונטער ביידע אויגען בלוי, צוגראַבעלט, אַ שטעקען אין דער האַנד און אויף די פּליי־צעס אַ היבש פּעקיל.

ער האָט אין בנימינס אויגען געהאַט דענסטמאָל דעם זיבעטען חן ווי אַ שענע אויסגעפּוצטע כלה אין די אויגען פון'ם חתן.

בנימין שילדערט זיין שמחה דענסטמאָל מיט די ווערטער. „ווי אַ אינד וואָס געלוסט אויף קוואַלען וואַסער ווי אַ דאָרשטיגער אין דער מדבר, וואָס געפינט לעבעדיגע, קוועלענדיגע וואַסער, וואָס רינט אַראָב שפּיץ סקאַלע, אַזוי האָט מיין גלוסטיגע לייב זיך געטאָן טאָן דער־פרעהען אויף סענדערלין, מיין בעשעהרטען, מיין גע־רייען געזועלען"

— וואָס איז די מעשה, סענדעריל? וואָס האָסט־דו געלאָזט אויף זיך אַזוי לאַנג ווארטען?

— סטייטש, איך בין דאָך געגאַנגען צו דיר אַהיים, — האָט סענד־עריל בתמימות געענטפערט, — ביז וואַנען איך בין דערגאַנגען און ביז וואַנען איך האָב אויפגעוועקט דיין זועלדען, איז דערווייל ...וע אַ היבשע צייט.

— אויפגעוועקט זועלדען! — האָט בנימין אַ געשריי געגעבען משונהר זוילד נישט מיט זיין קול, — סענדעריל, למאַי, משוגענער, האָסט ד־ אַזוינס געטאָן?

— וואָס סטייטש למאַי?! — האָט סענדעריל פערוואונדערט זיך, אָנגערופען — למאַי, אַז איך האָב דיר פריהער אָנגעקלאַפּט אין דעם פיזשאַרנע און דו האָסט זיך ניט אָנגערופען, האָב איך מיך גענומען קלאַפּען אין דער שטוב־טיר סטוק, סטוק, סטוק. נו איז זועלדע, נישט

טוט—נישט לעבעדיג, אויפגעשטאַנען, און איך האָב זי געפרעגט מכח דיר.

— סענדעריל, מיר זענען פאַרביי! דו האָסט פערקאָכט אַ גוטע קאַשע. סטייטש, זעלדע וועט נאָכלויפען, זעלדע, אין וועט...

— אי, שרעק זיך נישט, בנימין! זי האָט מיך אָבגעשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר מיט אַזאַ כעס, גלייך ווי איך וואָלט איהר געקוילעט די קאַפּאָטע. „געה מיט מיינעם אינאייגעם, אין דער ערד אַריין ביידע"! האָט זי געזאָגט און צוגעמאַכט די טיר. איך בין אַהיבשע צייט געבליבען, שטעהן אין דרויסען ווי צומישט. דערנאָך ערשט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דער ווינטמהיל און זיך געשטויסען, דו מוזט שוין, אַ פנים, זיין דאָ, און דעריבער טאַקי האָט, אַ פנים, דיינע געזאָגט: „געה מיט מיינעם אינאייגעם, אין דער ערד אַריין ביידע"! זי האָט, אַ פנים, מוז געדרונגען זיין, געזעהען, ווי דו ביסט אוועקגעגאַנגען.

— וואָס, וואָס, סענדעריל! זי האָט געזעהען? אפשר געהט זי, נעהט זי אפשר?

— חלילה, בנימין! זי האָט נאָר פאַרקייטעלט די טיר. או איך האָב פאַר'ן אוועקגעהן ווידער אָנגעקלאַפּט און געפרעגט: זעלדע, זעלדע, וואָס זאָגסט־דו עפּיס אָן צו דיין מאַן, זעלדע? אָדער האָסט דו אפשר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס איהם מיטצוגעבען, זעלדע? האָט זי נישט געענטפערט קיין גוט וואָרט. אַ פנים, זי האָט זעהר אַ האַרטען שלאָף, און שלאָפט געשמאַק אָהן עין־הרע. נו האָב איך געזאָגט: זעלדע, דו שלאָפסט, שלאָף זשע, שלאָף געזונטער־הייט! זיי מיר געזונט, זעלדע! האָב איך געזאָגט און בין מיר אוועקגעגאַנגען.

סענדערילס לעצטע ווערטער האָבען אַזוי ווי טראָפּענס אָבגעמינטערט בנימינ'ן. ער האָט אָנגעהויבען פריי צואָטהמען און געסאָפּעט גלייך ווי אַ שטיין איז איהם פונ'ם האַרץ אַראָב. דאָס פנים האָט איהם געשיינט און זיינע אויגען האָבען געפלאַקערט פאַר גרויס פרייד.

— אַצינד, סענדעריל!—האָט ער עפּיס ווילד אַ קוויטש געגע־געבען,—אַצינד מיט דער רעכטער פוס!

אין דער צייט האָט פון אַ לוזשע אין דער זייט זיך אַרויסגעלאָזט

אקול פון זשאבעס, גלייך ווי זיי האָבען זיך געזעגענט מיט אונזערע פאַרשוינען און זיי צוגעקוואקעט אַ מאַרש. טונעיאַרעווקער זשאַבעס שרייען משונה שטאַרק אין זייערע פערשימעלטע בלאָטעס, זיי זענען בעריהמט אין דער וועלט גלייך מיט דניעפּראָוויצער וואַנצען און טאַראַקאַנעס...

דאס פינפטע קאפיטעל.

וואס מיט אונזערע פארשוינען פאסירט זיך באלד ביי'ם ערשטען ארויספאהר.

אונזערע פארשוינען האבען זיך אלאז געטאן ראפטאם און געגאנגען געשמאק גיך, גלייך ווי זיי וואלטען זיך אבגעריסען פון א קייט אדער גלייך ווי איינע וואלט זיי פון הינטען געטריבען מיט א בייטש. מיט זייערע ברייטע פאלעס, וואס האבען געשוועבט אויפ'ן ווינד, האבען זיי זיך געמעגט גלייכען צו א שיף, וואס געהט געשווינד אויף איהרע אויס-געשפרייטע זעגלען. די קאנדוקטערס פון געוויסע דיליזשאנסען אין אונזער ווינקעל וואלטען זיך, כ'לעבען, געמעגט ווינשען: הלוואי דער גאנג פון אונזערע וואנדערער אויף זייערע פערד געזאגט געווארען! סאראקעס און וואראנעס, וואס האבען ארומגעשפאצירט אויף דער ערד, האבען מיט דרך ארץ אבגעטרעטען דעם וועג און זענען שרייענדיג צופלויגען אין אלע זייטען מחמת גרוים פחד פאר די צוויי-פיסיגע מיני בעשעפעניש, וואס האבען זיך געיאגט מיט גרוים חשק און התלהבות.

קיין פען איז נישט ביכולת צובעשרייבען, ווי גליקליך, איבער גליקליך זיי זענען דענסטמאל געווען. עס האט זיי עפים משונה הנאה געטאן און זענען געווען שטארק צופרידען — צופרידען פון זיך אליין צופרידען פון דער גאנצער וועלט.

סענדערל, ווי עס האט אויסגעזעהן, איז זעהר פרעהליך געווען

וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיין ווייבס הענט און איז פּטור געוואָרען אַזאַ שווערען, ביטערען גלות. נעכטיגער טאָג בעזאָנדערענס איז פאַר איהם. נעבעך, געוועזען זעהר אַ שווערער, אַ ביטערער, אַ טאָג פון צרות און יסורים, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ סליעד פון סיניאַקעס אויף זיין לייב, וואָס האָט מיט שטורעם אויסגעוואָרצעלט אַ סך האָר פון זיין בערדיל און וואָס האָט גאַנץ פריי פאַר דער גאַנצער וועלט זיך געחתמעט מיט ברוין-בלויע צייכענס אונטער זיינע ביידע אויגען. נישט פאַר אייך, פאַנטאָפּעלמענער, געזאָגט געוואָרען אַזאַ ווייסטען פינסטערען פּעטשאַטעק, וועלכען סענדעריל, נעבעך, האָט נעכטען פריה געכאַפּט פון זיין בחורטע!

אַ היבשע צייט זענען אונזערע פאַרשווינען געלויפען כמעט אָהן אַ נשמה שאַ, שטיל, נישט צו ריידען איינער מיט דעם אַנדערען אַ וואָרט. זיי האָבען זיך שטאַרק דערוואַרעמט און גרויסע טראָפּען שווייס האָבען זיי אַרויסגעטרעטען אויפ'ן פּנים. סענדעריל האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז זיך אָבצושטעלען און געסאָפּעט ווי אַ גאַנז.

— גיכער, גיכער, סענדעריל! — האָט בנימין איהם אַלץ אונטערגעגעבען קוראַזש און איז געלויפען מיט אימפּעט פאָראויס, ווי אַ גבור, וואָס גורט אָן זיינע לענדען און לויפט מיט פייל-און-בויגען אין דער מלחמה.

— גוואַלד, בנימין, האָב רחמנות אויף מיין נשמה! — האָט סענדעריל געבעטען רחמים, — איך האָב מעהר קיין כח נישט דיר נאָכצולויפען. דו לויפסט אָהן עין-הרע. ווי אַ הירש אויף די בערג און ווי אַ צאַפּ פאַר דער טשערעד

— גיכער, גיכער, סענדעריל! — האָט בנימין איהם אַלץ געשריגען און געלויפען פאָראויס מיט גדלות אויף זיין בריהשקייט. — זעהסט דו, סענדעריל, איך וואָלט אַזוי געלויפען, געלויפען ביז עק וועלט.

— נאָר צו וואָס, בנימין, איך בעט דיך, לויפסט דו אַזוי? — האָט סענדעריל געפרעגט, — מיר וועלען, כ'לעבען, גאָרנישט פאַרזאַמען. אַז מיר וועלען אָנקומען אַהין שפּעטער מיט אַ טאָג אָדער אַפילו מיט עטליכע טעג איז אויך, כ'לעבען, קיין סכנה נישט. די וועלט וועט נאָך אַזוי גיך נישט אונטערגעהן, זי האָט נאָך צושטעהן, כפי איך האָב געהאָרכט, ביז דעם אלף השביעי, שטאַרקע עטליכע הונדערט יאָהר.

— גיכער, סענדעריל, גיכער, אַ עברה די צייט. וואָס גיכער אַרויסרייסען זיך פון דאַנען, איז אַלץ בעסער. האָרעווע, סענדעריל, קנעל

אביסעל צו, נישקשה. דערפאר קומענדיג אהין וועסט דו אויסגלייכען דיר די ביינער, וועסט עטהמען און לעבען ווי א שררה.

— דו ביסט, בנימין, זעהר גערעכט. דו ווילסט גיכער וואס פאר א דאגה איך האב, זאל זיין גיכער, ביי מיר האסט-דו געפועלט, נאר וואס טהוט מען מיט די פיס, מיט מיינע פיס?

אין ברירה, בנימין האט געמוזט צוליב מאן סענדערלען און איינ-האלמען אבים על דעם גאנג.

אז די זון איז ארוים פון איהר פוטערפאס און האט געשמאק גע-ווארעמט, געבראטען מיט איהרע ליכטיגע שטראהלען, זענען אונזערע וואנדערער אנידערגעפאלען נעבען א וועלדעלע ביי דער זייט פונ׳ם וועג. זיי זענען געלעגען אין איין שוויים און האבען שטארק געסאפעט, געמאכט מיט די זייטען. די פרישע סיניאקעס האבען ביי סענדערלען זיך צופריעט און ער האט געפיהלט א וועהטאג, ווי מען שטעכט מיט שפילקעס.

נאכדעם אז זיי האבען אביסעל אבגערוהט, איז די ערשטע זאך זייערע געווען ארויסצונעהמען טלית און תפילין און דאווענען. בנימין האט זיך צושאקעלט, געדאווענט לעבעדיג, מיט א ברען, ער איז ווערטה געווען דערנאך אביסיל בראנפען, נאר ווי האט ער עס אבער געקענט דא אוים-פיהרען? ער וואלט גערן געוועזען, ער זאל האבען האטש א שטיקעל ברויט. דאס הארץ האט איהם גע׳חלש׳ט, דער אפעטיט זיינער איז גע-ווען זעהר גרוים נאך אזא געשמאקען גאנג, ער וואלט געקענט אויפעסען א וועלט און דא האט ביי איהם, מעשה שטן, זיך נישט געפונען אפילו א ברעקיל ברויט ווי א כזית. ער האט געווארפען מיט די אויגען אהין און אהער, אויסגעקנאקט די פינגער, גענענעצט, זיך געקראצט, פאס-מאקעוועט, געמאכט אלץ טא, טא, געלעגט, געצויגען די פאות, דאס בערדיל, נאך א מאל א קראץ און נאך א מאל טא, ביז ער האט זיך מישב געווען און ארויסדערטאפט פונ׳ם קלומיקיל עפיס א פערטעלדיגען ספר ווי א מחזוריל, אין וועלכען ער האט אריינגעקוקט און אונטערגע-ברומט מיט א אקדמות-ניגונדיל.

— סענדעריל! — האט בנימין אין-דערמיט מפסיק געווען, — דו ווייסט, וואס איך זאג דא איצט אזוינס? דו ווייסט, פאר וואס איך זאג עס איצט מיט דעם ניגונדיל?

— דו מוזט אוודאי הונגעריג זיין, — האט סענדעריל גענטפערט בתמימות.

— גראָם-שטראָם, — האָט בנימין זיך אָנגערופֿען, — און אַז איך בין הונגעריג, מילא?!

— מילאָ, מילאָ, דעריבער זינגסט דו, — האָט סענדעריל געענט־פֿערט, — ס'איז דאָך דאָ אַ בפֿירוש ווערטיל: קאָלי זשיד ספּיוואַיע, קאָלי ווין גאָלאָדני. דו, בנימין, מעגסט דיר זינגען, זינג דיר, זינג, און איך וועל מיר דערווייל עפּיס אַנדערש טאָן.

אינדעם ווי סענדעריל האָט גערעדט, האָט ער טאַקי אַריינגעשטעקט די האַנד זיינע צו זיך אין פּעקיל און אַרויסבעקומען פֿון דאָרט אַ טאַרבע.

— עט, דו ווייסט נישט, דו פֿאַרשטעהסט נישט, אַקעגען וואָס איך טהו עס, — האָט בנימין געזאָגט, — סענדעריל, נאַרעלע, איך וועל דיר מפורש זיין דעם טעם דערפֿון.

נאָר סענדעריל אָבער האָט דערווייל זיך זיינס געטאָן און פּאַמעליך־פּאַמעליך אויפֿגעבונדען די טאָרבע. אַז בנימין האָט אַ קוק געטאָן, איז איהם ליכטיג געוואָרען אין אַלע רמ"ח אברים. אין טאָרבע איז געלעגען פֿון כל טוב, ברויט, שטיקלעך קוילעטש, וואָס איז איבערגעבליבען פֿון שבת, אוגערקעס, רעטעכלעך, ציבעלעס און קנאָבעל! סענדעריל האָט אין זינען געהאַט אַלסדינג, אַנצוגרייטען ווי אַ גוטע בעל הבית'טע און ער איז ביי בנימין דערפֿאַר געהויכט, געקרוינט געוואָרען נאָך אַ סך מעהר ווי פֿריהער. בנימין האָט אין האַרץ זיך שטאַרק געפֿרעהט וואָס השם יתברך האָט איהם בעשערט אַזאַ טייערען חבר אויף דער נסיעה, סענדערלען האָט מיר גאָט צוגעשיקט, אַזוי האָט ער געטראַכט, ווי די קינדער ישראל מן אין דער מדבר.

נאָכדעם אַז זיי האָבען אונטערגעלעהנט זייער האַרץ, האָט סענ־דעריל איינגעוויקעלט דאָס ביסיל שפּייז, וואָס איז איבערגעבליבען, צוריק אין טאַרבעלע מיט די ווערטער.

— דאָס ביסיל שפּייז וועט אונז צוניץ קומען נאָך אויף אַ מאָל און דאָס טאָרבעלע אויף טויזענד מאָל, אויף אונזער גאַנצען לעבען. דערמיט וועלען מיר, אם ירצה השם, איבער די הייזער אַרומגעהן. נישקשה, גאָט ברוך־הוא וועט אונז העלפֿען!

דאָס וואונדערליכע טישטיכעל, אין די מעשה-ביכלעך, וואָס מען זאָגט: טישטיכעל, טישטיכעל, גיב מיר עסען! גיב מיר דאָס, גיב מיר יענץ! און דאָס טישטיכעל גיט, — אָט דאָס דאָזיגע חידושים-וואונדער־ליכע טישטיכעל איז ביי אונז ידוען די טאָרבע. פֿיל נפֿשות, זעהר פֿיל, שפּייזען זיך חידושליך-גרינג זייער גאַנץ לעבען נאָר פֿון דער טאָרבע און

לאָזען זי איבער בירושה קינדס-קינדער. די טאָרבע איז אין תוך אַריין אַלץ איינע, נאָר ביי פערשיעדענע קלאַסען מענשען בעקומט זי אַ אַנדער מין פאָרמע און אַ אַנדער מין נאָמען. ביים פראָסטען עולם איז זי פשוט אַ טאָרבע, אַ פראָסטע לייַנוועַנטענע טאָרבע, ביי'ם געהייבענעם עולם אָבער נעהמט זי אָן אַלערליי מיני געשטאַלטען, ווי אַ שטייגער: אַ קעסטעלע, אַ קאַראָבקעלע, אַ כּלי-קודשיל, אַ חברה-ילע, אַ פושקעלע, אַ קהלש בית-מעלע, אַ גמילות-חסד-באַנקעלע, אַ מחברישער פּלוידערזעקעלע וכדומה, די אַלע זענען באמת טאַקי נאָר טאָרבעס, טאָרבעס, עכטע יורישע טאָרבעס!....

— סענדעריל! — האָט בנימין זיך אָנגערופען, געשטאַרקט פון סענדערילס ווערטער, — מיר ביידע זענען אַ זיווג מן השמים, מיר ביידע זענען ווי אַ גוף מיט דער נשמה. ווען דו זאָרגסט אין גשמיות מכח עסען און טרינקען אויף אונזער נסיעה, אָקענען זשע זאָרג איך אין רוחניות-זאַכען. נאָך אַ מאָל פרעג איך דיך, סענדעריל, דו ווייסט, פאַר וואָס איך זאָג אַקדמות? איך האָב דערמיט] אַ גרויסען כיוון. איך זאָרג מיך איצט, אז השם יתברך וועט אונז בשלום ברייַנגען אַהין, צו די בני משה, זאָלען מיר קענען אַ מויל עפענען און מיט זיי זיך אויסטענהין. זיי ריידען עפּיס האַלב תרגום, צום מייסטען ריידען [זיי דאָרט אַקדמות-לשון. אלדד הדני, וואָס איז פון יענעם ווינקעל צו אונז געקומען, ער האָט דאָך לויט ווי מיין מיינונג, דאָס דעם אַקדמות געמאַכט, ושריות שותא. סענדעריל איז דער טייטש איך הויב אָן צושפּרעכען. נעדענק זשע, סענדעריל! דאָ אין חוץ לארץ קען מען זיך בעגעהען מיט אונזער לשון, מיט דייטש, אָבער דאָרט, דאָרט מוזען זיי קיין דייטש אוודאי נישט קענען.

— איך פאַרלאָז מיך אין די זאַכען איננאַנצען אויף דיר, — האָט סענדעריל געזאָגט בהכנעה, — דו ביסט אַ געלערנטער מענש אין קוקסט אַריין אין דיינע ספרים, מסתמא ווייסט דו וואָס דו טהוסט, וואָרין דו געהסט, אַ סימן, איך האָב דיך אַפילו נישט איבערגעפרעגט, צו געהען מיר מיט דעם גלייכען וועג. דו געהסט, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב, געה, איך געה דיר נאָך ווי אַ קוה נאָך אַ קעלביל.

בנימין האָט משונה הנאה געטאָן סענדערילס גרויסער בטחון אויף זיין חכמה. ער האָט ביי זיך אין די אויגען אויסגעזעהן ווי אַ שיפסקאַפּי-טאַן, וואָס ער אַליין פיהרט די שיף אויפין ים. דאָס פונדעסטוועגען האָט איהם נישט אָבגעהאַלטען זיך באַלד טאַקי צובעטראַכטען, אז ער

זייסט באמת נישט וואו ער געפינט זיך, מעגליך אפשר בלאָנדזשעט ער און איז גאָר אַראָב פונ'ם וועג.

דערווייל ווי ער האָט געטראַכט, האָט גאָט אָנגעטראָגען אַ פויער, וואָס ער איז געפאָהרען פאַרביי אויף אַ פולען, אָנגעטאָפּעטעטען וואָגען מיט היי.

— סענדעריל, האָט בנימין געזאָגט, עס שאַדט כלל נישט אַ פרעג צוגעבען דעם ערל מכח דעם וועג. נעה אויף צוקאָוועשטש גיב אַ פרעג. דאָ אין חוץ לאָרץ וועסט דו בעסער פון מיר זיך קענען אויסטענהן מיט די פויערים אויף זייער גראָבען לשון. דיין פלונית'טע פלעגט דאָך עפּטערס דיך מיטנעהמען מיט זיך אויפ'ן מאַרק.

סענדעריל האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, צוגעגאַנגען מיט גרוים דרך ארץ צום פויער און געזאָגט כהאי לישנא:

— דאָברי דיען! קאָזשי נאָ, טשעלאָוויטשע, קודי דאַראָגי אויף ארץ ישראל!

— שטשאָ?! האָט דער פויער פערוואונדערט געמאַכט און אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען. יאָקי סרול? ני באַטשיל יאָ סרוליא?

— ני, ני! — האָט בנימין זיך נישט געקענט איינהאַלטען און זיך אריינגעמישט פונדערווייטען, — עטאָ ווי סרול, אָ ווין להבדיל ארץ ישראל קאָזאַטע ווין, סענדעריל. זאָג איהם נאָך אַ מאָל בפירוש אַרוים. ער האָט אַ פויערש קעפּעלע. שאַרפער, שאַרפער, סענדעריל!

- אויף אררררץ־ישראל קודי דאַראָגי? האָט סענדעריל נאָך אַ מאָל שאַרף איבערגע'חזר'ט.

— אַ פּיעס וואס זשידקי זנאַיעט, שטשאָ ווי מאַראָטשעטע מעני גאַלאָווי, עטאָ דאַראָגי דאָ פּיעווקי, אַ וויני עלעססלאָאַל! עלעססלאָאַל! האָט דער פויער זיך נאָכגעקרימט. אַ שפּיי געטאָן און אוועקגעפאָהרען ווייטער.

אונזערע פאַרשיינען האָבען זיך געלאָזט ווייטער אין וועג.

בנימין האָט געפיהלט אַ וועהטאָג אין די ליטקעס, די פים זענען איהם געווען. לא עליכם, ווי אָבגעשניטען. דאָך האָט ער, נעבעך, זיך נישט וויסענדיג געמאַכט, זיך געמאַכט האַרץ, אַלץ אונטערגעגעבען קוראַזש. און מחמת איהם איז, נישט פאַר קיין יודען גערעכט, זעהר שווער געווען צוגעהן גלייך און געשווינד, האָט ער געמוזט אַלץ אונטער־שפּרינגען. אוודאי איז דאָס נישט געווען אַזאַ גאַנג ווי פריהער. עס איז געווען געמוטשעט, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער געטאָן זיינס און איז

גענאַנגען, וואָרום די קשיאַ איז דאָך, וואָס האָט ער דען געקענט מאַכען? אנידערלעגען זיך, שונא-ציון, איפ'ן וועג? מילא, וואָס וואָלט דערפון דער תכלית געווען? היינט ווי לעגט עס זיך אַ יוד אין מיטען וועג גלאַט אנידער? ער וואָלט נאָר מצער געווען סענדערלען, און די נסיעה וואָלט חלילה, אויפגעהאַלטען געוואָרען. הכלל, זיי זענען געגאַנגען, געגאַנגען אַזוי אַ גאַנצען טאָג, ביז גאָט האָט זיי בשלום געבראַכט קיין פיעווקי אויף נאַכטלעגער.

אַריינקומענדיג אין פיעווקער קרעטשמע, איז בנימינס ערשטע זאַך געווען, זיך אַ וואָרף צוטאָן ווי נרוים ער איז אין אַ ווינקעלע אויסצורוהען די פים און חאַפּען דעם אָטהעם.

סענדעריל איז ווי אַ אַלטע בעל-הבית'טע געגאַנגען צובעשעפטיגען זיך אין דעם בעל-הבתישקייט און שמיעסען מכח וועטשערע.

דער אַרענדאַר האָט אָנגעקוקט סענדערלין פון קאָפּ ביז די פים און האָט פון זיין גאַנצען הילוך אַרויסגע,עהן, אַז דאָס איז עפּיס נישט גלאַט אַזאַ פּאַרשוין ווי אַנדערע, וואָס פאָהרען געוועהנטליך דורך. ער האָט איהם אָבגעשטעקט אַ שלום עליכם, און אויף דער שאלה: מה שמכם? פון וואַנען איז אַ יוד? האָט סענדעריל געענטפערט בתמימות, ער הייסט סענדעריל, ער איז אַ שטיקעל ארץ-ישראל-יוד, ער איז אַ משמש ביי רב בנימין, וואָס ליגט איצט מיט זיין כבוד דאָ אין אַ ווינקעל. דער אַרענדאַר האָט געמאַכט אַ פּרוס-פּנימיל, זיך אַביסיל פערטראַכט און געבעטען סענ-דערלען זיצען.

לאָמיר לאָזען די בת מלכה, דאָס הייסט סענדערלען, שמועסען מיט דעם אַרענדאַר און זיך אומקעהרען צום בן מלך, צו בנימינ'ן, זעהן, וואָס ער מאַכט און וואָס ער טהוט.

אונזער בנימין אַז ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין ווינקעל, איז געבליבען ליגען ווי אַ שטיין און נישט געוואוסט, אויף וועלכען עולם ער איז. די אָדערען פון די פים זענען געווען שטאַרק אָנגעקוואָלען, דאָס בלוט האָט אין זיי זיך צושפילט, געזעצט און געטשיפעט, גלייך ווי מו-רעשקעס וואָלטען דאָרט הויפענוויז אַרומגעלויפען און געביסען, געשטאָ-כען. די שלייפען האבען געהאקט, געקלאַפּט ווי האַמערס. אין די אויערען האט פּעררומפּען געראַשט און דאָס רוישען פלעגט זיך אַלץ אויסלאָזען צום סוף מיט אַ הילכעדיגען לאַנגען קלונג, ווי אַ תקיעה גדולה. אדער מיט אַ שאַרפען שום, ווי בשעת מען לאָזט ראַקעטען. ביי איטליכען אַרום-פליהענדיגען ראַקעט פונ'ם קאָפּ האָט מיט אַ מאָל איהם אַ בליטשע גע-

נעבען אין די אויגען מוזעט־אונטערליי פייערווערק: געלע, גרינע, בלויע, העלע, רויטע, פאַמסענע, נאָך אַ נאָך קאָלירען אָהן איין עק, אָהן אַ סוף. אין אַ מינוט אַרום ווערען די פייערווערק אויסגעלאָשען, חושך־פינסטער ווערט איהם אין די אויגען און אין די אויערען רוישט ווידער ווי אין אַ מיהל.

ליגענדיג פערטראַכטען אַזוי אַ היבשע צייט, הערט בנימין אַ קול פון גלעקלעך קלינגען אין דרויסען פונדערווייטען, מיט איטליכער מינוט קומט דער קול צו אַלץ נעהענטער, נעהענטער, ווערט אַלץ העלער אַ שטאַרקער און פּלוצלים גיט אַ סקריפּ ווי אַ וואָגען, אָבשטעלענדיג זיך נעבען טויער. עס לאָזען זיך הערען ביזן הימעל אַריין מיני קולות גלייך ווי אַ גאַנצע שטעדטיל האָט דאָרט זיך פערקליבען אויף אַ וויכטיגער אַסיפה, ביי־קולכלעך, פּיסטלעך, געמבעס, הייזעריג, האָרחלענדיג אי צוגעלייגטע שטימען, נישט צו וויסען וואָס און צו וואָס. קען וואָס פערזאַמלען זיך אין זייער צייט אויף די דעכער, ווייס מען, אַז דאָס זענען קעץ און צוליעב וואָס זיי האָבען זיך פערזאַמעלט, אין וואָס זיי מיינען מיט זייער מיאַאו־קען, חאָטש דו קענסט נישט קיין קאַצען־לשון. אָבער דאָ, איז שווער צו זאָגען, וואָס שרייט מען און וואָס וויל מען, ווייל דרינען איז אויסגע־מישט אי געלעכטער, אי אַ געקרעכצעריי, געזיפצעריי, אי אַ שושקעריי, אי אַ קוויטשעריי, אי אַ טאָן פון אַ שיגעץ, אי דאָס זיסע חניפה־קולכעל, אי אַ הוסטעריי, אי אַ נאָזשנייצעריי, אַ געקלאַפּעריי און אַ געפּאַטשעריי. היינט געה פאַרשטעה וואָס דאָס אַלסדינג אינאיינעם איז. וואָס דאָס בעטייט? באַלד דאַרויף עפענט זיך די טיר און אַ חאָפּטע מענשען שיטען זיך אַריין אין שטוב מיט איטפּעט.

בנימין רוקט זיך ווייטער, ווייטער אין ווינקעל און נורעט זיך שטאַרק איין.

דערוויל ווערט אין שטוב זעהר ליכטיג פון אַ סך ליכט, וואָס ברע־נען אין שבת'דיגע מעשענע לייכטער; אַ טייל זענען פערשטאָפּט מיט שנויצען און די ליכט שטעהען אויף זיי צוגעשמאָלצען, נאָר אויף משקולת, אַ טייל זענען מיט צוגרויסע, ברייטע, נישט קיין טיפע לעכער און די ליכט שטעהען אין זיי קרום אין דער זייט פאַרשטעקט פון אונטען מיט אַ קייל.

ביים עק פון אַ לאַנגען דעמבענעם טיש זיצט אַ חברה כלי־זמר און סטראָיען, שטעלען אָן זייערע כלים, דער פידלער פאָרעט זיך מיט דער פידעל, קיצעלט זי מיט פינגער און איטליכע סטרונע רופט זיך אָב זים,

זם, זים אויף איהר קול, גלייך ווי זיי ריידען: נישקשה, מעגסט אונז קיצלען, פון אונזערט־וועגען זענען מיר פארטיג, אבי פון דיין סמיטשיק זאל נאר קיין מניעה נישט זיין, ער האפט זיך צום סמיטשיק, גלעט איהם און האלט איהם גרייט צום שפיל. דער פליימער שמיעסט־איבער שטיל מיט דער פלייט, זי פייפט איהם שטילערהייט אן, און דער צימבלער לויפט זיך דורך איבער דעם צימבעל און קלאפט זיך פאמעליך מיט די העמערלעך. נאר דער בלינדער פויקער זיצט אנגערוקט מיט דער קוטשמע איבער די אויגען און חאפט א דרעמיל.

נעבען די כלי־זמר שטעהט אויף א ביינקעל עפים א מין פארשוין וואס קים רעדט ער אוים א ווארט, שטיקט מען זיך פאר געלעכטער. אפילו קינדער, וואס שטעהען אנגעשטאפט און קוקען אריין פון די פענ־סטער, לאכען משונה און קרימען זיך נאך. דער פארשוין גיט דערנאך א געשריי: הררי! לכבוד די מחותנים ולכבוד דעם בעל הבית ולכבוד כל המסובים בכאן, שפילט אב א לעבעדיגם, א פרעהליכם! און די כלי־זמר צולאזען זיך באלד אויף די כלים, פרעהליך, לעבעדיג, ווייבער מים מאנסבילין נעהמען זיך צונויף און טאנצען א ראד האן־האן.

אלסדינג האט זיך בעוועגט, אפילו וואנצען אי מאראקאנעס זענען ארוים פון די שפאלטען, און זיך צוקראכען איבער די ווענד.

טאנצענדיג פאלט איינער ארויף אויף בנימין'ן אין ווינקעל. דער טענצער קוקט איהם אין פנים אריין און לאזט ארוים א געשריי:

— א בנימין! איך האב איהם דערטאפט, כ'לעבען, די כשרע מציאה! ער איז דא, ער איז דא!

אויף דעם געשריי לויפען־צו נאך מענשען. בנימין דערקענט צווישען זיי טונעיאדעווקער פיינע בריות און דעם דארטיגען רב'יל.

איין קול, איין געשריי:

— בנימין, קום טאנצען! בנימין, קום טאנצען.

— איך קען, אסור, נים, — בעט זיך בנימין רחמים, — איך קען זיך נישט ריהרען פונ'ם ארט.

— נישקשה, נישקשה! — ענטפערט מען איהם, — קום זאגט מען דיר, דו וועסט קענען. וואס האט מען דא צוקענען? אדם א מענש, קאטשקע רוק זיך! ריהר זיך, בהמה, מיר וועלען, נישקשה, דערצעהלען.

— זעלדען! — גיט בנימין א געשריי אין איין אטהעם, — איך בעט אייך, דערצעהלט נישט זעלדען!

— ריהר זיך זשע, בהמה! — שרייעט מען איהם, — ריהר זיך בהמה, שטעל זיך שוין אויף די פיס.

— דערבאַרעמט זיך, יודישע קינדער! — בעט זיך בנימין, — איך קען, כ׳לעבען, זיך איצט נישט ריהרען, איך האָב אַ טעם, פאַר וואָס איך קען נישט, ס׳איז אַ סוד, וואָס איך וועל איהם מגלה זיין דעם רב.

און ווי ער האַפּט אַרום דעם רב פעסט מיט ביידע הענד אַיינצורוימען איהם אין אויער אַ סוד, פיהלט ער פלוצלים אַ שרעקליכען זעץ אין דער זייט, אַזש ס׳איז איהם פערגאַנגען אין דער נאָז ווי פון הריין, ער גיט זיך פאַר ווערטהאָג אַ וואָרף, רייבט די אויגען און זעהט, אין שטוב איז גאָר טונקעל, די לבנה שיינט אַריין פון די פענסטער. ער ליגט נעבען אַ קעלביל און האַלט זי אַרומגענומען שטייף מיט ביידע הענד.

וואָס טהוט זיך דאָ אַזוינס?! פון וואַנען נעהמט זיך דאָ פלוצלים אַ קעלביל? האָט זיך דען בנימין געקעלבט? נאָר ווי שיקט זיך עס? אָנגענומען די סברא, בנימין איז אַ בהמה, צעהן מאָל, הונדערט מאָל אַ בהמה. נאָר ער איז דאָך אָבער אַ צווייפיסיגע בהמה און וואו איז דאָס געהערט אי געזעהן געוואָרען, אַז אַ צווייפיסיגע בהמה זאָל האָבען אַ קעלבעל?! אמת ביי אונז איז דאָ אַ סך קעלבלעך און דאָס רוב דווקא אין לייטישע הייזער, אָבער דאָס זענען דאָך פאָרט נישט מעהר ווי קעלבלעך אין אַ מענשענס געשטאַלט. זיי זענען נאָך דאָס רוב גראָד זעהר שען מיט אַ שען פנימיל און מיט חןגריבעלעך, אָבער דאָס קעלבעל, וועלכע בנימין האַלט דאָ און נעהמט זי שטאַרק אַרום, איז דאָך טאַקי פשוט אַ אמת קעלביל, הײנט פון וואַנען, איז די קשיאָ, האָט זי זיך אַהער גענומען? אַ חידוש נפלא. נישט אַנדערש זי איז פונ׳ם הימעל אַראָבגעפאַלען!...

ניין, רבותי! גלויבט נישט אין הימעלשע קעלבלעך, צווישען אַלע אונזערע קעלבער איז אַפילו נישט אי איין קעלביל פונ׳ם הימעל אַראָבגעשיקט געוואָרען. עס איז גאָר נישט אַזאַ חידוש נפלא, ווי איהר מיינט; איהר האָט זיך אויף דעם קעלביל גאָר נישט אַזוי צו וואונדערן און פון איהם אַזאַ פירוש צומאַכען.' פראָסטע איז מאָסטע, גאָר אָהן קונצען, די מעשה דערפון איז אַזוי געשעהן.

אַז בנימין איז נישט טויט — נישט לעבעדיג אַנידערגעפאַלען אין ווינקעל, האָט ער פאַר גרויס מידינקייט נישט בעמערקט, אַז דאָרט ליגט אַ קעלביל. בשעת איהם האָבען זיך צושפילט די געבליטען, איז ער אַנשלאָפען געוואָרען און איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט אין חלום די גאַנצע חתונה מיט די מחותנים און מיט די כלי־זמר. ער איז געווען שרעקליך

אומרוהיג, זיך אַלץ גערוקט, גערוקט אין ווינקעל, און בשעת ער האָט אין חלום אַרומגענומען דעם טונעיאַדעווקער רביל, האָט ער גאָר אַרומגע־חאַפּט פּעסט דעם פּיעווקער אַרענדאַרס קעלביל, און איהם איינגערויט אין אויער דעם סוד פון זיין נסיעה. דאָס קעלביל אָבער האָט עס נישט גורם געווען, נישט געוואָלט לײדען, מען זאָל איהם אַזוי האַלזען אי שטיקען. עס האָט אויסגעשטרעקט דאָס פּיסעל, אָנגעריהרט בנימינ׳ן אין דער דיך און בנימין האָט זיך אויפגעחאַפּט.

אַז בנימין האָט זיך אויפגעחאַפּט, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטען אַרומגענומען דאָס קעלביל מיט ביידע הענד זעהר פערדולט אין צום טמ. ערשט אין אַ רגע שפּעטער האָט ער פון זיך אַ שטוב געטאָן דאָס קעלביל, זיך אויפגעהויבען דערשראָקען און זיך געלאָזט געהן געשווינד. דאָס קעלביל פון זיין זייט, ווי באַלד עס איז לייז געוואָרען פון פרעמדע הענד, איז אייך אויפגעשטאַנען געשווינד און זיך געלאָזט מאַכען אַ פליטה, איז לויפענדיג אַרויף ראַפּטאָם אויף בנימינ׳ן און ביידע זענען געפאַלען איבער אַ גרויסען צעבער וואַסער, מראַך מיט אַ שרעקליכען קלאַפּ!

שטאַרק דערשראָקען פון אַזאַ טראַך איז סענדעריל און דער אַרענדאַר מיט אַ ליכטיל אין האַנד אַרויסגעלויפען פונ׳ם אַנדערען חדר אין שטוב אַריין. און זענען געבליבען פערוואונדערט!

ווען אַ לידעל־מאַכער זאָל געווען דענסטמאָל זיי ביידען אָנקוקען, וואָלט ער אַזוי געמאַכט: „ליבעהאַרצעדיגע און זיסע, אי אין ווינקעל אי אין דער לושע זענען זייניט צושיידט געוואָרען!״

נאָר דער אַרענדאַר און סענדעריל זענען געווען פּראָסטע בשר ודם נישט קיין לידעלמאַכער, און האָבען די ליבהאַרצעדיגע אי זיסע באַלד צושיידט. דאָס קעלביל האָט מען אָבגעשיקט צו דער מוטער מיט שטעב־ווערטלעך פאַר איהר שלעכטער אויפפיהרונג, און בנימינ׳ן האָט מען פון דער טבילה אַריינגעפיהרט אין אַ בעזונדערען אַלקיר און געלייגט אויף עטליכע קוליקלעך שטרוי מיט אַ קישען צוקאָפּען.

דאס זעקסטע קאפיטעל.

בנימין חאפט א פאטש.

בנימ׳ינ׳ס אברים זענען אביסיל אָבגעגאַנגען אין דער ליל-טבי׳ת נאָך דעם אָבשווײנקען זיך מיט אַ גאַנצען צעבער קאַלטע וואַסער, און אויפשטעהענדיג אין דער פריה האָט ער זיך געפיהלט פרישער אי געזונ-טער. ער האָט בעשיינפערליך אַרויסגעזעהן אַ פינגער פון וואונדער אין נעכטיגער מעשה מיט דעם קעלביל, וואָס דורך איהם גראָד איז גע-קימען די רפואה צו זיינע וועהטאָגען. ער האָט בעוויזען סענדערלען דערמיט, ווי אומגערעכט דער זינדיגער מענש איז, וואָס בעקלאָגט זיך בשעת עפּיס אַ אומגליק און פאַרשטעהט נישט, אַז דאָס אומגליק, קען זיין, פיהרט גאָר צום גליק און פון דער רעה קומט אַרויס אַ טובה; ווי דער אויבערשטער מאַכט פאַר אַ שליח אַלע זיינע בעשעפעניש, אַפילו אַ בהמה; ווי אַ דאָקטאָר קען אַ מאָל גאָר זיין אַ קעלביל; ווי אַ מיק אַפילו קען אַ מאָל פּיקען אין קאָפּ, שטאַרק דאַקוטשען און שטעהן אין דער גרגרת. פאַר אַ ראיה דערצו דינט די מיק מיט טיטוס הרשע אין די אַלטע, אַלטע צייטען. דאָס נעכטיגע בעגעגעניש איז איהם איצט געווען אַ גוטער סימן, אַז די נסיעה זיינע איז אין אַ גוטער מזלדיגער שעה און ער וועט, אם ירצה השם, מצליח זיין צודערגרייכען וואָס ער ווינשט.

— אַ וואַסערטרעגער, וואָס געהט איבער מיט פולען, איז פון אייביג אָן אַ גוטער סימן, אַ פשיטא שוין אַ גרויסער אַ פולער צעבער, — האָט סענ-דעריל זיך אָנגערופען און צוגעבאַסעוועט מיט די רייד.

אָר מחמת דעם וועהטאָג, וואָס בנימין האָט נאָך געפיהלט אין די פיס, און מחמת די קוליקלעך שטרוי, וואָס דארויף איז איהם ווייך געווען צוליגען, איז בנימין פאַרבליבען דעם גאַנצען טאָג אין פּיעוּוקע. ער איז געגליכען געווען צו אַ שיף אין ים. וואָס האָט זיך געזעצט אויף אַ זאַמד און קיין גוטער ווינד איז נישטאָ אַראָבצוטרייבען פון דאָרט.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט בנימין זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אריין.

אַ היבשע צייט איז בנימין געגאַנגען עפּיס ווי מרה-שחורה׳דיג, שטיל-פערטראַכט, נישט צוריידען קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער אַ פּאַטש געגעבען זיך אין שטערען און געבליבען שטעהן שטאַרק בעטריבט. ערשט אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער געעפּענט אַ מויל און אַרויסגעלאָזט מיט אַ קרעכץ די ווערטער:

— אַך, סענדעריל, איך האָב פאַרגעסען!

— וואו פאַרגעסען? וואָס פאַרגעסען? האָט סענדעריל זיך אָנגערופען און זיך אַ חאַפּ געטאָן צו דער טאָרבע.

— אין דער היים, סענדעריל, אין דער היים האָב איך פאַרגעסען!

— אַי, בנימין, וואָס פעלט דיר איין? — האָט סענדעריל געמאַכט — מיר האָבען, דאַכט זיך, מיטגענומען אַלסדינג, וואָס נויטיג איז מענשען אין וועג אריין: אַ טאָרבע, נישט צופאַרזינדיגען, איז דאָ, טלית און תּפילין מיט סידורים איז אויך דאָ, שבת׳דיגע קאַפּאָטעס אויך דאָ, דאַכט זיך, אַלסדינג, ברוך השם, איז דאָ, אַלסדינג האָבען מיר פאַרנומען. וואָס געהט אונז דען אָב? און וואָס האָבען מיר אַזוינס געקענט פאַרגעסען?

— די זאַך וואָס איך האָב פאַרגעסען, סענדעריל, איז זעהר וויכטיג, נייטיג אין לעבען אַריין, הלוואי אַלסדינג זאָל אָבלויפען בשלום. נאָר באַם, חלילה, לא יצלה ולא יבוא, גאָט זאָל שומר ומציל זיין. אויפ׳ן וועג ווער עפּיס, מעשה שטן, געשעהן, דענסטמאָל וועלען מיר ערשט דערפיהלען דעם גרויסען ווערטה פון דער טייערער זאַך, וואָס איך האָב פאַרגעסען. אַרויסגעהענדיג פון דער היים האָב איך אין איילעניש פאַרגעסען צוזאָגען אַ שפּרוך, וואָס שטעהט געשריבען אין אַ ספר, אַרויסגענומען פון אַ גאַנץ אַלטען כתב יד. דער שפּרוך מוז געזאָגט ווערען פאַר אַ נסיעה אַרויסגעהענדיג פון דער היים, ביי דער ראָגאַטקע, אין מען איז ערב, אַז ער איז אַ זיכערע שמירה אין וועג פאַר כל אַ מיני סכּנות און שלעכטע בעגעגענים, — אָט וואָס איך האָב פאַרגעסען!

— אפשר איז דיין גומער ווילען זיך אומקעהרען א היים? — האט סענדעריל געזאגט בתמימות.

— דו ביסט משוגע צי חסר דעה! — האט בנימין א געשריי געטאן און דאס גאנצע בלוט איז איהם אין פנים אריין — סטייטש, וואס הייסט, זיך אומקעהרען א היים? נאך אזוי פיעל מיה און אנגעהען זיך אזא ווען פלוצלים אומקעהרען זיך! סטייטש, און די וועלט? וואס וועט זאגען די וועלט?

— וואס הערען מיר, בנימין, די וועלט? — האט סענדעריל זיך אנגערופען, — די וועלט האט דען דיך געבעטען מאכען אזא נסיעה? האט זי דען מיט דיר א קאנטראקט געמאכט און דיר אויף הוצאות געגעבען, דו זאלסט געהן, וואנדרעווען?

— גאנץ שכלדיג! — האט בנימין זיך נאכגעקריטט, — און אלכסנדר מוקדון, איהם האט דען די וועלט געבעטען, ער זאל געהן קיין הינדיא און מלחמה האלטען דארט? און די אלע וואנדערער ביי אונז יודען האט דען די וועלט געבעטען ארומצוואנדרעווען פון שטאדט צו שטאדט?

— ווייס איך? — האט סענדעריל געמאכט מיט א שמייכעלע. — פונמיינטוועגען האבען זיי אלע געמעגט, כ'לעבען, זיצען אין דער היים. עס וואלט, דאכט זיך, בעסער אין גלייכער געווען פאר איטליכען. אך, נארעלע, נארעלע דו, אלכסנדריל מוקדון, דו האסט אין דער היים פון כל טוב, זיץ, לעב דיר צופרידען און גלעט דיר דאס בייכיל. צו וואס טויג דיר נאך, נארעלע, הינדיען? כידי דצכא דא ני ריבאכא, איז דא א עולמ'ס ווערטיל, און דער עולם זאגט: א עולמ'ס ווערטיל איז, להבדיל, א גמרא. מעהר חידוש איז אויף אונזערע יודעלעך, זיי האבען דאך מאקע יא געזאגט האלטען פון דער גמרא, זיצען אויף זייער ארט און בעשעפטיגען זיך איטליכער מיט זיין זאך. צו וואס טויג דאס ארומוואנדרעווען, דאס ארומבלאנקען זיך ווי א דולער הוא-הא-הא, נישט צו וויסען אליין פונ'ם געזונד, פונ'ם לעבען און נאר אומזיסט-אומנישט רייסען שטיוועל? ווי איך בין א יוד, בנימין! איך זאל אזא פארשוין בעגעגענען, וואלט איך איהם גלייך אויפ'ן ארט אבגעזאגט דעם עולמ'ס ווערטיל, להבדיל, די גמרא מיין איך.

א היבשע צייט האבען אונזערע פארשוינען זיך אוועקגעהאטפערט. סענדעריל האט געפרעגט קשיות און בנימין האט איהם אלץ אויסגעוויזען, אז ער איז א נאר און האט קיין פיצעל ידיעה נישט אין אזעלכע זאכען.

סענדעריל איז דענסטמאל נעגליכען געחען צו א פערדיל, וואס
תמיד רינט עס זיין האר געטריי און פאלגט איהם אין פייער. אין וואסער
אריין, פלוצים מאכט זיך א מאל. פאלט אויף איהם אן פון דער העלער
הויט עפּיס א מאנקאָליע, עס שפּארט זיך איין, שטעלט זיך דיבאָם און
וויל זיך נישט ריהרען פונ׳ם ארט, האטש טהו זיך דא. שונא-ציון,
א מעשה אן. און ווען בנימין האט דענסטמאל ניט געשמיסען דעם איינ-
געשפּארטען סענדערלען מיט א בייטש, דערפאר האט ער איהם דורכגע-
כויקערט מיט זיין זים צינגעל און איהם אבגעשאטען מיט רייד, ביז
בענדעריל איז געווארען ווייך ווי א טייג, א גוט פערדיל ווי פריהער. ער
האט אויפגעשטעלט די אויערען, הערענדיג בנימינ׳ס רייד, וואס האבען
נעבראָכען דעם מוח, אין לסוף האט ער זיך אנגערופען, ווי זיין שטייגער
איז געוועהנטליך, מיט די ווערטער:

— אויב דו וחלסט דוקא אזוי, זאל זיין אזוי. וואס פאר א דאגהן
איך האב?

אז בנימין איז פארטיג געווארען מיט סענדערלען, האָבען זיי זיך
ווייטער געלאָזט אין וועג אריין און נאָכדעם אז זיי זענען זיך אָנגעגאנגען
אויף גועגען און זייטענוועגעלעך זענען זיי נישט כויט—נישט לעבעדיג אָנגע-
קומען קיין טעטריוקע.

טעטריוועקע איז די ערשטע גרויסע שטאָדט, וואָס אונזערע וואנ-
דערער האָבען געזעהן אין זייער לעבען. דריבער איז קיין וואונדער נישט,
וואָס זיי האָבען געקוקט אויף די גלייכע אויסגעברוקירטע גאסען אי אויף
די גרויסע הויכע מויערען און נישט געקאָנט זיך זאט אָנקוקען. כמעט
אויף די שפּיצען פינגער זענען זיי געגאנגען אויף די טראטוארען און גע-
הייבען די פיס עפּיס משונה, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך געהיט צושטאַרק
נישט צובעריהרען די גלאַטע שטיינער און נישט אָנמאַכען, חלילה, קיין
שאָדען, — פיס, וואָס האָבען נישט עפּיס אזא גוטע דאָליע ביי זייערע
בעלי-הבתים אין די קליינע שטעדטלעך און וואָס מען מאַכט דאָרט פאַר
זיי נישט עפּיס גרויסע צערעמאָניעס! קליינשטעטילדיגע פיס, וואָס ווייסען,
נעבעך, נישט פון קיין פאַרלאָנגע צוזאָגען אפילו אין שטוב, וואָס קריכען,
נעבעך, ווי די חזירים אין בלאָטע, וואָס זייערע בעלי-הבתים שטעקען זיי
נעהענדיג טיף אהינצו אריין און דראלען מיט זיי, פּראָסטע-מאָסטע, נאָר
אָהן שום מלאכות, — אזעלכע פיס מוזען באמת מבולבל ווערען ווי די
שיכור׳ע, אז זיי דערפיהלען פלוצלים אונטער זיך א בריק פון שטיינער און
מוזען פאַר גרויס כבוד טאָקי אביסיל אונטערשפּרינגען און נישט וויסען

אַ צייט זיך וואַהן-צוטאָן. פרישע ערשט אָנגעקומענע קליינשטעטלדיגע פּיס וועט איהר באַלד דערקענען אויף די אויסגעברוקירטע גאַסען אין די גרויסע שטעדט.

אונזערע טונעיאַדעווקער פאַרשוינען זענען געגאַנגען ווי מיט אַ פאַר־קלעהמט האַרץ און בהכנעה אָבגעטרעטען פאַר איטליכען דעם וועג. סענדעריל פלעגט אין אַזאַ פאַל אָנגעהמען בנימין ביי דער פאָלע און אַהם אַ שלעפּ טאָן אין דער זייט. אַ מאָל איז דורכדעם סענדערלען אויסגעקו־מען צוהאַפּען אַ שטיל טענציל מיט עמיצען, וואָס איז געקומען אַקעגען. יענער איז זיך געגאַנגען גלייך זיין וועג און האָט זיך אָנגעשלאָגען מיט סענדערלען, וואָס מחמת דעם אָבטרעטען האָט ער איהם פונקט נאָר פאַרשטעלט דעם וועג. יענער האָט זיך רעכטס, אָבער אונזער סענדעריל האָט איהם מקדים געווען און שטעהט שוין גרייט, ביידע וואַרפען זיך לינקס און ווייטער רעכטס, ביז יענעם נעראָט לכוף אויסצומיידען זיך אײנער, וואָס איז גראָד נישט אויפגעלייגט געווען צוטאַנצען מיט סענדער־לען, האָט איהם פּראַסט אָנגענומען און אַ וואָרף געטאָן אין דער זייט, אַז די ציין זענען איהם שיער נישט אַרויסגעפאַלען.

אָלסדינג איז פאַר אונזערע פאַרשוינען געווען ניי, אַלכדינג, האָט זיך זיי אויסגעוויזען, טייט אויף זיי מיט די פינגער, די דראָזשקעס שרייען; די פּאַטאָגען פילדערען, די טויערען שטעהען האָפערדיג, קוקען שמאָלץ מיט זייערע גרויסע גלעזערנע טאָפּלעס און די מענשען קרימען זיך, אָלסדינג שרייעט זיי נאָך: תּרבית, קבצנימלעך! תּרבית, קליינשטעטלדיגע יודע־לעך! תּרבית, תּרבית!...

— הערסט-דו, בנימין! — האָט סענדעריל געזאָגט, נאָכדעם אַז ער האָט פאַרריסען דעם קאָפּ און געקוקט אויף די טויערען מיט דרך ארץ, — איך מיין, בנימין, דאָס איז עפּיס אַ סטאַמבול!

— געה שוין, געה, נאַרעלע, ווי קומט עס צו סטאַמבול? — האָט בנימין געמאַכט מיט אַזאַ מינע גלייך ווי ער איז אַ סטאַמבולער אַ געבוי־רענער, — סטאַמבול, נאַרעלע, האָט ת"ק מאָל ת"ק גאַסען, איטליכע גאַס האָט ת"ק מאָל ת"ק פופצעהן-צוואַנציג-אָדער אפשר דרייסיגגאָרעני־דיגע הייזער און אין איטליכם הויז וואוינען ת"ק מאָל ת"ק מענשען! די מיינסט, אַז דו ביסט שוין פאַרטיג? ניין, ווארט נאָר, וואַרט, נאַרעלע אײנער, היינט איז נאָך דאָ קליינע גאַסען, יורדיקעס, קאַטשעניוועקעס, מאַטשעניוועקעס, פּיסקעס, יאַרען און פּאַדווילען כחול הים;

— אי, אי, אי! — האָט סענדעריל געמאַכט פאַר גרויס וואונדער, —

ס'איז דאָך עפּיס נאָר אַ שרעק, כּ'לעבען, אַזאַ גרויסע שטאָדט! נאָר איך בעט דיך, בנימין, פונוואַנען קומט עס אָט די אַלע גרויסע שטעדט? מענשען זאָלען זיך צונויפשטיקען אין איין אָרט און ליגען איינער איבער דעם אַנדערען, גלייך ווי די וועלט איז ווייניג און נישטאָ מעהר קיין ערד! עס מוז דאָך אוודאַי דרינען עפּיס זיין, וואָס מענשען דערווייטערען זיך פון דער ערד און ווילען אַלץ פליהען אין הימעל, אין די הויכע הויכע פענסטער. זאָל עס אפשר זיין דעריבער, וואָס דעם מענשענס נשמה וואַקסט פון הימעל, מחמת דעם ציהט עס איהם, נעבעך, אַלץ אַרויף, און ער האָט זעהר שטאַרק חשק אויסצושפּרייטען די פליגע־לעך און זיין אַלץ פון אויבען? וואָס זאָגען דערצו עפּיס דיינע חקרנים, בנימין? האָסט דו נישט בעגעגענט מכּח דעם עפּיס אַ שמועס ערגיץ אין דיינע חקירה־ספרים?

— על פי חקירה, — האָט בנימין געמאַכט מיט אַ קנייטשיל, — איז וועגען דעם ענין דאָ אַ גאַנץ ווייטער שמועס, איך האָב שוין דערפון אַפילו געהאַט אַ מאָל צוטאָן ביי אונז אין בית-המדרש אונטער'ן אויווען און דורכדעם איז פאַרענטפערט געוואָ־ען די גמרא פון די צעהן טעפ אָ־עמקייט, וואָס זענען אַ־אָבגעשיקט געוואָרען אויף דער וועלט, ווי אויך דער פּסוק: כי מלא הארץ חמס, די וועלט איז פול געוואָ־ען מיט רויב. נאָר איך וועל עס דיר אַביסיל מסביר זיין על פי אונזער תורה. חומש האָסט־דו דאָך געלערענט, סענדעריל! לויט ווי עס שטעהט אין חומש, האָבען אונזערע עלטערן נאָר תחלת, אין די פריהערדיגע דורות, גע־וואוינט אין געצעלטען, נאָר בשעת דעם דור-הפלגה האָבען אַלע מענשען זיך פאַרקליבען אין איין אָרט, זיך גענומען מאַכען ציגעל און אויסבויען אַ שטאָדט מיט הויכע טורעמער אין הימעל. אין־דערמיט אַרבייט טאַקי איז שוין אויף זיי אָנגעפאַל'ען אַ בייזע מהומה, אַ געטימעל, איינער האָט נישט פערשטאַנען דעם אַנדערען און די גאַנצע פיהרונג דאָרט איז עפּיס אויסגעקומען קאַפּויר. אַ נס וואָס גאָט האָט זיי באַלד צוטריבען, האָבען מענשען ווידער אָנגעהויבען צולעבען, עטהמען פרייער און די וועלט איז ווייטער אויפגעריכט געוואָרען, נאָר דער חטא פוג'ם דור־הפלגה האָט נאָך אינגאַנצען נישט אויפגעהערט. פון יענער צייט אָן ציהט זיך נאָך אַלץ, בעונותינו הרבים, די תאוה ביי מענשען צושטיקען און צונויפשטיקען זיך, אויסצומויערען זיך הויך, צומאַכען זיך אַ שם און פליהען אין הימעל. וואָס האָסט דו אין מיר זיך אָנגעטשעפּעט ווי אַזלורניע? — זאָגט אברהם צו לוט'ן, למאי זאָלען דיינע מענשען זיך קריגען מיט מיינע איבער אַ שפּאַן

ערד, די גאַנצע וועלט שטעהט דאָך פאַר דיר פריי, געה דיר וואָהין דו ווילסט און לאָז מיך געמאַך!

נאָר איידער נאָך בנימין האָט געענדיגט דעם שמועס, האָט זיך געלאָזט הערען אַ שטאַרקער געשריי פון אַ פאַרטשיק, וואָס איז אונזערע פאַרשוינען אָנגעפאָהרען פון הינטען און האָט זיי שיער ניט מזיק געווען מיט דעם דישעל.

— אוחניאָקעס! האָט דער פאַרטשיק געשריגען אין איין אָטהעם און געמאַכט אויף זיי מיט דער בייטש, — וואָס קריכט איהר, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, ווי די ראַקעס און פאַרשטעלט דעם וועג! היי, היי, יאָלדען! היי, היי, פלאַכטען!

אונזערע פאַרשוינען, נעבעך, האָבען געהייבען פיס און געלאָפען פאַר שרעק ווי די פערסטטע מייז, דער אַהין און דער אַהער.

לויפענדיג האָט סענדעריל זיך אַזעץ געטאָן אין אַ שטופּ און זיך אויסגעצויגען, נעבעך, ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד.

בנימין האָט אין אייַלעניש זיך אָנגעשלאָגען אין אַ קויש מיט אייער, וואָס אַ קורעלאַפּניטשקע האָט געטראָגען. די אייער האָבען זיך צובראָכען אין אויף איהם האָט זיך געעפענט אַ גיהנם, אַ פיסק, אַ פייער, אַ געשריי. יענע פון די צובראָכענע אייער, נעבעך, האָט איהם אָבגעשאָטען מיט טויטע קללות, זי האָט איהם געוואָלט אָבשטעקען אָדער זי האָט איהם שוין מאַקי אָבגעשטעקט אַ פאַטש און שטאַרק חשק געהאַט איינצופלאַנטען זיך אין זיינע האָר, — קורץ, בנימין האָט גענוג געלייזט ביז ער איז קוים מיט צרות לעבעדיג אַרויס פון איהרע הענד און געמאַכט אַ פליטה אין אַ הינטערגעסיל, וואָס אַ הינצו איז אויך סענדעריל באַלד צוגעקומען.

— אָט האָסט-דו דיר אַ גרויסע שטאָדט! — האָט סענדעריל געזאָגט און אָבגעווישט מיט דער פאָלע דעם שווייס פון זיין פנים, — דאָ געה נישט, דאָ שטעה נישט, דאָ רוה נישט, ווייסט זיי אַלע דער שוואַרץ-יאָהר!

— דאָס ציהט זיך נאָך אַלץ פונים דור-הפלגה, — האָט געענטפערט בנימין, וואָס האָט געסאָפּעט ווי אַ גאַנז, — דאָס אַלסדינג, יואָס די ייִדן כֿבֿ דאָ, איז אַלץ דור-הפלגה, מיט זיין בייזער מהומה, מיט זיין געטימעל, גנבה, גזלה און רציחה!

— אַי, אין דער ערד אריין מיט'ן קאָפּ! האָט סענדעריל אַ מאַך

געטאָן ,—קום, בנימין, לאָמיר זיך אויסרוהען! דו זעהסט עפּיס שרעקליך אוים, עם פייערט דיר עפּיס אַבאַק, אַרוח אין דער חצופה'ם טאַטען אריין! וויש נאָר אב, זיי מוחל, דעם פנים, די חצופה האט, אַ פנים, בשעת מעשה דיך אויסגעשמירי" מיט געלכען פון אייער!

דאָס זיבעטע קאַפּיטל.

ווי צוליב בנימינ'ן ווערט אַ איבערקערעניש אין דער פּאָליטיקע.

אין איינעם פון די טעטעריווקער קלייזלעך האָט שטאַרק געקאָכט פון דער דענסטמאָליגער קרימער מלחמה, דער אונטעראויוועז איז צו־פאַלען אויף פאַרשידענע כתות, איטליכע כתה מיט איהר פּרעזידענט און מיט איהר גאַנג אין דער פּאָליטיקע.

חייקיל בעל־מוח און זיין קאָמפּאַניע איז זעהר בעשעפטיגט געווען מיט דער מומע וויטען, פלעגט זי צולייגען אויף טעלערלעך און בעווייזען די הסברות אי די שפּיצלעך, וואָס אין איהר שטעקט.

חייקעל איז געווען אַ מאָל אַ שטיקעל זייגערמאַכער, ער האָט געהאַט אַ גרינגע האַנד צו מצה־רעדלען, קיינער האָט נישט געקענט אַזוי ווי ער אַ סוכּה מאַכען, דאָס לאָקשענברעט, די לאָפּעטע, די מילכעדיגע באַנק, דאָס טשאָלענטברעטיל און די צובראָכענע שטיינ פון עופות זענען אין קיינעמס סוכּה נישט געווען אַזוי גוט צוגעפּאַסט ווי אין זיינער, דעריבער, ווען עס פלעגט נאָר אויסקומען עפּיס אַ רייד אין מאַשינען־זאַכען, פלעגט דער עולם האָבען פאַר איהם אָבשיי און זאָגען:

— דאָס געהער זיך אָן מיט חייקלען, חייקעל ווייסט.

חייקעל פלעגט אַלץ דערצעהלען וואונדערליכע זאַכען פון משונה־ווילדע ענגעלשע מאַשינעס, אז די האָר פלעגען זיך שטעלען פשוט קאַפּויר הערענדיג, און אַז איינער האָט איהם אַ מאָל מפסיק געווען די רייד מיט

עפּיס אַ קשיאָ און איהם געפרעגט דעם שכל דערפון, פלעגט חייקעל דערקלערן דאָס איננאַנצען קורץ און פראָסט מיט עפּיס אַזאַ מין שפּרינזשינקעלע און דערבּיי מאַכען אַזאַ מינע מיט אַ זים שמייכעלע, גלייך ווי ער וואָלט פאַרענטפערט אַ קלאָץ-קשיאָ און יענעם געעפענט די אויגען. הכלל, מיט אַ שפּרינזשינע האָט חייקיל דערקלערט אַלסדינג, אי דעם זייגער, אי דעם טעלעגראַף, אי אַ שפּילפּושקעלע און אַנדערע מיני המצאות אויף דער וועלט. איציק-פּשטן אָבער איז קיינמאָל נישט צופרידען געווען מיט חייקילס שפּרינזשינקעס. ער פלעגט קוקען דערויף עפּיס ווי אויף אַפּיקורסות און מאַכען מיט אַ געשפּעט:

— באַלד וועט שוין חייקיל זאָגען, אַז אַ גולם וכדומה אַזעלכע מופתים זענען אויך דורך אַ שפּרינזשינקעלע... פּע, פּע. כ'לעבען! זיינע אַלע זאַכענישען זענען, פשוט איז פשוט, איך בעט אייך איבער, גאָרנישט, טאַקע אַכתע נאַרישקייטען.

און ווייל חייקיל בעל מוח איז געווען פערקאָכט אין וויטען, דריבער האָט איציק-פּשטן, חייקילס בעשטענדיגער מתנגד אין אַלע זאַכען, זיך אָנגעטשעפּעט אין דער מוהמע ראָסיע און זיך אַרויסגעשטעלט פאַר איהר מיט אַלע קרעפטען. איטליכער פון ביידע צדדים האָט שטאַרק געאַרבייט צובייגען אויף זיין זייט די איבעריגע קאָמפּאַניעס. איז חייקיל שוין געשטאַנען אויף אַ שטיקעל שטייגער מיט שמואליק באָקסער, דער פּרעזידענט פונ'ם פּעטער ישמעאלס כּנופיאָ און האָט שוין כמעט ווי האַלב זיך אויס-געגלייכט מיט בעריל פראַנצויז, נאַפּאָלעאָנס אַ הייסער חסיד, האָט איציק אָנגעמאַכט אַ האַרמידער און צוגעצויגען צו זיך טוביה מאָק, קירה'ס מענש, פּאָטשטען זענען געפלויגען פון אַלע זייטען, איטליכער האָט געלאָזט זיינע ראַציעס, די וועלט האָט זיך געקעהרט און דאָס קלייזעל האָט זיך פשוט געוויגט!

אָט אין דער דאָזיגער צייט בשעת דער גרויסער מהומה זענען אונזערע פּאַרשוינען אָנגעקומען קיין טעטעריווקע און זיך אָבגעשטעלט אין דעם דאָזיגען קלייזעל אויף סטאַנציע.

סענדעריל מיט זיין כאַראַקטער איטליכען נאָכצוגעבען האָט אין די עניני הפּאָליטיקע אויך זיך נישט איינגעשפּאַרט און איטליכען צוליב געטאָן אַזוי ווי ער וויל. דו ווילסט אַזוי, פלעגט ער זאָגען, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב, זאָל זיין אַזוי. און דריבער טאַקי האָט ער שטאַרק נושא-חן געווען און איז באַלד איטליכען געפעלען. ביים ערשטען שלום-עליכם איז ביי דעם עולם געבליבען, אַז סענדעריל איז אָהן אַ גאַל, אַ יי-

אָהן חכמות, וואָס האָט אין זיך נישט די מדה פון עקשנות. און ווען סענדעריל איז געווען אויפגעטראָגען מיט אַלע גלייך גאָר אָהן אַ שום חלוק, אַקעגען זשע איז בנימין געווען אַ איבערקלייבער און גאָר צום ערשטען איז איהם מעהר פון אַלע עפּיס געפעלען שמואליק באָקסער, צו וועלכען ער האָט ביסלעכווייז זיך צוגעלאָזט, ביז ער איז מיט איהם געוואָרען שטאַרק חבר. בנימין האָט איהם מגלה געווען דעם גאַנצען פּלאַן פון זיין נסיעה און שמואליק'ן איז די זאַך זעהר שטאַרק געפעלען. ער האָט מכח דעם איבערגעשמיעסט מיט חייקלען. חייקיל האָט דאָס גענומען אויף זיין מוח; און הגם די זאַך איז איהם אויסגעקומען אַביסיל שווערליך, דאָך איז דאָס איהם נעגאַנגען אין קאָפּ, ער האָט באַלד מאַקי אין אַ סעסיע מיט בעריל פּראַנצוויז און טוביה מאָק אָפּירגענומען דעם דאָזיגען ענין און זיי האָבען זיך דערויף שטאַרק פאַרחידושט.

— בנימין, — האָבען זיי געזאָגט, — זעהט מאַקי עפּיס נים אויס־ווי אַ געוועהנטליכער מענש, ער איז עפּיס ווי צוטראָגען, נישט אויף דעם עולם, אַז ער רעדט, איז שווער צופאַרשטעהן, וואָס ער מיינט, ער פאַר־טראַכט זיך אַ מאָל, שטעלט אוים אַ פּאָר גלעזערנע אויגען און שמייכעלט, זיין הילוך און זיינע אַלע פּאַטשטעמקעס זענען עפּיס משונה. דאָס אַלסדינג בעווייזט, אַז ער איז העט, העט גאָר פון אַ אַנדערער מדרגה, נישט גלאָט אַ מענש, אין איהם מוז בוודאי עפּיס שטעקען, גלאָט פּשוט קען עס לגמרי נישט זיין, ווער ווייסט, אפשר איז דער בנימין גאָר נישט קיין בנימין, אַ קשיאַ אויף אַ מעשה! . . .

אַז בנימין און סענדעריל זענען פאַרסאָפּעט אַריינגעקומען אין קלויזעל נאָך דער מעשה מיט דער יודינע פון די אייער, איז דאָרט געווען אַ שרעקליכער געפילדער. די סעסיע פון אונזערע פּאָליטיקער האָט שטאַרק זיך מפלפל געווען מיט איציק פּשטן, וואָס ער האָט זיך געריסען אויפ'ן נאָרגעל און איטליכען אַריבערגעשריגען.

— נאַט זעהט, וואָס שטעהט אין יוסיפון, — האָט איציק געשריגען אין איין אָטהעם און געטייט מיט'ן פינגער אין אַ ספר'ל, — אין יוסיפון שטעהט, אַז אַלכּסנדר מוקדון האָט געוואָלט געהן צו די קינדער יונדב בן רכב, איז ער דערגאַנגען ביז צו די הרי חושך און ער מיט זיינע גבורים האָבען דאָרט נישט געקענט לחלוטין געהן, זייער'ע פים זענען גע־וונקען אין בלאָטע ביז איבער די קני'ע. מחמת די זון שיינט דאָרט נישט איז די ערד אין יענעם אָרט שטאַרק זומפּיג. היינט פאַרשטעהט איהר שוין, אַלכּסנדר מוקדון, דער גרויסער אַלכּסנדר מוקדון וואָס אי

געפֿלדרגען אויף אָ אָדלער און וואָס איז שוין געוועזן ביי די טירען פֿונ׳ם גן־עדן, ער האָט נישט געקענט אַריבער די הרי־חושך, מכל־שכן אייער פּאַרשוין, אַזאַ נפש ווי ער! עס וועט איהם נישט העלפֿען דערצו אפילו חייקיל מיט אַלע זיינע שפּרינגזשינקעס.

— דו גראָבע קאָפּ איינער! — האָט חייקיל זיך צולאָזט אויף אַ קול און געטיטשעט איציקן מיט׳ן גראָבען פינגער, — וואו זענען דיינע אויגען? אדרבה זעה טאַקי וואָס דאָ שטעהט ווייטער, ער זאָגט: אַז אַלכּסנדר מוקדון האָט דאָרט געהערט עופות, פֿייגלעך, ריידען יונית, אין פויגעל האָט איהם געזאָגט בזה הלשון: דיין מיה איז אומזיסט, ווייל דו ווילסט קומען אין גאָטעס הויז און אין דעם הויז פון זיינע קנעכט, די בני אברהם יצחק ויעקב, — הייסט פאַרשטעהסט־דו שוין, גראָבע קאָפּ איינער, פֿאַר וואָס אַלכּסנדר מוקדון האָט אַהינצו נישט געקענט געהן?

— מילאָ וואָס וועסט־דו אָבער טאָן, מיין גרויסער בעל מוח, אויב עס קומט נאָר אויס ווי די יש אומרים דאָרט, אַז די עשרת השבטים מיט די רויטע יודלעך אָדער די בני משה וואוינען נאָר דאָרט ערגיץ נעבען דעם לאַנד פונ׳ם פּריסטער יאָן? נו, הייסט לאַז דיין נפש מוחל זיין געפינען ערגיץ דאָס לאַנד פונ׳ם פּריסטער יאָן! מאָרגען נאָכ׳ן קאַל־טען קוגעל!

— עס, נאַרישקייטען, איציק! כ׳לעבען, נאַרישקייטען.

— וואָרט נאָר, וואָרט, מיין בעל־מוח! עס איז עפּיס נאָך דאָ אַ סמבטיון אויך! וואָס וועט ער טאָן מיט דעם סמבטיון, וואָס ער שלייי־דערט אַ גאַנצע וואָך שטיינער? לאָמיר שוין אָננעהמען אין דער סברא, אַז ער איז שוין אַריבער די הרי חושך, ער האָט שוין געפונען דאָס לאַנד פונ׳ם פּריסטער יאָן. נו קומט ער צו צום סמבטיון, טפררו! עס רעגענט מיט שטיינער, אוממעגליך צושטעלען אַ פוס. דאָס דאָ וועט דאָך איהם נישט העלפֿען אפילו דיין וויטע, זי זאָל זיך אפילו שטעלען מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף.

— הע, הע, דו טשעפּעסט שוין זיך אין וויטען! אָט וואָהין דו ביסט פאַרקראָכען.

— וואָס איז דאָס אין־אמת׳ן פאַר אַ גאַנג, איציק, אומזיסט־אומנישט שפּעטען פון די מלכיות, — האָט בעריל פראַנצויז זיך אַריינגעמישט מיט פאַרדראָס, — מיר רעדען דאָך איצט פון בנימינ׳ן, זידעל דיר בנימינ׳ן און מיש נישט אַריין די מלכיות, איך בעט דיך!

— פאַר וואָס זידלען בנימינ׳ן? האָט זיך אָנגערופען טוביה טאַק,

בנימין געהט, דאכט זיך, איף א דרך, דורך איהם קען נצמח ווערען יודען א ישועה.

— אי, מאַק, מאַק! — האט איציק געמאַכט מיט תרעומות און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — אויף דיר, מאַקוניו, האָב איך מיך, כ'לעבען, נישט געריכט, אז דו זאָלסט האַלטען מיט זיי און מאַכען אזא פירוש פון בנימין'ן. וואָס האָסט-דו אין איהם אַזוינס דערזעהן?

— הערט נאָר, איך בעט אייך, א גאַנג פון א מענשען: וואָס האָסט-דו אין איהם אַזוינס דערזעהן?! — האט שמואליק באַקסאַר זיך גאָבגעקיימט מיט א געשפּעט, — משוגע ביסט-דו היינט, איציק, צו וואָס? זיין אָבגעלאָזענקייט, זיין צוטראַגענקייט, זיין קוקען, זיין ריידען מיט זיין גאַנץ בענעהמען בעוויזען, דאכט זיך, זעהר גוט, ווער ער איז אַזוינס, דאס פנים איז דער בעסטער שפּיגעל. אויב דאס אַלסדינג איז ביי דיר קיין בעוויז נישט, ווייס איך שוין ניט, וואָס הייסט ביי דיר אַזוינס א מענש. אדרבה איך בעט דיך, אָט איז ער איצט אליין אָנגעקומען, קום איהם, זיי מוחל, אָן און זאָג, אויב דו ביסט נישט משוגע, מאַקי ריין חסר דעה... איהר זעהט, ספּים פלאַמט איהם דאָרט א באַק אין דריי געלע פאַסקעלער ציהען זיך איהם ווי א שיז אויפ'ז פנים! נו, איציק, וואָס פאַר א פנים האָסט-דו איצט?

איציק איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו בנימינ'ן, האט איהם אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, איהם א שפּיי געטאָן כמעט אין פנים אריין און איז אַוועקגעגאַנגען אין איין כעס.

פון דעם דאָזיגען שמיעס אָן וועגען בנימינ'ן האט בעקומען די פּאָליטיקע א אַנדער פנים, שמואליק באַקסאַר מיט בעריל פּראַנצויז האָבען געשלאָסען בלאט מיט חייקלען, ווימע האט ארויסגעשיקט אין ים מורזענט גרויסע אָקרענטען, מיט שרעקליך ווילדע מאַשינעס, דער פעטער ישמעאל איז אַריבער דעם פּרוט און נאַפּאָלעאָן האט געשאָסען מיט באָמבעס אויף סעוואַסטאָפּעל, טוביה מאַק איז געשטאַנען אויף משקולת, נישט אַהין — נישט אַהער, נעדרעהט מיט דער צונג נישט צו-וויסען, משטיינס-געזאָגט, אויף וועלכער וועלט ער איז, און איציק פּשטן איז געבליבען איינער אַליין ווי אויפ'ן וואַסער, ער האט, נעבעך, געאַרבייט אויף אַלע כלים און שיער נישט געשפּרונגען אַרויס פון דער הויט. א קאַטאָוועס איינער א קענען אזא חברה! דערפאַר האט ער זיך פאַרעסען אויף בנימינ'ן, ער האט פון יענער צייט אָן זיך אַלץ צו איהם געזוכט און איהם געטאָן אין דער גאַל אריין.

„גאָט איז מיין עדות, דערצעהלט בנימין אין אַ אָרט, אַז איך האָב מיך נישט געמישט אין דער פּאָליטיקע, וואָרום אייגמאָל צו וואָס טויג עס? צוּוייטענס, וואָס געהער זיך עס מיט אַ יודען אָן? פוּן־מיינטוועגען האָט געמעגט זיין אַזוי אָדער אַזוי, אַלץ גלייך. סענדעריל מייגער האָט אין אַזעלכע זאַכענישען זיך אויך, אָסוּר, נישט געמישט און פונדעסטוועגען האָט מיך איציק נישט געלאָזט רוהען, איך האָב פון איהם נישט געהאַט קיין טאָג און קיין נאַכט. אַ מאָל פלעגט ער מיך אַרוּמשטעקען הינטען מיט פעדערען, אָדער וואַרפען אויף מיר שטילערהייט אַ קישעלע, אָדער פערשליידערן ערגיץ מיינם אַ שוּך, אַז איך האָב מיר דעם קאָפּ פאַרדרעהט זוכענדיג; בין איך ביי דער נאַכט אַנשלאָפען געוואָרען אויף מיין געלעגער, פלעגט ער מיט אַ שטרייעלע מיר קיצלען די פּיאַטעס, אַז איך פלעג אַזש אונטערשפּרינגען, אָדער ער פלעגט מיר לאָזען אַ פּאָמפּע אונטער דער נאָז, איך פלעג זיך אויפכאַפּען נישט טויט — נישט לעבעדיג און קייכען־הוסטען מחמת דעם רויך אפשר אַ שעה כסדר, גלייך ווי איך בין שולדיג געוועזן אין דעם, וואָס די דריי קומפּאַניעס האָבען געמאַכט יד אחת״.

דאס אכטע קאַפּיטעל.

ווי אונזערע פאַרשוינען זענען ארומגעגאנגען איבער די הייזער.

דעם גרעסטען טייל טאָג זענען אונזערע פאַרשוינען טרוד געווען מיט דער פרנסה, זיי האָבען געמאַכט וויזיטען אין די טעטעריווקער הייזער און האָבען אין אַ קורצער צייט קונה שם געווען אַזוי, אַז מען פלעגט אויף זיי נאָכטייטען מיט די פינגער און בעגעגענען זיי דער מיט אַ גלייך-ווערטיל, דער מיט אַ שמייכעלע. אַ אַנדערער אויף זייער אָרט וואָלט זיך שטאַרק איבערגענומען פון אַזאַ כבוד און צופּויקט אומעטום פון זיין גרויס-קייט, אָהן עין הרע, אין דער וועלט, ווי מען האָט זיך געשמאָלצען פשוט אָנקוקענדיג איהם, ווי מען האָט זיך געלאָבט מיט איטליך זיינם אַ וואָרט און מיט וואָס פאַר אַ שמייכעלע מען פלעגט איהם אויפנעהמען און אַרויסבעלייטען פון דער טיר. נאָר אונזערע פאַרשוינען אָבער זענען ביי זיך געווען פּראָסטע מענשלעך און האָבען פון אַזאַ כבוד זיך גאָר נישט געמאַכט. בנימין איז געווען פאַרטראָגען אין זיינע זאַכען און סענ-דערלען איז געלעגען אין זינען, די טאָרבע זאָל זיין פול און אין דער קע-שעניע זאָל זיין עטליכע גראָשען אויף הוצאות. צי גיסט-דו מיט אַ שמיי-בעלע, צי מיט אַ קרים, וואָס מאַכט עס אַ יודען אוים, אַבי גיב.

היינט איז פורים מאָרגען איז אוים,

ניי מיר אַ גראָשען און טרייב מיך אַרוים!

אָט דאָס איז דאָס בעקאַנטע יודישע לידעל, וואָס שילדערט זעהר

גוט זייער פראַסטקייט, זייער עניוות און וואָס סענדעריל פלעגט עס געהענדיג אויפן וועג זעהר אָפט שטילערהייט אונטערזינגען.

א-גוט מאָרגען, גאָט העלף! פלעגט סענדעריל זאָגען ביים אַריינקו־מען ערגיץ אין אַ שטוב, נאָכשלעפענדיג הינטער זיך בנימינ'ן פאַר דער פאָלע, דערנאָך פלעגט ער איהם דערלאַנגען אַ שטופ פאָראויס, איהם איינרוימען אין אויער, ער זאָל זיך ניט שעהמען און אַליין אַנידערשטע־לען זיך אין דער זייט כּמו גרוים דרך ארץ.

אַרומגעהענדיג אויף אַזאַ שטייגער, זענען אונזערע פאַרשוינען איינ־מאָל אַריין אין אַ שטוב, אין וועלכער זיי האָבען געטראָפען עפּיס אַ יונגען־מאַן טענה'נדיג מיט דעם בעל-הבּית. עס האָט אויסגעזעהן פון די רייד, ווי דער יונגער-מאַן גיט דעם בעל-הבית צופאַרשטעהן די וויכטיגקייט פון עפּים אַ ענין, וואָס דורכדעם קלינגט מיט איהם איצט די וועלט. ווי ער לויבט זיך פאַר איהם אָב, ווייזט פאַפּירען און פערלאַנגט פון איהם עפּיס אַ זאַך, נאָר דער בעל-הבית קרימט זיך אָבער, טענה'ט ווי ער קען און צאַפּעלט פּשוט זיך אויסצודרעהען פונ'ם יונגען-מאַנם הענד. דער בעל־הבית האָט זיך אָנגעחאַפּט אין אונזערע פאַרשוינען אַזוי ווי אַ דערטרונ־קענער אין אַ שטרוי. ער האָט געשווינט זיך צוגעלאָזט צו זיי אין דער האָפנונג, אפשר האָבען זיי צו איהם אַ ניטיג געשעפט און וועלען איהם דערוויל בעפרייען פון דער נויט. נאָר קוים אָבער האָט ער דערהערט, וועր זיי זענען און וואָס זיי ווילען, איז ער געבליבען שטעהן צומישט, שטאַרק פערוואונדערט, ווי איינער בשעת דאָס אָנשיקעניש טרעט איהם פּלוצלים צו פון אַלע זייטען.

— אָט האָט איהר נאָך נוסעים! — האָט דער בעל-הבית זיך אָנ־גערופען נאָכדעם אַז ער איז צו זיך געקומען און זיך געווענדט צו דעם יונגען-מאַן, — די דאָזיגע יודען, זעהט איהר, זענען אויך נוסעים! נאָט איך גיים, נוסעים אויף אונזער קאָפּ!

דער יונגער-מאַן מיט אונזערע פאַרשוינען האָבען איינער דעם אַנדע־רען זיך אָנגעקוקט.

— הערסט-דו, — האָט סענדעריל אַ ציה געטאָן בנימינ'ן פאַר דער פאָלע און איהם אַיינגערוימט אין אויער, — מעגליך, אַז דער דאָזיגער יונגער מאַן וואַנדערעט אויך אַהינצו. . ער קען נאָך, חלילה, פאַרלויפען פריהער אין אונז אָבטאָן אויף טערקיש.

— אפשר זייט איהר מאַקי אַלע איין קאָמפּאַניע? — האָט דער בעל-הבית זיך ווייטער אָנגערופען.

— חלילה, חלילה! האָט בנימין מיט סענדערלען ביידע אין איין קול געשריגען, — מיר געהען בעזונדער, געהען מיר!

— געהט אייך געזונטערהייט בעזונדער, ביי מיר אָבער הייסט איהר איין קאָמפּאַניע, — האָט דער בעל הבית געזאָגט און אַרויסגענומען אַ מטבע פון דער קעשעניע.

— ניט, זייט מוחל, אונז, אונז ניט, — האָט סענדעריל געבעטען און אויסגעשטרעקט די האַנד, — מיר וועלען שוין דעם יונגען-מאַן אַרויסגעבען זיין חלק. קומט, יונגער-מאַן, מיר וועלען אייך אַרויסגעבען, איך האָב מינץ.

אין-מיטען-דרינען האָט זיך געעפענט די טיר פון דער קיך און אַ שרעקליכער קול האָט זיך געלאָזט פון דאָרט הערען משונה ווילד:

— דאָס איז ער, ער! אָט דער, וואָס שטעהט נעבען דעם קליי-נעם דאַרען יודעל, זיי האָבען דענסטמאָל אויך ביידע זיך אַרומגעשלעפּט. איך האָב איהם דערקענט, דעם שענעם נפש, אין זיין פּנימיל, אין זיין גנעל בערדיל, אויסגעצופּט זאָל עס איהם ווערען! אין זיין צוחראַשטשעטע הערצעלע, אַ פּאַרהאַפּט, רבינו של עולם, לאָז ער ווערען, לאָז עס מיט איהם קויקלען, מאָרדעווען און אויסרינען דאָס מאַרך פון זיינע טרפה'נע ביינער, אויסרינען!

— קום, בנימין, אוועק! — האָט סענדעריל גיזאָגט שלעפּענדיג בנימינ'ן פאַר דער פּאָלע, אַ רוח אין דער חצופה'ס טאַטן אַריין, זי האָט נאָך אַלץ צוטאָן מיט די צובראָכענע אייער!

דאס ניינטע קאפיטעל.

ווי זכות־אבות האבען פאר אונזערע פארשווינען זיך געלעגט:

זיפצען און קרעכצען מוז מען, אז מען לייענט די געשיכטען פון די גרויסע בעריהמטע קאפ־מענשען, ווי זיי האבען, נעבעך, געליטען שטארק זייער גאנץ לעבען פון דער וועלט, פאר וועלכער זיי האבען מקריב געווען זייערע טעג און יאהרען און זי בעגליקט מיט זעהר נוצליכע זאכען, וואס זיי האבען מיט זייער שכל דערגאנגען. די וועלט איז בטבע א קינד, וואס האט ליב זיך צו האלטען נאר אין דער מאמעס פארטוך, נישט אבצוטרעטען פון איהר אויף א האר; וואס האט ליב אלץ די אלטע נארישע מעשיות, וועלכע די ניאנקעס און אלטע באבעס חזר'ען זיי איהם איבער הונדערט מאל אין טאג; וואס מיינט, אז בעסערס פון זיינע שפילכלעך איז טאקע גאר נישטא, און דרינען שטעקט די גאנצע חכמות, וואס קען נאר זיין, און אז דער בעהעלפער קומט איהם נעהמען אין חדר אריין, אויסצולעהרנען איהם עפיס, שרייעט ער גוואלד, גליך ווי מען וואלט איהם געקוילעט. די וועלט האט ליב צו לעבען אזוי ווי זי איז געוועהנט, עפיס א נייס קומט איהר אויס משונה ווילד, זי שרייעט דערויף מעשים און זידעלט, מאכט מיט דער בלאטע גלייך דעם, וואס טראכט אזוינס אויס. ערשט דערנאך, אז דאס נייס איז שוין נולד געווארען, עס האט זיך איינגעלעבט און וויזט בעשיינפערליך ארויס דעם גרויסען נוצען וואס אין איהם ליגט, ערשט דענסטמאל חאפט מען זיך

אין דעם שטאַרק אָן, מען האָט דערפֿון גרויס הנאה און פאַרגעסט כלל יענעם, נעבעך, וואָס האָט עס מיט נויטשווייס ממציא געווען. נאָך זעהר שפּעט פֿון דער וועלט, אַז זי האָט זיך זיינער דערמאָנט איהם צומאַכען האַטשע אַ מלא און צושטעלען איהם אַ מצבה. מיליאָנען מענשען לעבען היינט גליקליך און עטהמען פריי אין אַמעריקאַ, און קאָלומבוס בשעת איהם איז אריין דער געדאַנק צו ענטדעקען אַמעריקאַ האָט, נעבעך, שטאַרק געליטען, די וועלט האָט איהם געהאַלטען פאַר משוגע און אויס איהם חוזק געמאַכט.

דעסגלייכען איז אויך געווען מיט אונזער בנימינ'ן פון טונעיאַדעווקע. נאָר אָנקוקענדיג איהם האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגענעם און הערענדיג זיינע רייד איבער דער נסיעה האָט מען זיך געשטיקט פאַר געלעכטער, מען האָט מיט איהם געטריבען קאַטאָוועס, איטליכער האָט מיט איהם געהאַט צוטאָן און אויס איהם געמאַכט אַ קאָטער. אַ נס, וואָס בנימין האָט עס אַזויפיל נישט פערשטאַנען. זיסט וואָלט ער זיך פאַר-עסען, חס ושלום, קראַנק געוואָרען און אַ שפּיי געטאָן אויף דער גאַנצער נסיעה!

מיר היפערען איבער אַ סך זאַכען פון דעם עולם'ס המצאות'לעך איבער בנימינ'ן, בכדי דאָס זאָל אויף אונז אַלע נישט פאַלען פאַר קיין אייביגען פלעק און דאָס זאָל אונז נישט זיין צו קיין חרפה, צו קיין בושה אין דער געשיכטע פאַר די שפּעטערדיגע דורות. מיר מאַכען זיך נישט וויסענדיג פון די אַלע זאַכען, האַטע פאָקרישקע, און נעהמען זיך ווייטער צו אונזער דערצעהלונג.

„אין טעטעריווקע, זאָגט בנימין, איז דאָ אַ גרויסע קהלה יודען, זאָלען זיך פּרובּפערן און מעהרען. ווער זיי זענען, וואָס פאַר אַ מיני מענשען זיי זענען און פון-וואַנען זיי האָבען זיך גענומען, דאָס, פרעגט זיי בחרם, ווייסען זיי אַליין נישט. זיי האָבען נאָר בקבלה פון טאַטעס, זיידעס און עלטער-עלטער-זיידעס, אַז זיי וואַקסען פון יודען, און ווי עס זעהט אויס פון אַ טייל זייערע מנהגים, פון זייער הלבשה, פון זייער לשון און פון זייער האַנדעל וכדומה זענען זיי, אַ פּנים, טאַקי מחויב צו זיין יודען, נאָר צונויפגעלאָפענע, אָבגעריסענע פון פערשיעדענע שבטים, וואָרום איינער מיט דעם אַנדערען געהר זיך כמעט נישט אָן. לאָז, אַ שטיי-נער, איינער פאַלען, וועט דער אַנדערער איהם נישט אויפהייבען. האָטש ער זאָל, נאַ-ציק, די כפּרה ווערען, די מיתה-משונה איינגעהמען דאָ אויפ'ן אָרט...
צוויייין זיי [illegible] דאָ אַ טייל, וואָס פאַרשטעהען זעהר גוט מאַניפאַרגע-

לשון. מאַניפאַרגע איז מאַני=פאַרניסימו״ז, דאָס הייסט מאַני—לשון, פאַרני—ציניינעריש. מאַניפאַרגע-יודען קענען חכמת היד, קוקען יענעם אין דער האַנד אַריין און ציהען געוועהנטליך דערפון זייער פרנסה, דערצו נאָך קענען זיי אַנדערע מלאכות, לעמפּלעכמאַכערס און טאָקערס זענען זיי מאַקי איינע אין דער וועלט. חידושין נאָר מוז מען זיך, ווי זיי מאַכען אַ מאָל יענעם אַ לעמפּעל און טאָקען=אָב זאַכען עפּיס גאָר שלא כּדרך הטבע. אויך האָבען זיי אַ מתּנה פון זיין ליבען נאָמען אָבצוזאָגען אַ מאָל אַ פּזמון, און דווקא שטילערהייט, מיט אַזעלכע מיני תּנועות, אַזש טרערען שטעלען זיך דורכדעם אין די אויגען און זיי נעהמען דערמיט ביי יענעם פּשוט צו דאָס חיות... מען זאָגט, יאַקבי זיי שטאַמען פון די ערב רב פון דער גזע כּפתורים.

בכלל, זאָגט בנימין, זענען די איינוואוינער דאָרט עהרליכע לייט׳ גוטע מענשען, זיי פּלעגען מיך אויפנעהמען תּמיד מיט אַ שמייכעלע און משונה הנאה האָבען מיט מיר זיך אָבצוגעבען, מען האָט געזעהן בעשיינפערליך, אַז זיי זענען מיט מיר שטאַרק צופרידען. איך ווינש זיי פּונ׳ם גאַנצען האַרץ, אַז גאָט און לייט זאָלען פון זיי אייביג אויך אַזוי צופרידען זיין, אָמן.

אַ חידוש נפלא, דערצעהלט ווייטער בנימין, דאָרט אין דער סביבה בעגעגענט מען אַ מאָל פאַרשוינען, וואָס זענען אַביסיל ווי חזירעוואַטע, מען דערקענט עס זיי באַלד אין דעם אָנבליק. אַ טייל זאָגען, אַז דאָס איז אַזאַ פאַראָדע, ווידער אַ טייל ווילען האָבען, אַז דער אָרט איז דערצו מסוגל. בנימין וויל דרינען נישט מכריע זיין, דאָס געהר זיך אָן מיט די געלעהרענטע, זיי זאָלען די זאַך פאָרשען און אונז דערקלערען אַקוראַט וואָס דאָס בעטייט. נאָר ווי די מעשה איז, זאָגט בנימין, אַזוי צי אַזוי, די זאַך אַליין איז קיין נייס נישט אויף דער וועלט. נאָך דער אַלטער מתתיהו דעלעקאַרטי העט-העט אין די פריהערדיגע יאָהרען בריינגט אין זיין ספר „צל עולם״ בזה הלשון:

„אין בריטאַניה איז דאָ אַ פאָלק מיט אַ עק פון הינטען ווי ביי בהמות, אויך זענען נאָך דאָ ווייבער, הויכע, גרויסע ווי די ריזען און זיי זענען בעוואַקסען מיט שטשעטינעס (חזיר=האָר) ווי די חזירים. אין צרפת האָט זיך געוויזען אַ פאָלק מיט הערנער. אויף יענע בערג זענען דאָ קרומע ווייבער און די וואָס איז מעהר קרום איז אַלץ שענער״: „טאַקי ממש ווי מען בעגעגענט נאָך ביי אונז, היינטיגע צייטען, זעהר פיל ווייבער, וואָס קומען אוים קרום, שטאַרק בולט, מחילה, פון הינטען,

מיט אַ לאַנגען עק, וואָס באַמבעלט זיך און שלעפּט זיך זיי נאָך אויף דער ערד. דאָס וואָס איז געווען, זאָגט דער פּסוק, דאָס וועט אויך זיין און ס'איז נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון"!

טעטעריוועקע, זאָגט בנימין, איז גרויס מיט שענע מויערן און לאַנגע גאַסען, אַנקוקענדיג זי ביים ערשטען מאָל, דאַכט זיך אויס, זי לעבט, עס קאָכט דאָרט און רוישט, נאָר דערנאָך אַז מען ווערט אַביסיל איינגעוויינט, זעהט מען, אַז זי איז אין תּוך אַריין אַ מין גרויסע טונעיא־דעווקע. די איינוואוינער דאָרט עסען, לעגען זיך שלאָפען, שטעהען אויף זוי געוועהנליך אַלע טאָג אין איין צייט. די צייט ווערט גערעכענט דאָרט נאָך דעם עסען, פונים אָנבייסען, אַ שטייגער, ביז וואַרעמעס און פון וואַרעמעס ביז וועטשערע, מחמת אָנבייסען, וואַרעמעס און וועטשערע זענען דריי קרעטשמעס אין זייער לעבען, וואָס אַהינצו נאָרט מען זיך צודערשלעפּען אויף אַ פּאָפּאָס און עפּיס טאָן נאָכדעם אַז מען האָט פערבראַכט אַ שטיק צייט מיט גאָרנישט אין אַ פּוסטען סטעפּ. מען זאָגט, יאַקבי טעטעריוועקער לופט מאַכט בטבע פויל, אָבהענדיג און שלעפעריג. ווען עס פאַלט אַהינצו אַריין עפּיס אַ מענש מיט קוראַזש, מיט אַ חשק עפּיס צו ווירקען, נעהמט עס אין אַ קורצער צייט ביי איהם צו אי דעם קוראַזש, אי דעם חשק, און עס בלייבט איהם מעהר נישט איבער ווי דער חשק צועסען, צושלאָפען און אויפצושטעהן בכדי ווייטער צועסען און צושלאָפען.

בנימין האָט דאָרט געזעהן די סטאַנציעס פון די קליין־שטעטעלדיגע סבאַרשטשיקעס און פּאָווערענעס. אַוועקפאָהרענדיג פון דער היים האָבען זיי אַרויסגעוויזען קוראַזש און שטאַרקייט נאָך פּיעל מעהר ווי מען בעדאַרף. מען מוז פאָהרען, האָבען זיי אַלץ גערדרונגען און איינגעשמיעסט דעם עולם, מען מוז פאָהרען, זיך סטאַרען אַרביימען און איינלאַדעווען מכח דעם געלד אויף געוויסע קהלשע הצטרכות און מכח נאָך אַנדערע שטעדטישע זאַכען, האָטש זייער סטאַרען־זיך, אַ־ביימען און טאָן וועגען דעם איז איינגאַנצען אַ איבעריגע זאַך, טאַקי נאָר ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגען, ווייל דערויף איז דאָ אַ סמעטע, און אַלסדינג וועט געמאַכט ווערען גאָר אָהן זייער הילף. נאָר זיי האָבען אָבער פאָרט בעקומען שטאַרק חשק, עס האָט זיך זיי משונה פאַרגעלוסט, האָבען זיי גענומען ביים עולם געלד פאַר זייערע ווייבער און קינדער אי פאַר זיך אויף הוצאות אין מאַרש אין וועג אַריין אין אַ גוטער, אין אַ מזלדיגער שעה. אין טעטעריוועקע קומענדיג איז זיי, מעשה שטן, באַלד פערגאַנגען דער חשק, —

וואו בריהשקייט, ווען בריהשקייט! האָבען זיך אַנידערגעזעצט אויף דער סטאַנציע פויל, אָבהענדיג, נאָר געגעסען, נעבעך, געטרונקען און גע־שלאָפען, גלייך מען האָט זיי אַ כּשוף אָנגעטאָן. אין דעם צושטאַנד פאַר־ברייננגען זיי, נעבעך, דאָרט זייערע טעג און יאָהרען, דער עולם שיקט זיי אַלץ צו, אויף דער בקשה, געלד און ווייטער געלד און זיי היינען טאַקע אַלץ, געניצען, עסען, שלאָפען, נעבעך, ווי די פאַרצויבערטע פרינצען, און ס'איז פּשוט אוממעגליך זיי פון דאָרט אַרויסצוּרייסען, אפילו קיין בעל שם און קיין טאַטער קענען דערצו אויך נישט העלפען.

בנימינ'ן האָט אָנגענומען אַ יצר הרע זיך צובעקענען מיט די בע־ריהמטע געלעהרנטע און שריפטענשטעלער וואָס אין מעטעריוועקע. עפּיס איז ער דאָך אויך אַ שטיקעל קענער, אַ חקרן, וואָס קוקט אַריין אין די קליינע אותיות'לעך און ווייסט, וואָס איז אַזוינס אַ יודישער חקירה־ספר, פון וואַנען די דאָזיגע לייט האָבען געשעפּט זייער תורה, זייער ידיעה אין די שבע חכמות. היינט ווי שיקט זיך עס, קומען אַהער און זיך נישט זעהן מיט זיין סאָרט מענשען?! חוץ דעם האָט זיך איהם געוואָלט טאַקי איבערשמיעסען מיט זיי וועגען זיין נסיעה, אַזעלכע לייט וועלען איהם דאָך פאַרשטעהן און קענען אָבשאַצען דעם ווערטה זיינעם. ער האָט גע־האָפט, זיי וועלען איהם נאָך געבען הסכמות און איהם הייבען ווי אויף דרוקעס, זיי האָבען דאָך ליעב אַרויסצוגעהן מיט זייערע הסכמות אויף קלייניגקייטען, שמאָכטעלייען, בפרט נאָך אויף אַזאַ זאַך, אויף אַזאַ וויכ־טיגע זאַך, דאָ וועט דאָך די פען זייערע זיך צולאָזען גאַלאָפּ, גאַלאָפּ ווי אַ פערד.

נאָר צו וועלכען פון זיי בנימין איז געקומען, האָט ער איהם אַלץ געטראָפען אָדער ער עסט, אָדער ער שלאָפט! איינמאָל איז איהם געראָטען צוטרעפען איינעם פון די לייט — אַ ווילדער שרייבער, משונה אַ בעריהמטער בריה — ווי ער איז געזעסען אָנגעלעהענט אויף אַ באַנקבע־טעל אין אַ אָבגעזונדערט חדריל.

— גוט מאָרגען!

— גוט יאָהר! וואָס וויל אַ יוד?

— עט, אַזוי, אַ ביסיל שמיעסען!

אַהין־אַהער, עפּיס פלאַטשיק דער עסק. דער בריה איז עפּיס ווי צוקראָכען, קוים וואָס ער ריהרט מיט די ליפּען, די נשמה ליגט איהם אויף דעם שפּי'ץ נאָז און עס קלעפען זיך איהם די אויגען. בנימין בּינטערט איהם, רעדט איבער איהם ווי ער קען, נאָר אומזיסט די טיה. ער איז

קאלט ווי אייז. ערשט דערנאך האט ער זיך אביסיל אויסגעטשוכעט, א שטארקען געניץ געטאן און אריינגערופען דאס ווייב.

— ווען וועט מען שוין געהן עסען? — האט ער זי א פרעג געגעבען און אויסגעקנאקט די ביינער מיט א געשמאקען געניץ, — לאז מען שוין געבען עסען, ווארום איך וויל, האט ער געזאגט, איך וויל אביסיל צו-לעגען מיך שלאפען....

הכלל, טעטעריווקע איז א גוטע ספאלניע, אלסדינג שלאפט דארט רוהיג: אי דאס געלערענטקייט, אי דער האנדעל, אי די בענק, אי די פראצעסען (לארענישען) און אלע מיני געשעפטען. ווי מען זאל זיי נישט פריוועו וועקען, קען מען זיי אלץ נישט דערוועקען. אפילו ווען עטליכע מענשען פערקלייבען זיך א מאל אינאיינעם, נעהמט זיי באלד אב דאס לשון, זיצען, געניצען און קוקען איינער דעם אנדערען אן ווי די גולם׳ס, און די גאנצע געזעלשאפט ווערען אנשלאפען. ערשט ווען מען דערלאנגט די וועטשערע, ריהרט זיך אין זיי א אבר, זיי ווערען לעבעדיג, נעהמען זיך געשמאק צו דער אבילה, עסען אב — און א גוטע נאכט! זיי געהען א היים שלאפען...

אונזער בנימין האט עס געפיהלט שפעטער אויף זיך אליין, ער האט דערנאך אין טעטעריווקע נישט מעהר געטאן ווי געגעסען און גע-שלאפען און דער חשק פון דער נסיעה איז איהם עפיס ווי פערגאנגען. ער איז געוועז אין א גרויסער סכנה פערפאלען צו ווערען דארט, אזוי ווי א שיף, וואס חאפט זיך אריין אין דעם שטילען ים, און אבשלאפען דארט זיין לעבען ביז איצונד, ווען מיט איהם זאל זיך נישט געוועזן מאכען א מעשה, וואס האט ווי א שטורעמווינד, אויף זיין גליק און אויף דער וועלטס גליק, איהם מיט גוואלד ארויסגעטריבען פון דאנען ווייטער צו זיין נסיעה.

די שנאה פון איציק פשטן צו בנימין׳ן האט וואס א טאג אלץ מעהר געוואקסען. ער האט די לעצטע צייט ווי א זלודניע זיך איינגעגעסען און בנימין׳ן און זיך גענומען שטארק מפלפל צו זיין מיט איהם איבער זיין נסיעה, איהם לעגען שטיינער אויפ׳ן הארץ, אז דענסטמאל, ווען דא אויף די דאלאניע וועט וואקסען האר, וועט ער קומען צום סמבטיון, און עהן די רויטע יודלעך ווי ער זעהט זיין אויער.

בנימין אבער האט זיך נישט געלאזט שפייען אין דער קאשע און אויסגעדרונגען, אז ס׳איז דא אין דער וועלט א בורא, וואס פארלאזט נישט די, וואס האבען אין איהם א בטחון. נישקשה, ער וועט, אם ירצה

השם, מיט גאָטס כח דערגעהן אַהינצו, שונאים אויף צושפּרינגעניש, און אַז בנימינ'ן פּלעגט טענה'נדיג זיך צושפּילען די געבּליטען פּלעגט ער ווערען פלאַם-פייער און אין-דערמיט שמיעס אַריינוואַרפען אויף אַ קול: פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרם, אייזעל, מוילאייזעל וכדומה! דאָס האָט גע-הייסען אַזוי פיל ווי: בּילט אויף די ציין, אָט בּין איך שוין העט ווייט, אָט בּין איך שוין דאָרט אין דער מדבר און געה און געה און געה!...

איציק פּלעגט דריי מאָל אויסשפּייען און זענען: ער איז פּשוט משוגע, חסר דעה, מען בּעדאַרף איהם פיהרען צום טאַטער. און האָט צום סוף אַזוי ווייט געבּראַכט, אַז קוים האָט בּנימין זיך געוויזען אויף דער גאַס, זענען איהם ווייסע-חברה נאָכגעלאָפען ווי נאָך אַ משוגענעם מיט שטיינער, איהם געמאַכט אַ אורא און געשריגען: פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרם!

איינמאָל, אַז בּנימין מיט סענדערלען זענען פאַרנאַכט געגאַנגען בּיידע אין גאַס, איז חברה זיי בּעפאַלען ווי די היישרעקען און זיי שטאַרק דעקוטשעט, אַזוי אַז זיי האָבען געמוזט אַנטלויפען מיט הינטער-געסלעך. אין איינעם פון די ענגע געסלעך, האָבען זיי לויפענדיג באַרג-אַראָב איבּער אַ לאַנגער, שמאָלער קלאָטקע איבּער אַ טייך זיך בּעגעגענט דאָרט סאַמע אויפדערמיט מיט אַ מענשען, וואָס איז זיי געקומען אַקעגען. אויסמיידען זיך דאָרט איז נישט געווען קיין שום מעגליכקייט, סיידען אַראָבשפּרינגען און צושלאָגען דעם קאָפּ, אָדער ווייניגסטענס זיך אויסבּרעכען אַ פוס. די בּיידע זאַבען אָבער האָבען אונזערע פּאַרשוינען בּעדאַרפט האָבען נייט'ג אין לעבען אַריין. אָהן אַ קאָפּ אָדער אָהן אַ פוס וואָלט דאָך קיין סברא נישט געווען צומאַכען זייער נסיעה. און בנימין מיט סענדערלען זענען געבּליבען שטעהן מיט אַראָבגעלאָזענע נעזער.

— אַ-אַ. שלום עליכם, בּנימין! — האָט יענער פאַרשוין. וואָס איז געקומען אַקעגען. אַ זאָג געגעבען מיט אַ פאַרדראָס אי מיט אַ געלעכטער, אינאיינעם. — אַ גוטע בּעגעגעניש. כ'לעבען, אַזוי ווי געוואונשען!

— שלום עליכם, עליכם שלום, רב אַייזיק דוד! — האָט בּנימין געענטפערט נישט מיט זיין קול שטאַרק צומישט.

דער דאָזיגער פאַרשוין איז געווען רב אַייזיק-דוד רב אַהרן יוסי'לים שרה-זלאַטעס, דער חכם פון טונעיאַדעווקע.

-- שענע מענשען! — האָט רב אַייזיק-דוד געטאַכט מיט תרעומות.—

מען פאהרט אוועק פון דער היים בגנבה, גלאט אוועק, פאר וואס, פאר וועןז ווייס איך? אלסדינג מוז דאך זיין עפ׳ים מיט א גאנג. מיט א דרך הטבע. וואס הייסט גלאט אוועק און מאכען ווייבער, נעבעך, אהן א שום גא:ג, פאר וויסטע עגונות, מאכען ווייבער! ווייס איך, ס׳טייטש. אדרבה, שיין אוועקגעשטעלט אלסדינג אין דער זייט, פרעג איך אייך נישט מעהר, נאך א מאל טאקי, אדרבה, סטייטש, סטייטש?! פארקעהרט זאגט, וואס טהוט איהר דא? איך מיין טאקי דיך אויך, סענדעריל, נישקשה, איך זעה דיך ווי דו שטעהסט פון הינטען, דיין ווייב, סענ-דעריל, וועט דיר, נישקשה, געבען, גוט מכבד זיין וועט זי דיך, דיין ווייב, ווי א הערינג. אזוי אין כעס איז זי, וואלט זי דיך צוריסען דיין ווייב, דאס הארץ אבער האט איהר געזאגט, אז דא מוזט איהר אוודאי זיין, האט איהר געזאגט דאס הארץ, דיין ווייב, און זי האט געוואלט נישט אנדערש פאהרען נאר אהער, האט זי געוואלט נאר מיט מיר, דיין ווייב.

— הא, ער איז דא! — האט א געשריי געטאן א יודענע, וואס איז אונטערגעקומען פון הינטען צו רב אייזיק-דודין.

סענדעריל האט אין קול דערקענט זיין בחור׳טע, ער איז געווארען טויט ווי די וואנד און געבליבען אהן א נשמה פאר שרעק, ער האט מיטביידע הענד זיך אנגעהאפט אין בנימינס פאלע, ער זאל נישט אראבפא-לען פון דער קלאטקע, אזוי האט איהם זיך דער קאפ פארדרעהט. עס האט איהם זיך געדאכט, אט נעהמט איהם שוין אן זיין ווייב און פעטש שיטען זיך איהם ווי האגעל.

— קוקט נאר אן די נפשות, די שענע נפשות, א, די כפרה זאלען זיי ביידע ווערען! הא, וואו איז ער דארט ערגיץ, מיין ימח-שמוניק? לאזט מיך נאר צו איהם צו א ביסל, לאזט מיך, איך וועל אוהם ווייזען וואס פאר א גאט מיר האבען!

אזוי האט אין איין אטהעם געשריגען סענדערילס ווייב און געשטופט רב אייזיק-דודין.

— נאר אהן געשריי, אהן רעש! — האט רב אייזיק-דוד זיי גע-בעטען. — האט נאר צייט, אז איהר האט אזוי פיל געווארט, ווארט זשע נאך אביסיל, קיין עגונה, מיט גאטס הילף, וועט איהר דאך שוין קיין עגונה נישט זיין, און ווייטער, ווי זאגט מען עפים, הא? אויך די

איינעגע מעשה, אַ יודענע בלייבט טאַקי אַ יודענע. דאַכט זיך, אַ קלוגע, און פאַרט אַ יודענע. לאָמיר שמיעסען די איינענע זאַך פאַרקעהרט. מ׳לא מה רעש? ס׳איז נישט מעהר גלאַט פאַרדראָסיג: גלאַט אוועק פאַר וואָס, פאַר ווען? אַלסדינג מוז דאָך זיין עפּיס מיט אַ גאַנג. פאַר־שטעהט איהר מיך? נאָר אַז ס׳איז שוין אַזוי, איז דאָך שוין טאַקי אַזוי; היינט ווי באַלד ס׳איז אַזוי, איז דאָך טאַקי די קשיא, צו וואָס נאָך שרייען? דער תירוץ איז אָבער, איך בעט אייך איבער, ווי אַ אייגענע מוטער: אַ יודענע, מחילה, בלייבט טאַקי אַ יודענע.

רב אייזיק-דוד האָט זיך ערשט צו-וויגט און געוואָלט, חי זיין שטיינער איז, דעם שמיעס זיינעם איבערשמיעסען ווידער פאַרקעהרט, דערנאָך ווייטער אַ מאָל פאַרקעהרט און אריינגעבען דרינען אַ ביסיל פעפער מיט ציבעלע, נאָר פון ביידע זייטען קלאַטקע זענען געשטאַנען אַ סך מענשען, וואָס זענען דערהוייל אָנגעקומען. זיי האָבען פונדערוויי־טען זיך שטאַרק געבייזערט דערויף. וואָס יודען האָבען זיך אנידערגע־שטעלט דאָ שמיעסען, גלייך ווי עס געהט זיי נישט אָן די גאַנצע וועלט, און לאָזען קיינעם נישט אריבערגעהן.

די קלאַטקע איז אַזוי שמאָל געווען, אַז צוויי מענשען האָבען דאָרט זיך נישט געקענט מיידען. די וואָס פון איין זייט האָבען תמיד געמוזט וואַרטען ביז יענע פון דער אַנדערער זייט וועלען פריהער אריבער. דריבער האָט סענדערילס ווייב מיט רב אייזיק-דוד׳ן געמוזט צוריק געהן צו יענער זייט קלאַטקע, פון-וואַנען זיי זענען אָנגעקומען. דעסגלייכען סענדעריל מיט בנימינ׳ן האָבען אויך צוריקגעקעהרט זיך צו דער אַנדערער זייט און ערשט דערנאָך האָט, פון דער דאָזיגער זייט טאַקי, דער עולם אָנגעהויבען איבערצוגעהן די קלאַטקע.

— איך בעט דיך, סענדעריל, וואָס שטעהען מיר דאָ אַזוי, און וואַרטען?—האָט זיך אָנגערופען בנימין, וואָס איז פריהער צו זיך געקומען.— עפּיס שטעהען מיר דאָ, אַזוי גלייך ווי מען בינדט צו אַ יונגעל מיט אַ עק פאַדים אין מויל און מיט דעם אַנדערען צום פיסיל פון טיש. נאַרעלע, איצט האָבען מיר צייט ניצול צו ווערען.

— גערעכט, ווי איך בין אַ יוד! האָט סענדעריל אַ זאָג געטאָן פרעהליך, ווי איינער וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער קלעהם. — ניכער, ניכער, בנימין! איב דו ווילסט, איך זאָל נישט אריינפאַלען אין איהרע הענד. דאָס איז נישט קיין קלאַטקע, נאָר זכות-אָבות האָבען דאָ פאַר אונז זיך געלעגט.

אונזערע פאַרשוינגען האָבען געמאַכט געשווינד אַ פּליטה און אין עטליכע מינוט זענען זיי שוין געווען ווייט ערגיץ אין אַ אַנדער עק שטאָדט. זיי האָבען נישט געמאַכט לאַנג שיהות, פאַרנומען באַלד זייערע פעקלעך און זיך געזעגענט מיט טעטעריוקע.

דאס צעהנטע קאפּיטעל.

אורא, רויטע יודלעך!

— היי, וויאָ, וויאָ! — האָט אויף דער קעלניע פון אַ בויד הייזערין געשריגען אַ שמייסער אין איז שיער מיט'ן דישעל נישט אַרויפגעפאָהרען אויף צוויי ווייבלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין־דערמיט גאָס, סאַמע די לעבעדיגסטע פון גלופּסקער גאַסען,ביידע מיט טאָרבעלעך שפּייז: פליש, רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבעל, אונטערען אָרם, און האָבען איינע דער אַנדערער איינגערוימט סודות אי אויסגעגאָסען דאָס האַרץ שרייענדיג אויף אַ קולכיל, אז מען האָט איהם געקענט הערען ווייט פאַר אַ מייל.

די ווייבלעך זענען אין מיטען שמיעס זיך צולויפען, איטליכע אין אַ אַנדער זייט גאָס, און זיך געשטעלט פונדערווייטענס צוענדיגען זייער שמיעס איבערשרייענדיג מיט אַ ניגון איבער בוידען, דראָזשקעס, טעליגעס און פוהרלעך האָלץ, וואָס האָבען זיך געצויגען איינע הינטער דער אַנדערער אין אַ גאַנץ לאַנגער שורה, אַזוי אַז אַ היבשע צייט איז ריין אוממעגליך געווען די גאָס איבערצוגעהן.

— חסיאָ־ביילע! נו ועסט־דו היינט ביי דער נאַכט קומען אַהינצו — צו דער קאָרטענוואַרפעריין? איך וועל דאָרט זיין מיט מיינעם... דיינער וועט אויך אַהינצו קומען, ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל דיר זאָגען, עס וועט דאָרט זיין פרעהליך. קום, נאַרעלע, וועסט, כ'לעבען, הנאה האָבען! נו, חסיא־ביילע, וועסט דו קומען?

— מיין בּ״ל-הבית׳טע, ברענגען זאָל זי, וויל מיך היינט מכבד זיין מיט ראַשטשיגנען ברויט און איבערדרייבען גריפּלעך. איך וועל מיך אָבער איסדרעהען און קומען. נאָר איך בעט דיך, דאָבריש, לאָז עס זיין בסוד, זאָג נישט קיינעם.

— וואַרט נאָר, חסיאַ-ביילע, וואַרט! דער רוח וועט דיין בעל-הבית׳טע נישט נעהמען, אַז דער וואַרמעס וועט שפּעטער מיט אַ שעה אַרויסקומען. זי וויל פּרעסען? ני, לאָז זי עסען ווערעם, קריינק! איך האָב גאָר פאַרגעסען, חסיאַ-ביילע! זיפּ נישט איבער אַזוי די מעהל. די מעהלערקע איז ניט צופרידען פון דיינע קלייען. וויפיל איז דיר געבליבען היינט פונ׳ם אָנקויפען?

— שייגעץ, שייגעץ! האַפּט איהם נאָר דעם שייגעץ! וואָס איז עס פאַר אַ מאָדע האַפּען? אַ. פאַרהאַפּט זאָל ער ווערען!

— וואָס איז דאָרט, חאַסיאַ-ביילע? וואָס שרייעסט-דו אַזוי?

— אַ קאַרמאַנשטשיק, דאָבריש! ער האָט ביי מיר שיער-שיער נישט אַרויסגעשלעפּט דאָס טאָרבעלע שפּייז פון אונטער׳ן אָרם. אַ מערכה וואָס איך האָב בעצייטען מיך אַרומגעקוקט.

— זעה נאָר, זעה, חסיאַ-ביילע! וואָס איז דאָרט אַזאַ צונויפלויפּע-ניש? עס מוז שוין ווייטער ערגיץ ברענען, ס׳איז שוין היינט די צווייטע שרפה. ביז נאַכט קען זיין נאָך עטליכע שרפות.

— מען הערט נישט קלינגען, דאָבריש, אַ שרפה וואָלט מען דאָך געקלונגען.

— שאַ, אָט געהט די מעקלערין. איך וועל זי אַ פרעג טאָן. סימע-דוואָביע! סימע-דוואָסיע! וואָס לויפט מען דאָרט עפּיס אַזוי?

— איך ווייס נישט, קיין צער! אפשר ווייסט נחמה-גיסע. נחמה-גיסע! וואָס איז דאָרט פאַר אַ רעדיל, סערדצע? אייערע קאַטשקעס שרייען עפּיס, אַז מען הערט נישט וואָס מען רעדט. האָדיל איז היינט געלעגען געוואָרען, זי וועט ביי אייך צונעהמען די קאַטשקעס, היהגער האָט איהר אויך? זעהר פעטע קאַטשקעס, אייער איז היינט נישט געווען זיך צודער-קויפען. וואָס איז דאָרט אַזאַ מהומה?

— ווייס איך? עפּיס רויטע יודלעך. עפּיס האָב איך געהערט שרייענדיג: רויטע יודלעך.

— וואָס, עס זענען אָנגעקומען רויטע יודלעך! אַי-אַי-אַי! מען מוז דאָך געהן אָנקוקען אויף חידושים, — האָבען אַלע מיט אַ מאָל אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזט לויפען הענדום-פּענדום צום רעדיל מענשען.

— או־אָ, פּיכּערנאַטער, לינדענוואָרם! אורא, רויטע יודלעך! האָבען צווישען דעם רעדעל מענשען געשריען אַ גאַנצע חאָפּטע ווייסע־חברה.

די דאָזיגע רויטע יודלעך — דאָס זענען געוועזן אונזערע פֿאַרשוינען בנימין מיט סענדערלען, וואָס אין אַ קורצער צייט נאָך יענער מעשה, וועלכע עס האָט מיט זיי זיך געטראָפען אויף דער קלאָטקע, זענען זיי אָנגעקומען קיין גלופּסק און האָבען דאָרט במשך פון אַ פּאָר וואָכען שטאַרק קונה־שם געוועזן. עס האָבען זיך געפונען אַ סך עהרליכע יודען, וואָס האָבען פון זיי פשוט אָנגעקוואָלען, ממש אַזוי ווי פון דעם שוסטעריל, וואָס ער איז אין יענער צייט דורך זיינע מופתים אין גלופּסק פּלוצלים נתגלה געוואָרען.

טאָלצע און טריינע, צוויי געוויסע אַלטע יודענעס, כּשר׳ע נשמות, וואָס פלעגען, ווי איטליכען איז בעקאַנט, אַלע טאָג פאַרנאַכט שבת׳דיג זיך אָנטאָן מיט דער יופּע אי מיט דעם שטערענטיכעל און אַרויסגעהן אונטער דער שטאָדט בענגענען משיח׳ן, — אָט זיי זענען דאָס געוועזן די גליקליכע אין איין פאַרנאַכט צו־בענגענען אויף יענער זייט ראַגאַטקע אונזערע פאַרשוינען ביי׳ם אָנקומען זייערען פון טעטעריווקע און אין אַ גוטע שעה אַריינצופיהרען זיי אין גלופּסק. באַלד טאַקי ביי דעם ערשטען בעגעגעניש האָבען שוין די ביידע ייפעס זיך דערוואוסט אַלסדינג. וועמען גאָט האָט זיי דאָ בעשעהרט. טאָלצע מיט טריינען האָבען פאַרוואונדערט זיך אָנגעקוקט, איינע די אַנדערע זיך געשטאַרכעט: נו, טריינע? — נו טאָלצע? האָבען זיי זיך געשושקעט, דאָס האַרץ אָבער האָט אונז גלייך געזאָגט, אַז דאָס זענען עפּים ניט גלאַט קיין מענשען. טאָלצע און טריינע האָבען זיך געשמאָלצען אין אונזערע פּאַרשוינען, זיי זענען עפּים ווי יונגער געוואָרען, עס האָט זיי זיך געפרעהט דאָס האַרץ הערענדיג פון דער נסיעה, זיי האָבען געקוקט אויף זייערע בעשעהרטע און זיך אַלץ געשטור־בעט מיט אַ שמייכעלע: נו, טריינע? — נו, טאָלצע?.... טאָלצע האָט זיי אונטערגעאַרבייט זאָקען, טריינע האָט זיי פערלאַטעט העמדער, צונע־נעהט בענדלעך און זענען געוועזן גליקליך, איבערגליקליך, אַקוראַט ווי כּלה־ווייז, אַמאָל אין די יונגע יאָהרען. הכּלל, אונזערע פאַרשוינען האָבען אין גלופּסק אויף זיך געפונען מבינים. אַזעלכע לייט ווי זיי קען טאַקי נאָר איין גלופּסק שאַצען און פאַרשטעהן זייער טייערען ווערטה.

אהין אין גלופּסק אַריין, איהר יודישע קינדער! וואָס וואַלגערט איהר זיך, נפשות, שענע מענשען, און ווערט חי בטלנים פערפאַלען אין

די קליינע שמעדטלעך אונטערין אויוועז? ! אין גלופסק אריין, צו אלדע שווארצע יאהר! דארט וועט איהר געפינען אייער גלייכען, דארט וואר- טען אויף אייך אייערע טאלצעס, אייערע טריינעס און כשר׳ע נשמות, דארט קענט איהר וואקסען, דארט קענט איהר אויפגעריכט ווערען, דארט קענט איהר געפעלען, שטארק גילטען, א פנים האבען און ערשט לעבען! . .

אין גלופסק, א רוח אין אייער טאטען אריין:

אט ווי אזוי אונזער בנימין שילדערט די שטאדט גלופסק?

אז איהר קומט אן קיין גלופסק דורך דער טעטעריוויקער גאס, זאלט איהר מוחל זיין איבערשפרינגען דארט איין בלאטע, וויטער אביסיל די צווייטע, נאך וויטער אביסיל די דריטע, סאמע די גרעסטע, וואס אהינצו לויפען אריין, מחילה, רינשטעקלעך אי בעלי-בתישע פאמויניצעס און ברענגען מיט זיך אן פון כל טוב. איטליכען טאג עפיס א אנדער מין סחורה, אנדערע סארטען חפצים פון אלערליי קאלירען און פארשיידענע מיני ריחות, ווי עס פאסט צום ענין, און דורכדעם איז זעהר גרינג צו- טרעפען דעם טאג. גיסען זיך אהין, א שטייגער, געלע לוזשקעלעך פון זאמד, מיט וועלכען מען וואשט די פאלען, און טראגען מיט זיך אן לישקעס פון פיש, דרויב פיסלעך, קעפלעך פון היהנער, אביסיל האר מיט פארברענטע שטיקלעך קאפיטעס, — זאלט איהר האבען א סימן: היינט איז פרייטאג, נעהמט א בעזעם מיט א ראשקע און לויפט, זייט מוחל, אין מרחץ אריין. טראגען זיך אהינצו אן שאלעכץ פון אייער, פון ציבעלעס, פון רעטיך, בוכעזשילעס פון לעבער מיט עקען פון הערינג און גרויסע אויסגעהוילטע טארבאנעס, — אהא, גוט שבת אייך, יודישע קינדער! זאל אייך וואויל בעקומען נאכן קוגעל. זעהט איהר אבער די רינשטעקלעך קוים-קוים וואס זיי ריהרען זיך, עס שלעפען זיך דארט פארברענטע שטיקלעך קאשע, פערדארטע שטיקלעך טייג, א צעריסענע שמאטע מיט א צופאלענעם וויכעטש, איז א סימן: דאס איז היינט זונטאג. דער וואסערפיהרער האט נאך נישט געבראכט קיין וואסער, קוים וואס מען האט אויסגעזויגען אביסעל פון דער פאס אויף אויסצו-וואשען ווי-ס׳איז האטש די טשאלענטטעפ מיט די מאקעטערס. און אזוי אין אלע איבעריגע טעג פון דער וואך האט איטליכע לוזשע איהר בעזונדער פנים, איהר בע- זונדער געשטאלט מיט איהר בעזונדער ריח.

און אז איהר זייט בשלום איבערגעקומען אי די דאזיגע בלאטע אייך, וועט איהר, רבותים, געהן פארביי א היבשען בערגיל מיסט, דאס

איז אַ איבערגעבליבען זכר פון אַ אָבגעברענט הייזיל, וואָס אויבען שטעהט געוועהנטליך אַ בהמה, גלייך ווי אַ קעלבייער מגיד, איז גאַנץ רוהיג זיך מעלה גרה, מאַכט מיט דעם מויל און קוקט תמיד אויף דעם גאַנצען עולם יודען, וואָס לויפען אומעטען ווי די פער׳סמ׳טע מיט אַלערהאַנד שטעקענס, שטעק׳לעך אי פּאַראַסאָנגען. טהוט דערביי אַ מאָל אַ סאָפּע, אָדער אַ קיהישען זיפּץ, טאַקי נאָר גלייך ווי זי וואָלט געזיפצט און געקרעכצט, מ׳שטיינס־געזאָגט, אויף דעם דאָזיגען עולם, אויך אויף איהר שלימזול, וואָס זי איז, נעבעך, אַריינגעפאַלען אין יודישע הענד....

איבערקומענדיג אי דעם בערגיל, וועט איהר געהן גלייך, גלייך, אַלץ גלייך. אפשר וועט איהר, לא יעלה ולא יבוא, זיך אַ זעץ געבען אין די שפּיצעבדיגע שטיינער פּונים ברוס, וואָס ליגען צוזייעט, צושפּרייעט משונה־ווילד, און, חס ושלום, פאַלען, זאָלט איהר מוחל זיין אויפשטעהן, אויב איהר וועט קענען, און אַלץ טאַקי געהן, געהן, באַם איהר האָט נאָר נישט אויסגעבראָכען קיין פוס, חלילה, ביז איהר וועט קומען אויף עפּיס אַ מין פּלאַץ. דאָרט אויף דעם פּלאַץ וועט איהר געפינען דעם תמצית פון גלופּסק.

און ווען ס׳איז נאָר אַ סברא טעטעריוועקער גאַס אָנצורופען דעם מאָגען פון גלופּסק, קען מען נאָכדעם שוין מיט רעכט זאָגען, אַז דער דאָזיגער פּלאַץ איז איהר האַרץ, וואָס דאָרט קלאַפּט זיך תמיד טאָג אי נאַכט און וואָס דאָרט איז איהר חיות, דאָס גאַנצע לעבען. דאָרט שטעהען קלייטען, קלייטעלעך, שאַפּקעס און די בעקאַנטע גנבה־שאַפּקעלעך, וואו בעלי־מלאכות זעצען דאָרט אָב דעם יתור: שטיקלעך מאַטעריע, טאַסמעס, בענדלעך, סאַמעט און שטיקלעך פעלץ. דאָרט רודעוועט זיך זעהר שטאַרק, עס שוויבעלט און גריבעלט, אַ געדיכטער עולם אָהן עין הרע: יודען שטופּען זיך און חאַפּען, נעבעך, פון איטליכער זייט דישלעס פון וואָגענס און פאַרקעס. דאָקטורים זאָגען, באַשר אַז מען פאַלמעסט אַ גלופּסקער יודען, געפינט מען דאָס רוב ביי איהם אין לייב שטעקט אַ דישעל. נאָר אויף גלופּסקער דאָקטורים קען מען זיך נאָך נישט סומך זיין, די רופאים שפּילען דאָרט אַ סך אַ גרעסערע ראָליע. דאָרט הערט מען תמיד אַ קול: „הייסע באַבקעס, יודעלעך! אהער, הייסע רעטשאַניקעס! קנאָבעל, ציבעלעס, יודישע קינדער! פון אָבגעריסענע יונגלעך, וואָס געהען אַרום און שרייען מיט עפּיס אַ משונה ניגון. דאָרט חאַפּט מען אַ מאָל פאַרנאַכט אַ דאַווען, מען איז מחדש גאַנץ הויך די לבנה און מען שרייעט דערביי צו איטליכען, וואָס געהט נאָר פאַרביי: שלום עליכם, פעטער! דאָרט

שטעהען טרעגערס ארומגעגארטעלט מיט גראָבע שטריק, אויסגעדינטע סאָלדאַטען מיט אַלטע חאַלאַוועס און אויסגעריבענע שינעלען, טאַנדעטניקעס מיט אַלטע תחתונים, קאַפּטענס, לייבלעך און נאָך אַלערליי שמאַטעס. אין מיטען שטעהט דער פאַני סטאַראָזש און עסט געשמאַק אַ שטיק יודישען קילעטש, וואָס ער בעקומט שבת פאַר די ליכט אָבשנייצען, און היט זיך, להבדיל, ווי אַ שמורה׳ניק, בשעת ער ניט אַ בים, עס זאָל, חלילה, קיין ברעקיל נישט אַראָבפאַלען. קעשענע-גנבים דרעהען זיך דאָרט ארום צוזאַכען די קונץ. עפּיס אַ פערשמירט מיידעל מיט צושויבערטע, צופּאַטעלטע האָר שפּרינגט פלוצלים פון דער העלער הויט אַרויס, רעוועט, בעט אַ נדבה אויף אַ צוריפּעטען קול, חאַפּט אָן פאַר דער פּאָלע און שרייעט, הערחעלט וויינענדיג, גלייך ווי איהר וואָלט זי געקוילעט און צוגענומען ביי איהר געלד. אַ פּעקיל ווייסע=חברה לויפט דאָרט מיט אַ אורא נאָך עפּיס אַ משוגענעם. וואָס זינגט טרויערדיגע לידלעך, האַלב יודיש, האַלב פּויליש, און טראָגט אויפ׳ן קאָפּ אַ צוקנייטשטע קאַפּעלישעל. דאָרט שטעהט אַ בחור מיט עפּיס אַ מין קעסטעלע, יודען קוקען אַהינצו אין לאַך און ער רעדט דערביי מיט פּיסקעס זיין געוועהנטליכען פּזמון: דאָס איז לאָנדאָן, דער פּייפּס פאָהרט דאָ רייטענדיג אין רויטע הויזען און צלע שטעהען פאַר איהם אָהן אַ היטעל! איצט זעהט איהר, ווי נאַפּאָלעאָן מיט זיינע פראַנצויזלעך שלאָגען זיך מיט דעם פּרייס און די פּרייסען צולויפען זיך ווי די טאַראַקאַנעס! אָט אַצונד קומט פּיר, ווי איינע פאָהרט אינאיינעם מיט דעם תוגר אין איין קאַרעטע, דער גראָספּעציר האַלט די בייטש און טרייבט אָן. די פערד האָבען זיך איבערגעשראָקען, אויסגעקעהרט די קאַרעטע, דער תוגר, נעבעך. איז געפאַלען, זיך אַ גוטען זעץ געטאָן, און זי זוכט אין איילעניש ווי זיך אויסצודרעהען! נו אַ סוף, גענוג שוין צוקוקען פאַר אַ האַרטען גראָשען. דאָרט זיצען שורות-ווייז אויסגעזעצט יודענעס מיט מולטערס, פול אָנגעלעגט מיט בינדלעך קנאָבעל, מיט אוגערקעס, קאַרשען, אַגרעסען, ווייםפּערלעך, ארץ-ישראל-עפּעלעך, פל-נדרי-באַרלעך און מיט נאָך אַנדערע זאַכען. אין דער זייט שטעהט אויף היהנערשע פיסלעך אַ אַלטע איינגעהייקערטע בודקע, אָהן טיר און פענסטער, וואָס כפי אַלטע גרייז-גרויע יודען דערצעהלען, איז אַ מאָל דאָרט געשטאַנען אַ בודאָטשניק און די גאַנצע שטאָדט איז דענסטמאָל געלאָפען אָנקוקען די בודקע מיט דעם סאָלדאַט אויף חידושים. נעבען דער אַלטער בודקע, מיט וועלכער גאַנץ גלופּסק איז זיך מיחס ווי מיט עפּיס אַ אַלטען קרעפּאָסט, דאָרט אונטער עפּיס אַ קליין דעכיל בעדעקט מיט

עטליכע פאַרשימעלטע ברעכלעך, מיט איבערגעפוילטע שטרוי און ראָ־
גאָזשעס, אָנגעשפּאַרט אויף פיער קרומע אויסגעבויגענע סלופּעס, ויצט
דוואָסיע די סעדעכע, אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט מולטערס.
ביי איהר געפינט זיך תמיד איהר גרויסער פּייערטאָפּ, וואָס ווינטער זיצט
זי אויף איהם, ווי אַ קוואָטשקע אויף די אייער, דעם גאַנצען טאָג כסדר,
נאָר וואָס זי חאַפּט איהם אַ מאָל פון אונטער איהר אַרויס אונטערצובלאָזען
די קוילען און אַרויסצונעהמען פונ׳ם אַש געבראָטענע קאַרטאָפלעס.

פון יענע יודען, אַזוי געהט אַרום צווישען עולם אַ גאַנץ אַלטע
אגדתא, פון יענע יודען, וואָס שלמה המלך האָט געשיקט אויף שיפען
קיין אופיר נאָך גאָלד און אַנדערע מיני אויסלענדישע סחורות, זענען
אַ סך, מחמת כמה טעמים, איבערגעבליבען דאָרט. זיי האָבען מיט דער
צייט געעפענט אין אינדיען זעהר טייערע קלייטען אי גרויסע קאַנטאָרען.
האָבען געהייבען ביי די דאָרטיגע דייטשען שטאַרקע הקפות און אַלערליי קאָ־
מיסיעס און דאָס מזל האָט זיי אַ לאַנגע צייט שטאַרק געדינט. דערנאָך אָבער
האָט זיך איבערגעדרעהט דאָס רעדיל און אונזערע סוחרים האָבען זיך געשטעלט
און געבוזט עוקר זיין. אַ טייל פון זיי זענען פערפאַלען געוואָרען אין דער
מדבר, אַ טייל זענען בשלום אַריבער די גרעניץ, האָבען זיך געזעצט אין
אָקרענטען און געזעגעלט אויף דער פּיאַטיגנילעווקע, וואָס איז אין יענער
צייט אַריינגעפאַלען גלייך אין ים אַריין. אַזוי האָבען זיי געזעגעלט, גע־
זעגעלט ביז פלוצלים איז אויפגעשטאַנען אַ שרעקליכער שטורמווינד, די
חוואַליעס האָבען זיך אויפגעהייבען ביז דעם הימעל, האָבען צושלאָגען די
אָקרענטען און אַרויפגעוואָרפען די מענשען אויפ׳ן ברעג. דאָרט האָבען
זיי אויסגעבויעט אַ שטאָדט און זי אַ נאָמען געגעבען גלופּסק.

די חוקרי קדמוניות, וואָס קענען מיט זייער גרוים חכמה מאַכען
פון אַ גאָרנישט אַ מושקאַטקויל, האָבען פון דער דאָזיגער אַגדתא געמאַכט
אַ גאַנצען פירוש און אויסגעדרונגען מיט טויזענטער שאַרפע שפּיצלעך, ווי
זייער שטייגער איז, אַז דרינען ליגט אַ שטיק אמת. די ראיות, וואָס זיי
ברענגען דערויף, זענען: ערשטענס, דער פּאַסאַן פון די הייזער, וואָס
איז עפּיס משונה־ווילד, גאָר אויף דעם אַלטען שניט, ווי מיט טויזענטער
יאָהר צוריק, אַז מענשען זענען נאָך געזעסען אין געצעלטען און זיך גע־
וואַלגערט אין לעבער. פיעל הייזער זענען דאָ אין גלופּסק, וואָס זעהען
באמת אויס נאָר ווי לעבער און אַ סך האָבען אַ פּנים ווי די געצעלטען
פונים מאָטער; פון זייער אָנבליק און פון זייער שטעהן זעהט אויס, ווי זיי,
זענען איינער מיט דעם אַנדערען עפּיס נישט שוה בשוה. די שטעהסט

אַריינגערוקט, וויל איך מיר שטעהן, דיר אויף צו להכעים, אַרויסגערוקט; דו שטעהסט פּאַפּערעק, איך וויל מיר שטעהן קאַפּויר; דו ווילסט אין דרויסען אַ טרעפּיל און איך דווקא אַ לייטעריל, ווער עס בעדאַרף, וועט נישט קראַנק זיין קלעטערן. און אַז דו האָסט שוין יאָ עפּיס משונה הויך פאַרריסען דיין פּערלאַטעט דעכעל, נו האַלט איך מיר מיין דעכעל דווקא אַראָבגערוקט. געשמאַיע דיר פאַרפּאַל! ווערסטען עס געפעלט נישט, לאָז זיך צומאַכען די אויגען... קורץ, דאָס אַלסדינג איז מרמז אויף אַלטע, גאַנץ אַלטע צייטען. — צווייטענס די מנהגים פון די איינוואוינער. צווישען זיי זעהט מען נאָך עד היום אַזעלכע מנהגים, וואָס קומען אַרויס פון די היידען, צווישען וועלכע זיי האָבען אין פריהערדיגע צייטען זיך אויפגעהאַלטען. דער כתב און חכמת החשבון איז דאָרט נישט שכיח, אַזוי אַז אַלע עניני הקהלה און אַלע חברות דאָרט ווערען געפיהרט אָהן ביכער און די פיהרער גיבען קיינעם נישט אָב קיין חשבון. — דריטענס, די כתות, די מענשען טיילען זיך דאָ אויך אין פאַרשידענע כתות, ווי אַ מאָל ביי די אינדיאַנער: ווי אַ שטיינער, די כתה חאַפּלאַפּער, כאַטע דער צימעס, וואָס געוועלטיגען ביד רמה; די כתה בלאַטהאַלטער, זאַשטשיטניקעס, וואָס האַלטען שטאַל און אייזען, קריגען און שלאָגען זיך פאַר די חאַפּלאַפּער מיט דעם שונא און נעהמען דערפאַר ביי זיי געוויסע זשאַלאָוואַניעס און אומזיסט פלייש. די כתה וחלקלקער, אַרויפפיהרער אויף אַ גלייטש און וואָס אַליין דרעהען זיי זיך אוים גלאַט ווי אויף אַ טעלער. די דאָזיגע לייט צופאַלען אויף קוממיות-זאָגער, וועלטליכע מענשען, וואָס האָבען צוזאָגען אין עניני המסחר, און אויף צבועקאַנער, בלי-קודש, וואָס האָבען צוזאָגען אין עניני האמונה; די כתה גלופּאַ-טרוסאַ-בעזיאַזיקאַ-קאַבצאַנער, דער פּראָסטער אָרעמער עולם, וואָס איז שטאַרק נבנע די אַלע איבעריגע כתות און בעקוקט פאַר זיי דאָס ניינ-יעהריגע קדחת. — היינט, פערטענס, די מטבע, וואָס מען האָט אַ מאָל בשעת גראָבענדיג די גרעבליע, דאָרט געפונען. פון איין זייט איז זי גע-ווען שטאַרק אָבגעריבען, קוים-קוים וואָס מען האָט אַרויסגעזעהן עפּיס ווי אַ שטיקעל פאַרטוך צוגעטשעפּעט צו אַ שטעקען, אונטען עפּיס עהנליך אויף אַ טאַלטעריל, פון וואַנען עס האָבען אַרויסגעשטעקט שטיקלעך קעפּ. פון דער אַנדערער זייט איז די מטבע געווען כמעט גלאַט, נאָר אַז מען האָט זיך גוט צוגעקוקט, האָט מען דערקענט אַלטמאָדישע כתיבה'טע אותיות יאַשלג וענפ. די געלעהרענטע האָבען אויף דער דאָזיגער אויפ-שריפט זיך געבראָכען די קעפּ און אַריינגעלעגט דרינען פשטים, איטליכער

אף דיין נאַנג. אַ טייל האָבן געהאַלטען אין דער סברא, אַז די י' און די נ' ביים אַנהייב און סוף וואָרט יאשלג זענען גאָר נישט קיין אותיות, נאָר שטיקלעך פון טשאַטשקעלעך, וואָס זענען פון דער צייט אָבגעריבען געוואָרען, בכן מאַכט עס אשל אַ בוים ועגפ און אַ צווייג און דאָס איז דער שטעקען מיט דעם פּאַרטוך. ווידער אַ טייל האָבן עס דערקלערט גאָר אַנדערש און די געלעהרענטע האָבן דערינען מרעיש עולם געווען, ביז דערנאָך איז געקומען איינער מיט אָפענע אויגען, און האָט דרינען דערזעהען נאָר ראשי תיבות, וואָס זיי מאַכען יהודי אופיר (אָדער אינדיאַה) שבאו לכאן (אָדער לק"ק) גלופּסק ונתישבו על נהר פּיאַטיגנילעווקע. דער שטעקען מיט דעם פּאַרטוך און מולטעריל מיט די קעפּ, דאָס בעטייט אַ אָקרענט מיט'ן זעגעל און מיט פאַרשווינגען. דער דאָזיגער געלעהרנטער האָט איבער דעם געמאַכט זעהר אַ דיקען ספר און וועגדעט זיך דאָרט צום עולם מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל רייניגען דעם טייך, וועט מען דאָרט זיכער געפינען אַ סך אַלטע זאַכען, וואָס וואָלטען געעפענט די אויגען אין דער חקירה מכח גלופּסקער יודען. נאָר די דאָרטיגע איינוואוינער שייען זיך אָבער אויסצורייניגען די בלאָטע און זאָגען, דאָס וואָס מען האָט פון אַלטע צייטען אָנגעמאַכט, דאָס מוז בלייבען, קיין מענשענס אויג טאָר אין דעם פאַרבאָרגעניש נישט אַריינקוקען...

אין דער שטאָדט אַליין געפינען זיך אָקעגען אַ דרייסיג-פערציג לוזשעס, שוין מיט לעוואָדעס אינאייגעם, זיי פערזאייניגען זיך דורך הילצן מיט די אָבגרונטען פון דער פּיאַטיגנילעווקע און אין געוויסע צייטען, בפרט נאָך פאַר אַ פאַר-פסח, צושפּילען זיי זיך שרעקליך שטאַרק און פאַרפלייצען די גאַסען מיט אַזאַ טיפער, שיטערער בלאָטע, אַז ביי די הויך געוואַקסענע מענשען אַפילו ווערט געהענדיג פאַרשלומפערט דאָס היטעל. גלופּסק ווערט אין די פינסטערע נעכט בעלייכט פון איין קליינער לאַמטערנע, זי ווערט אויך בעוואַכט פון אַ פּאָר בודאָטשניקעס. פונדעסטוועגען פאַלט מען דאָרטען פּאָרט ביי דער נאַכט און מען ברעכט האָלז אי לייב, און גנבות טרעפען זיך דאָרט אויך זעהר אָפט, חאָטש ס'איז דאָ אַזאַ שמירה. דערפון איז טאַקי געדרונגען, אַז מען קען זיך כלל נישט איינהיטען, מען קען זיך נישט בעוואָהרענען, וואָס ס'איז בעשעהרט דאָס איז בעוועהרט, עס העלפען גאָר נישט דעם מענשענס חכמות מיט זיינע אַלע התחבולות. דרום, זאָגט בנימין, בעדאַרפען מיר צומאַכען די אויגען און געהן תמיד אויף גאָטס בעראָטה מיט דעם בטחון, מסתמא וועט ער זיינע מלאכים געביטען אונז צו היטען און אויף די הענד אונז צו טראָגען. עס

פאלט נישט דער שפּאָן ביז ס'איז עפּיס דראָן. בעדארף מען מעהר, זאָגט ער, ווי איך האָב בעוואָהרענט מיין טלית-און-תפילין-זאַק, איך האָב איהם אנידערגעלעגט אין בית המדרש אויף דער פּאָלעצע, וואָס קאָן שוין דאכט זיך, זיין מעהר א זיכער אָרט ווי דאָ? פונדעסטוועגען, אז גאָט האָט נישט געוואָלט אָבהיטען, האָט מען איהם איינאיינעם מיט די איבע-ריגע אונזערע זאכען פון דאַנען אויך אויסגעגנב'עט!

דאָס עלפטע קאַפּיטעל.

חידושים ונפלאות אויף דער פּיאַטיגנילעווקע.

אויף דעם טייך פּיאַטיגנילעווקע אַז אונזערע פאַרשווינען האָבען דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געגעבען, זענען זיי נבהל ומשתומם געוואָרען. זיי האָבען אַזאַ מין טייך נאָך קיינמאָל אין די אויגען נישט געזעהן. סענ־דעריל האָט געזאָגט, דאָס מוז אַוודאַי זיין דער גרעסטער טייך אין דער גאַנצער וועלט. וואָרום אַנדערש האָט איהם גאָר אין קאָפּ זיך נישט גע־לעגט. אַ קאַטאָוועס אַזאַ טייך, וואָס איז אפשר אַ הונדערט מאָל גרעסער פון טונעיאַדעווקער. נאָר סענדעריל איז געווען אַ פּראָסט מענשיל, מעהר פון טונעיאַדעווקע האָט ער נישט געוואוסט, אין די קליינע אותיות'לעך אַריינקוקען האָט ער נישט געקענט, דריבער איז אַלסדינג, וואָס נאָר עפּיס נישט אַזוי ווי אין טונעיאַדעווקע, ביי איהם געווען אַ חידוש נפלא און פלעגט מיינען, אַז דערמיט עקט זיך שוין טאַקי די וועלט. בנימין אָבער, וואָס פיל געלעהרענטער פון איהם, וואָס האָט אַי־זיינע מיני הקירה־ספרים'לעך שוין געחאַפּט, ווי מען זאָגט, אַ לעק פון די שבע חכמות, וואָס האָט געוואוסט אַ ביסעל די בעשרייבונג פון דעם גן־עדן התחתון, פון די משונה־ווילדע בעשעפעניש אין הינדיא״ה וכדומה נאָך אַזעלכע מיני זאַכען, הגם ער פלעגט ביים ערשטען מאָל אָנקוקענדיג עפּיס ניַיס זיך אויך שטאַרק חידושען אין הארץ, נאָר ער פלעגט דערביי מאַכען אַזאַ מינע מיט אַ שמייכעלע, גלייך ווי איינער רעדט: עט, נאַ־

רישקייטען, דאָס איז נאָך גאָרנישט אַקעגען יענץ, וואָס איז נאָך דאָ...
ער האָט סענדערלען בעוויזען, אַז די פּיאַטיגנילעווקע איז פּשוט בלאָטע,
איך בעט אײַך איבער, טינוף אַקעגען דעם ירדן, וואָס איז פיל מאָל
גרעסער פון איהר, זי וואָלט דעם שור הבר נישט געקלעקט אַפילו אויף
איין צאָהן, און פונ׳ם נאָמען ירדן טאַקי איז אויך אַזוי די משמעות,
וואָרום ירדן איז דאָך דער טייטש: אַ גוזמאַ, אַ סך, אַ ירדן!

— ווייסט-דו, סענדעריל, וואָס מיר איז אײַנגעפאַלען?—האָט בנימין געזאָגט נאָכדעם אַז ער איז געשטאַנען איינמאָל שטאַרק פאַרטראַכט נעבען דער פּיאַטיגנילעווקע, — מיר איז אײַנגעפאַלען צו לאָזען זיך פון דאַנען מיט דעם וואַסער.

— נאָט איז מיט דיר! — האָט סענדעריל זיך אַ חאַפּ געטאָן פאַר גרויס שרעק, — דערמאָן זיך נאָר, בנימין, אַז אונזער טייך נעהמט אַלע יאָהר צו אַ מענשען; היינט מי יודע וויפיל מענשען מוז דער דאָזיגער טייך אַ יאָהר צונעהמען. האָב רחמנות אויף אונזער לעבען, אויף דיין ווייב און קינדער, בנימין!

— בטחון, בטחון, סענדעריל! בטחון איז אַ יודישע זאַך, מיט בטחון איז יעקב אָבינו מיט זיין שטעקיל דעם ירדן איבערגעגאַנגען, מיט בטחון, זעהסט-דו, עפּענען דאָ אידישע קינדער אויף גרויסע געוועלבען. אַלסדינג, וואָס דו זעהסט דאָ, איז אַלץ לויטער בטחון. אַפילו טרעפּ און סטעליעס, ווי אויך פיל גרויסע הייזער, האַלטען זיך דאָ נאָר אויף בטחון...

— נאָר פאַר וואָס ווילסט-דו דווקא מיט דעם וואַסער, — האָט סענדעריל געפרעגט, — אַז מיר קענען דאָס אײַגענע אויך מיט דער יבשה?

— איך האָב דאַרויף אַ סך טעמים, — האָט בנימין געענטפערט, — איינמאָל וועט, ווי מיר דאַכט זיך, די נסיעה מיט דעם וואַסער זיין אי נעהענטער, אי גיכער. מיר בעדאַרפען זעהן אָנקומען אהין ווי צום גיכסטען. וואָס פריהער איז אַלץ בעסער. פאַר וואָס? דאָס ווייס איך שוין, דאָס איז שוין מיין זאַך! מיך קוועטשט, סענדעריל, מיך קוועטשט זעהר שטאַרק, עס פּיקט מיר אָט דאָ, דאָ אין קאָפּ, איך וואָלט שוין געוואָלט דאָרט זיין מיט לייב און לעבען. ווען עס וואָל מעגליך זיין, וואָלט איך ווי אַ פייגעל אין דער לופט אהינצו געפלויגען... צווייטענס, אַז בנימין פון טודעלאַ האָט בימיו זיך געלאָזט אויף זיין נסיעה, איז ער תחלת אויך געפאָהרען מיט דעם טייך עברא. אַזוי שטעהט בפירוש געשריבען אין זיין ספר. מסתמא אַז ער איז פאַר-

— —

צייטען געפאָהרען מיט דעם טייך און נישט מיט דער יבשה, בעדאַרף דאָך טאַקי זיין דווקא אַזוי און נישט אַנדערש, מסתמא האָט ער געוואוסט וואָס ער טהוט און איז אַזוי פיל קלוג געווען ווי מיר אַלע, כ׳לעבען. רב בנימין איז אַ קדמון, אַ פריהערדיגער פאַר אונז, מוזען מיר איהם הערען נאָר אָהן קשיות...

— אויב אַזוי, — האָט סענדעריל געמאַכט, — איז שוין טאַקי רעכט. ביי מיין יודישקייט, בנימין! נישט נאָר אויפ׳ן טייך, אַפילו ווען רב בנימין וואָלט פאַרצייטען געפאָהרען רייטענדיג אויף אַ קאַטשערע, וואָלטען מיר דאָ נישט בעדאַרפט לאַנג טראַכטען, זיך גענומען אויפגע-זעצט און אויך געפאָהרען אויף אַ קאַטשערע.

— און דריטענס, — איז בנימין אַריינגעפאַלען סענדערלען אין די רייד, — שאַדט טאַקי כלל נישט, מיר זאָלען זיך געוועהנען צופאָהרען מיט דעם וואַסער איידער נאָך עם וועט אונז שפּעטער אויסקומען צופאָהרען אויפ׳ן ים אוקיינוס. איך וואָלט נאָך אַפילו געזאָגט, אז איידער מיר ווע-לען זיך אָבפאַרטיגען דאָ אין גלופּסק, וואָלט, אָסור, גאָר נישט קרום געווען צופריוען גלאַט אַזוי דורכצופאָהרען זיך אַביסיל אויפ׳ן טייך. דאַר-טען, דאָרטען, זעהסט-דו, שטעהט איינער מיט אַ שיפעל, אָט, כ׳לע-בען, לאָמיר צו-געהן און איהם עפּיס געבען, וועט ער מיט אונז אַביסיל פאָהרען.

אין עטליכע מינוט אַרום זענען אונזערע וואַנדרעווער בעהאַרצט אַריין אין אַ שיפעל און האָבען זיך געשיפט איבער די פיאַטיגנילעווקע. תחלת האָבען זיי אַפילו זיך געשראָקען, סענדערלען האָט זיך פאַרדרעהט דער קאָפּ און ער האָט געצאַפּעלט מיט הענד און פיס. אָט, אָט, האָט ער געמיינט, קעהרט זיך דאָס שיפעל אום און ער פאַלט אריין אין די טיפע אָבגרונטען פונ׳ם טייך, ס׳איז אַ עק פון זיין לעבען און זיין ווייב בלייבט אַ אייביגע עגונה. נאָר דערנאָך איז איהם געוואָרען אַביסיל בעסער.

— נישקשה, סענדעריל, — האָט בנימין איהם געטרייסט, אַז זיי זענען אַרויס אויפ׳ן ברעג, — זאָל דיך נישט אַרען וואָס דער קאָפּ דרעהט זיך און עם ווערט עפּיס נישט גוט. דאָס איז די ים-קראַנקהייט, וואָס איט-ליכער מוז זי ליידען, אַז ער פאָהרט דעם ערשטען מאָל אויפ׳ן ים. דעם צווייטען מאָל, וועסט דו זעהן, וועט זיין בעסער און דו וועסט שוין גאַרנישט פיהלען.

פון יענער צייט אָן פלעגען אונזערע פאַרשוינען זעהר אָפט פאָהרען אויפ׳ן טייך און דערפון גרוים תענוג געהאַט. זיי זענען ביי זיך געוואָרען

אזוי שטאַרק, אז איבערשיפען זיך דעם ים, האָט זיך זיי געדאַכט איז אַ שפּיל.

בנימין פלעגט דורך סענדערלען זיך אַריינלאָזען אין אַ שמועס מיט דעם לאָדאָמשניק און איהם פערוואַרפען מיט שאלות, ווי אַ שטייגער: פרעג נאָר, סענדעריל, דעם קאַפּיטאַן, וויפיל מייל האָבען מיר פון דאַנען ביז דעם ים? פרעג איהם, אויב ס'איז דאָ עפּיס ווייכפּעס? וואָס פאַר אַ מיני לייט וואוינען דאָרט? צו וואוינען צווישען זיי יודען? וועמען צאָה־לען זיי מס און צי ווייסען זיי פון אַ גלות? אָדער, אַ שטייגער, אַזוי: פרעג, סענדעריל, אויף אַ ציקאַוועשטש, דעם ערל וועגען די בערג ניסבון און דעם כופר אל טוריך? צי ווייסט ער עפּיס מכח די עשרת השבטים? אַ קשיאָ אויף אַ מעשה, אפשר האָט ער עפּיס געהערט. וכדומה נאָך און נאָך אַזעלכע שאלות פלעגט אַלץ בנימין הייסען פרעגען.

נאָר דאָס ביסיל גויאיש, וואָס סענדעריל האָט זיך אויכגע'ערענט ריידען געהענדיג מיט זיין ווייב תמיד אויפ'ן מאַרק, איז קאַרג געוועזן פאַר אַזעלכע הויכע ענינים. דינגען זיך פאַר אייער, ציבעלעס, קאַרטאָפל, דאָס האָט ער נאָך ווי־ס'איז געקענט, אָבער אויסטענה'ן זיך מיט אַ קאַ־פּיטאַן איבער געלערענטע זאַכען, דאָס האָט ער לחלוטין נישט געקענט. ס'איז געוועזן אַ צער בעלי חיים, ווי סענדעריל, נעבעך, פלעגט זיך מו־טשען אין אַזאַ שמועס, ער פלעגט ריידען מיט הענד און מיט פיס, אַר־בייטען אויף אַלע כלים און אָבגעהן מיט שווייס, אז איין נאָר דאָס געמענט אויף איהם רחמנות האָבען. זיין קאַפּיטאַן פלעגט שפּייען, טענה'ן, אָנקוקען איהם בייז פון איין זייט, און בנימין פלעגט איהם דורען אַ קרייזש, שטורבען און קוקען איהם אין מויל אַריין פון דער אַנדע־רער זייט.

— ווין טשערוואָני זשידקי ווין פּיטאַיע, — פלעגט סענדעריל אַרויס־געהן מיט אַזאַ שפּראַכע, אַ שטייגער, ווינקענדיג מיט דער האַנד אויף בנימינ'ען.

— איז משערוואָני זשידקאָוו יאַ זנאַ לייבקו, שמולקו באָגאַטיע זשידקי. — אַזאַ תשובה פלעגט סענדעריל בעקומען פון זיין קאַפּיטאַן.

— ני לייבקאָ, ני, ני! ווין טשערוואָני זשידקי פּיטאַיע פּאַמאָטשקאָ, ווי זאָגט מען עפּיס, ני, טאַבּאָטשקאָ, נעבען בערג געלע ניסבון.

— ניסבאָנאַ, זשידקאָ ניסבאָנאַ?

— זאָג איהם, ס נדעָריל, פלעגט בנימין שרייען, זאָגעו זאָלסט דו איהם אַ באַרג! מאָל איהם אויס ווי דו קאָנסט.

סענדעריל פלעגט צונויפשטעלען היך די הענד, ארסצומאָלען דער־מיט אַ בערגעלע און שרייען דערביי: העט, העט וויסאָקאָ! —

— טפו! פלעגט דער ערל אויסשפייען, אויסבמלען אויף סענדער־לען חלומות און איהם אָבשיקען צו אַלדי שווארצע יאָהר.

פון זיינע נסיעות אויף דער פּיאַטינגילעווקע דערצעהלט בנימין חידושים, וואונדערליכע זאַכען, וואָס האָבען אין דער וועלט אַ רעש אָנ־געמאַכט. מיר וועלען דערפון דאָ נאָר אַ מקצת אַרויסשטעלען.

שיפענדיג זיך איינמאָל אויף דער פּיאַטינגילעווקע, האָט בנימין דאָרט דערזעהן אין־דערמיט טייך אַ גאַנץ גרויסען אָרט, וואָס איז געווען גרין בעוואַקסען און מיט זיין גרינקייט די אויגען פאַרנומען. ער האָט געמיינט, דאָס איז אַ וויספּע בעוואָקסען מיט גראָז אי מיט שמעקענדיגע קרייטעכצער אַז ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ פוס און שוין געוואָלט אַ שפּרונג געבען אויף דער וויספּע, האָט דער קאַפּיטאַן פון דער לאַרקע איהם פלוצלים אַ חאַפּ געטאָן פון הינטען מיט אַ געשריי און אַ שליידער געגעבען איהם צוריק אין דעם שיפעלע מיט דעם גאַנצען כח אַזוי, אַז ער איז אַ היבשע צייט געבליבען ליגען שטאַרק פאַרדולט. ער האָט מעהר נישט געהערט, ווי אַרום דעם שיפעלע קאָכט, רעשט זיך, גליך ווי עס ראַנגעלט זיך מיט עפּיס, און עס געהט מיט גרויס מיה זיין וועג. און אַז ער איז שפּעטער צו זיך געקומען, האָט איהם דער ערל געזאָגט, ער איז געווען אין אַ גרויסער סכנה דערטרונקען צו ווערען אין דעם גרינקייט, ווארום דאָס גרינקייט איז נישט קיין וויספּע, ווי ער האָט געמיינט, נאָר דאָס איז גאָר דער צוויט, וואָס די פּיאַטינגילעווקע צוויטעט אַלע יאָהר.

איך אָבער, אַזוי שרייבט בנימין, האָב מיך נישט געקענט לאָזע איינריידען, אַז דאָס זאָל זיין צוויט. אמת טאַקי, אַ ריח עפּיס האָט עס געהאַט, נאָר זינט איך לעב האָב איך נישט געהערט און אויך אין מיינע ספרים נישט בעגעגענט, אַז וואַסער זאָל צוויטען. ווען עס זאָל צוויטען, וואָלט דאָך דאַרויף בעדאַרפט וואַקסען דערנאָך עפּיס אַ מין פרי, וואָס מען מאַכט דאַרויף אַ ברכה בורא פרי המים! איך האַלט נאָר אין דער סברא, אַז דאָס איז דער משונה גרויסער ים-פיש כלייג"א, פון וועלכען ס'איז דאָ זעהר אַ שעָנער שמיעס אין דעם ספר „צל עולם" מיט די דאָזיגע ווערטער: „דער שרעקליך גרויסער פיש בעדעקט זיך מיט גראָז און

מיט ערד. ביז ער זעהט אויס ווי אַ גרויסע ווינטע, און אַמאָל מיינען די וואָס זעגלען אין ים, אַז דאָס איז אַ שענער באַרג, זיי שטעלען זיך דאַרויף, מהוען וואָס זיי בעדאַרפען, קאָכען מאכלים, און אַז דעם פיש ווערט וואַרעם פונ'ם פייער, טוקט ער זיך אונטער אין די אָבגרונדטען און אלע וואָס האָבען אויף איהם געלאַגערט ווערען דערטרונקען". דערמיט טאַקי איז אַ שטאַרקע אַייזערנע ראיה צו יענע ווילדע חקרנים, וואָס האַלטען, אַז די גלופּסקער אײַנוואוינער וואַקסען פון הינדיא"ה. זעגלענדיג פון דאָרט איבער דער פּאַטיגגילעווקע אין די אַלטע יאָהרען, האָבען זיי מיט זיך פאַרשלעפּט דעם כ ל י נ "א, וואָס האַלט זיך אויף באמת אין אינדיא"ה און וואָס זיין טבע איז גאָבצולויפען נאָך די שיפען.

אַז בנימין האָט איינמאָל אַריינגעקוקט אין טייך, האָט ער דאָרט דערזעהן טיף אין וואַסער עפּיס מיני בעשעפעניש, אַקוראַט גלייך צו די געשטאַלטען פון ווייבער.

נאָך גאַנץ לאַנג, זאָגט בנימין, האָב איך געלייענט אין ספרים, אַז אין וואַסער זיינען דאָ ים-מענשען, און דער מחבר פון „צל עולם" זאָגט דערויף בהורת עדות אזוי: דער קאָפּ דער גוף, דאָס פנים און די בריסט זיינען זעהען אויס ווי אַ בתולה און זינגען זעהר שען און זיי הייסען שריינ"א. פון אַלטע אמתע מענשען, וואָס מען מעג זיי גלויבען אויפ'ן וואָרט, האָב איך אויך געהערט דערצעהלענדיג, אַז זיי האָבען אַליין געזעהן אַזעלכע ים-מענשען ביי קאָמעדיאַנטען, וואָס פלעגען געוועהנטליך נאָך דער קאָמעדיע זיי ווייזען יעדערען פאַר עטליכע גראָשען, נאָר היינט האָב איך עס דערלעבט צוזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען. איך האָב מיט גרויס וואונדער געוויזען אויף די בתולות דעם ערל אין ער האָט מיר געוויזען אויף עפּיס וועשינס, וואָס זענען געשטאַנען ביים ברעג טייך און געוואַשען גרעט. איך וויז איהם אונטען אין וואַסער, און ער ווייזט מיר אויבען אויפ'ן ברעג. און וויל מיר האָבען איינער דעם אַנדערענס לשון נישט פערשטאַנען, האָט ער ניט געוואוסט, וואָס איך וויז איהם, און איך האָב ניט געוואוסט, וואָס ער ווייזט מיר, און איך האָב פון איהם מכח דעם גאָרנישט געקענט דערגעהן".

נישט וויט פונ'ם ברעג נעבען דער שטאָדט האָט בנימין געזעהן אַ ים אין טייך, וואו דאָס וואַסער איז משונה געדיכט, ערטערווייז איז עס פערגליווערט עפּיס נאָר ווי דרילעס און ערטערווייז איז דאָס וואַסער נאָך געדיכטער. פון דעם דאָזיגען וואַסער פיהרען די וואַסער-פיהרער צו די בעל הבתים אין די הייזער. דאָרט ווערען די געדיכטע דרילעס

צופידרט מיט פראַכט וואַסער אין דער פאַס און מען קאָנט דערכיט אַלע מאכלים.

איך אַליין, זאָגט בנימין, האָב דאַס געקעכטס פון אַזאַ וואַסער גענאָסען, איך זאָל אַזוי עסען פון דער סעודה של לויתן, עס האָט גע־האַט דעם זיבעטען טעם. אַ ראַסעל־פלייש דערפון איז אַ מאכל מלכים, איך האָב צוגעלעגט מיט דעם וואַסער פולע קעשענעס און געהייסען מעני־דערלען מאַכען דערפון אַ פּעקיל, מחכּת אויף אונזער ווייטער נסיעה אין ימים און אין מדבריות קען עס זעהר גוט צונוץ קומען.

לוסטיג און פרעהליך זענען איינמאָל נאָכמיטאָג אונזערע פאַרשוינען געגאַנגען נישט ווייט פון דער שטאָדט, האָבען געלאַכט, געשפּאַסט, געקוקט איינער דעם אַנדערען אין די אייגען אַריין און עפּיס זעהר שטאַרק הנאה געהאַט. עס האָט אויסגעזעהן נאַר ווי אַ פאַרליבט פאָר־פאָלק באַלד נאָך דער חתונה. וואָס שפּאַצירט זיך פריי אויף דעם גרינעם גראָז און קוויקט זיך מיט איטליכעס וואָרט, מיט איטליכען קוק. נאָר וואָס זשע איז מיט אונזערע פאַרשוינען עפּיס אַזוי די שמחה געוועזען? פאָרט וואָס האָט זיי עפּיס אַזוינס משונה הנאה געטאָן אַז זיי זענען געשפּרונגען, האָבען אונטערגעזונגען און געמאַכט אַנשטעלען ווי די ריינע משוגענע? אַט וואָס רבותים, בלי נדר, מאָרגען איז ביי זיי ביידע געבליבען צופאַרלאָזען גלופסק און אין אַ גוטער שעה צוזעגלען העט אַהין...

און ווי זיי געהען זיך דאָ אַזוי לעבעדיג־פרעהליך, קומט זיי אונטער פלוצלים אַ פוהריל, אויפ'ן וואָגען זיצען צוויי יודלעך, איינער טרייבט און דער אַנדערער זיצט אָנגעבויגען אויף דער זייט, דאָס היטעל איז איהם פאַררוקט און ער האַלט אין מויל אַ שטרייעלע. — זעהר גוטע סימנים, אַז דאָס יודישע קעפּיל טראַכט דענסטמאָל עפּיס אַ אויבער־הסברה'לע און דרעהט זיך משונה שטאַרק.

די צוויי יודען האָבען אָנגעקוקט אונזערע לוסטיגע פאַרשוינען, זיי בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און זיך אַריינגעלאָזט דערנאָך מיט זיי אין אַ שמועס. די ערשטע שאלה איז, ווי דער שטייגער איז געוועזען: כּן וואַנען זענען עס יודען? דערנאָך — מה שמכם? און דערנאָך דאָס אי־בעריגע צעטעל שאלות, וואָס יודען פרעגען געוועהנטליך איינער דעם אַנ־דערען ביים ערשטען בעגעגעניש. מעהר האָבען אונזערע פאַרשוינען נישט בעדאַרפט, זיי האָבען געעפענט אַ מויל און זיך גענומען דערצעהלען אַלסדינג, ווי מען זאָגט, וואָס אויף דער לונג — דאָס אויף דער צונג. די יודען האָבען זיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעלע, זיך געשושקעט אַביסל

אין דער יוד מיט'ן פאררוקט היטעל אי מיט דעם שטרעיילע אין מויל האט דערבײַ געמאכט, --עט, נישקשה. עס וועט אבלויפען, נאר אין ערגסטען פאל איז נאך עטליכע ממתקים...

-- ווײַסט איהר וואס? — האבען די יודען צום סוף זיך אנגערו־פען — אונזער שטאדט מעג, כ'לעבען, אויך די זכיה האבען צוזעהן בײַ זיך אזעלכע צוויי פײַנע מענשען. מיר בעטען אייך זעהר שען, אט, כ'לע־בען, טהוט אונז אן דעם כבוד און זעצט זיך. זייט מוחל, באלד טאקי מיט אונז אויף, נישט לאנג געטענה'ט, מיר זענען אייך ערב, אז מען וועט אייך בײַ אונז זעהר שען צונעהמען מיט עסען, מיט טרינקען און מיט וואס נאר מעגליך.

— מיר וואָלטען עס אײַך בנאמנות צוליב געטאָן, האָט בנימין גע־ענטפערט, נאָר בײַ אונז איז געבליבען מאָרגען בלי נדר פון דאַנען זיך ־ולאָזען מיט דעם וואַסער.

— האָט נישט קיין פאַראיבעל, האָבען די יודען געזאָגט, איהר ־עדט, כ'לעבען, נאַרישקייטען. אויך מיר א וואַסער די פיאַטיגנילעווקע! ־י איז, מחילה, א פישגריבעל, א טינוף, א פערשטונקענע בלאָטע, א פאַרצוויטעטע, פאַרשימעלטע לוזשע. בײַ אונז האָט איהר דעם דנעפר, וואָס פאַלט גלייך אין ים אַריין. פון אונז וועט איהר טאַקי, אם ירצה השם, גיך און געשווינד קומען אַהין אין אײַער רוהע אַריין. עקשנט זיך נישט, כ'לעבען, היידא אַרויף אויפ'ן וואָגען.

— וואָס זאָגסט־דו, סענדעריל? — האָט בנימין זיך אָנגערופען, — לאָמיר אפשר טאַקי די יודען צוליב טאָן און פאָהרען.

— וואָס פאַר א דאגה איך האָב, — האָט סענדעריל געענטפערט, — אז דו ווילסט פאָהרען, זאָל זײַן פאָהרען.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג, זענען אונזערע פאַרשוינען ש..־ געזעסען אין וואָגען שטאַרק צופרידען אויף דעם כבוד, וואָס מען פאַר־בעט זיי צונאַסט, און האָבען זיך פירגעשטעלט גדולות. א וועג האָבען זיי געהאַט זעהר א פרעהליכען. די יודען האָבען אויף זיי געהאַט א אויג און פשוט געהי'ט זייער טריט, האָבען זיי צוגעפילעוועט מיט עסען און טרינקען אַזוי ווי א קינפעטערין. אונזערע פאַרשוינען האָט זיך אזוינס אין זייער לעבען נישט געחלומט.

אויף דעם צווייטען טאָג פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען בשלום קי־דנעפראָוויץ. די יודען זענען מיט זיי פאַרפאָהרען אויף א סטאַנציע ...־געמאַכט פאַר זיי א גוטע וועטשערע

— היינט זייט איהר פון א וועג מיד, שלעפעריג, — האבען די ידען געזאגט, — בכן איז גלייבער, איהר זאלט זיך לעגען פאר פריה אויסרוהען. מארגען, אם ירצה השם, אז איהר וועט אויפשטעהן געזונט פריש און שטארק, וועלען מיר אייך פיהרען צו עטליכע גרויסע לייט, פערוואָרפען פאר אייך א גוט וואָרט, און אז זיי וועלען אייך אויפגעהסען, זייט איהר שוין פארזאָרגט מיט אלע אייערע הצטרכות און וועט קענען גיך און באלד מאכען אייער ווייטע נסיעה. א גוטע נאכט!

— א גוטע נאכט, א גוט יאהר! האבען אונזערע פארשוינען געענט-פערט, באלד טאקי האבען זיי אָבגעלייענט קריאת־שמע, זיך געגלעט א ביסיל דעם בייכעל, געגענצט, געקראצט זיך, ווי דער שטייגער איז, און זיך געלעגט מיט א פרעהליך געמיטה שלאפען.

דאס צוועלפטע קאפיטעל.

ווי מען פיהרט אונזערע פארשוינען אין באד.

— גוואלד וידוי, האטיש אבזאגען וידוי! — האט סענדעריל פונים שלאף נישט מיט זיין קול געשריגען און אויפגעוועקט מיט זיין געשריי בנימינען.

בנימין איז נישט טויט — נישט לעבעדיג. אראב געשפרונגען פון זיין געלעגער, האט אין דער גיך אבגעגאסען נעגעלוואסער און איז צוגעלויפען צו סענדערלען זעהן, וואס טהוט זיך מיט איהם אזוינס.

אין דרויסען האט אנגעהויבען צוגרויען אויף טאג און אומעטום איז געווען שטיל. מען האט נאר געהערט א חראפען פון שלאפעדיגע מענשען אין דעם גאנצען שטוב. איטליכער האט געחראפעט אויף זיין שטייגער: דער אויף א קול פון א באנדורע, יענער אויף פרומיט, איינער האט עס געטאבט שטיל בקיצור. דער אנדערער האט עס געצויגען העכער, העכער אויף דריי גארען, דערנאך אויסגעלאזט מיט א דרעה, מיט א בייזער זוי איינער פרעגט א שטארקע קשיא, און צוגעפויקט מיט די באקען. איבאייגעם איז עס געווען א גאזענקאנצערט, אין וועלכען די נעווער האבען געטריי געארבייט אויף אלע כלים און צוגעשפילט לכבוד די בעריהמטע זנ יאווויצער וואנצען, בשעת זיי האבען געשמאק געגעסען די שלאפענדיגע און געטרונקען זייער בלוט — יודיש בלוט!

דנעפראוויץ האט א לאנגע צייט געפאסעט איהרע וואנצען, איהרע בענשענפרעסער דארט אין דעם שרעקליכען נאיפאהרהויז, און דער

וויסטער אָבגעזונדערטער יודישער אכסניא וואו אַ וואַנץ אין עפּיס אַ קוואַר-טאַל איז אַלץ אַהינצו געקראָכען און געזויגען, געצאַפּט יודיש בלוט. . .
קומענדיג קיין דנעפּראָוויץ איז שוין אַ יוד מוכן ומזומן געווען, אַז ס'וועט איהם קאָסטען אַביסיל בלוט און אָהן אַזאַ חאַבאַר איז גאָר קיין סבראָ נישט זיך אויסצודרעהען. בייס שוין, בייס, דו „דנעפּראָוועצק", שטינק שוין, שטינק, דו וואַנצעלע, שרייב שוין, שרייב דיינע בלוטיגע צייכענס און טראָג זיך, געה צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! —
— וואָס שרייעסט דו אַזוי סענדעריל? — האָט בנימין איהם גע-פרעגט צוגעהענדיג צו זיין געלעגער, — אוודאי אַ וואַנץ האָט דיך גע-מוזט שטאַרק אַ בים טאָן? אַ שרעק, וויפיל דאָ איז וואַנצען, זיי האָבען אַ גאַנצע נאַכט מיך נישט געלאָזט אַ אויג צוטאָן, ערשט נישט לאַנג וואָס איך בין אַנשלאָפען געוואָרען.
— אַי — אַי, גיכער, לאָמיר גיכער אַנטלויפען! — האָט סענ-דעריל געשריגען נאָך אַלץ פערדולט.
— גאָט איז מיט דיר, סענדעריל! וואָס רעדסט-דו? מילא מה רעש, אַז אַ וואַנץ גיט אַ ביס? דאַרויף איז זי דאָך אַ וואַנץ און דו ביסט אַ מענש. . .
סענדעריל האָט אַקעגען אַ פּאָר מינוט אָנגעקוקט בנימין'ן ווי צומישט, דערנאָך זיך אויסגערייבען די אויגען און געזאָגט מיט אַ זיפץ.
— אוי, עס האָט מיר זיך געחלומט זעהר אַ שרעקליכער חלום. הלוואי דערפון זאָל זיך גאָרנישט אויסלאָזען.
— עט, מאַלי וואָס אַ מענשען חלומט זיך אַ מאָל, —האָט בנימין געמאַכט, — מיך האָט זיך היינט אויך געחלומט — עפּיס אַ פּיפּערנאָ-טער קומט צו מיר געשווינד צו, קוקט מיך שטאַרק אָן און זאָגט צו מיר: איהר זייט עס רב בנימין פון טונעיאַדעווקע? קומט, זייט מוחל, מיט מיר אַהין, אַלכסנדר מוקדון שטעהט דאָרט מיט זיין חיל און חלשט מיט אייך זיך צובעקענען. איך גיב מיך אַ לאָז, דער פּיפּערנאָטער לויפט פאָראויס, איך נאָך איהם. „איהר לויפט, אָהן עין הרע, געשווינד ווי אַ פייל אויסען בויגען, איך קען אייך גאָר נישט אָניאָגען" הער איך עמי-צען שרייענדיג הינטער מיר. איך קעהר מיך אום און דערזעה אַלכסנדר מוקדון. אדוני מלך! שריי איך, חאַפּ איהם ביי דער האַנד, קוועטש און קוועטש, עס פאַרגעהט מיר אָבער פּלוצלים אין דער נאָז עפּיס אַ מין שרעקליכער געשטאַנק טאַקי נאָר צום חלשען. איך חאַפּ מיך אויף און

פיהל אין דער האַנד אַ צוקוועטשטע וואַנץ... טפו זאָל עס ווערען! טאַ שפיי, כילעבען, דריי מאָל אויס, סענדעריל, און פאַרגעס דיין חלום. וואָס האָט דיר אַזעלכעס זיך געחלומט?

— טפו, טפו, טפו! האָט סענדעריל בתמימות דריי מאָל אויסגעשפיגען און דערציהלט זיין חלום:

— מיר האָט זיך געחלומט, ווי איך געה מיר גלאַט אַזוי אויף דער גאַס און פאַרגעה מיר העט ווייט. פלוצלים גיט מען מיך פון הינטען אַ חאַפּ און מען וואַרפט מיך אין אַ זאַק אַריין, מען טראָגט מיך אַזוי אין דעם זאַק, מען טראָגט מיך, מ׳טראָגט, ביז מען האָט מיך ערגיץ עפּיס פאַרטראָגען. איך פיהל, ווי עמיצער בינדט דעם זאַק אויף און דערלאַנגט מיר אַ פּאַטש, טאַקי וואָס אַ פּאַטש הייסט, אַז צוויי ציינער זענען מיר אַרויסגעפאַלען. „דאָס האָסט־דו דיר ערשט איין אַדאַראויף, הער איך ווי מען זאָגט, אינגאַנצען וועל איך דיר סיליקען שפּעטער". איך גיב אַ בליק, מיין ווייב אין אַ ספּאָדיק שטעהט מיר אַקעגען שטאַרק אין כעס, די אויגען ברענען איהר ווי אַ העליש פייער און פון׳ם מויל זעצט איהר אַרויס אַ שוים. „וואַרט נאָר אַביסיל, וואַרט, תכשיט מיינער, זאָגט זי מיט אַ בייזען געלעכטער, איך וועל נעהן נעהמען די קאָטשערע און דיר וויזען, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען". ווי זי געהט נעהמען די קאָטשערע, אַז מיינער חאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און אַוועק, אַוועק, אַוועק, איך לויף. איך לויף און קום צולויפען אין עפּיס אַ קרעטשמע. אין דער קרעטשמע איז פינסטער, גליטשיג, נישטאָ קיין נפש. איך לעג מיך אין אַ ווינקעל, מאַך צו די אויגען און שלאָף. ווי איך שלאָף, קומט דער זיידע רב סענדעריל, עליו השלום, צו מיר צוגעהן, זעהר אומעטיג, מיט פאַרוויינטע אויגען און זאָגט: „סענדעריל מיין קינד, שלאָף נישט, ווי גאָט איז דיר ליב, סענדעריל, שטעה אויף, שטעה אויף, סענדעריל, סענדעריל, און לויף פון דאַנען אַוועק! אַוועק, סענדעריל. וואָהין די אויגען טראָגען, דו ביסט אין אַ סכנה!" איך וויל אויפשטעהן, אָבער איך קען מיך נישט ריהרען, גלייך ווי מען האַלט מיך צו. איך נעהם מיך צום קאָפּ און טאַפּ אויף מיר אָן עפּיס אַ קאַפּקע. הע — הע, איך בין גאָר נישט סענדעריל, איך בין, מחילה, נאָר אַ יודענע, אָהן אַ סימן באָרד, טראָג עפּיס אַ מין ייפּע אין מיין בויך, מיין בויך, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, טראָגט מיר שרעקליך וועה! נישקשה, רופט איינער עפּיס זיך אָן, ביי אַ ערשטלינג געהט עס תמיד אַביסיל שווער צו. איי, פעטער, פעטער! שריי איך אין איינעם ס׳איז גאָר ניט פאַר מיינע

כחות, אַז, אַז פאַל איך חלשות "אַ קולאַק אין דער פּאַטיליצע אין דערצו זעהר אַ גוטע סגולה, דערמיט קען איך דיך מינטערן, זאָגט דער פעטער, און לאָזט מיר טאַקי אראָב עטליכע קולאַקעס. נאַ דיר פאַר פריהער, פאַר איצונד, אי פאַר שפּעטער".—מאַכט ער דערבײַ, דרעהט זיך אויס און ווערט פאַרשווינדען. איך ליג אין איינע צרות, ליג און ליג, ביז נאַכט העלפט מיר, איך גיב מיך אַ ריס מיט גוואַלד און שטעה אויף. איך לויף־צו גיך צו דער טיר. זי איז פאַרשפּאַרט, איך קלאַפּ, קלאַפּ און קלאַפּ, אומזיסט די מיה. פּלוצלים שפּרינגט די טהיר זיך אויף און ווי איך שטעל אַרויס אַ פוס, חאַפּען מיך גזלנים און פיהרען מיך אַוועק עפּיס אין אַ הייל. דאָרט נעהמען זיי אַרויס אַ חלף און ווילען מיך קוילען. ווי זיי האַלטען דעם חלף מיר אויפ'ן האַלז, שריי איך: גוואַלד! לאָזט מיך חאַטש אָבזאָגען ווידוי! אַט דאָס האָסט־דו דיר, בנימין, מיין חלום, הלוואַי ער זאָל זיין צו גוטען.

— שפּיי אויס, סענדעריל, נאָך דריי מאָל, — האָט בנימין איהם אַ עצה געגעבען, — און שלאָג דיר דיין חלום פונ'ם קאָפּ אַרויס, איבער־רינענס, אויב דו ווילסט, שטעה אויף, ס'איז שוין טאָג, און זאָג עטליכע קאַפּיטל תהלים.

סענדעריל איז מיט אַ זיפץ אַראָב פון זיין געלעגער, האָט אָבגע־נאָסען נעגעלוואַסער, אָנגעטאָן זיין האַלאַטעל און אַרויסבעקומען זיין תהלים עברי־טייטש. עס האָט זיך אויפגעמישט דאָס צעהנטע קאַפּיטעל, ביי וועלכם ער האָט געהאַלטען און ער האָט מיט אַ אומעטיגען ניגון אַנגעהויבען:

וואָס שטעהסט־דו, גאָט פון ווייטען,
פאַרבאַרגסט־זיך אין שלעכטע צייטען?

זיין ניגונדיל איז געוואָרען טרויעריגער און ריהרענדיגער ווייטער צביסיל ביי די דאָזיגע פסוקים:

ער זיצט אין ערגיץ אַ פערטאַיעט אָרט
אין שטילען טויט ער דעם עהרליכען דאָרט
די אויגען דרעהען איהם זיך הין אי צוריק
אויפ'ן אָרמען האָבען זיי אַ שטאַרקען קיק,
ווי אַ לייב אין זיין נאָרע לויערט אויך ער
ער לויערט צו חאַפּען דעם אָרמען אַהער.

דערלאנגט דעם ארמען שוין מאקי א האפ
אבי מיט זיין נעץ א ציה נאר. א קלאפ:

אז סענדעריל האָט אָבגעזאָגט תהלים, איז שוין געוואָרען רעכט טאָג, אַלע מענשען אין שטוב זענען שוין אויפגעשטאנען. א גרויסער סאמאָוואַר ווי א קעסיל האָט שטארק געקאָכט אויפ'ן טיש און דער עולם האָט געטרונקען טהע. בנימינ'ן און סענדערלען האָט מען אויך געגעבען צו גלעזלעך וואַרעמס. זיי האָבען אַביסיל זיך דערפרישט און פרעהליכער געוואָרען.

י שטוב, וואָס פריהער אַביסיל איז זי געוועזן א ספאַלניע, דערנאָך א טשאַיניע, איז פלוצלים געוואָרען א קלייזעל. עס האָבען זיך פערקאַטשעט אַרבעל, זיך ענטפלעקט נאַקעטע יודישע אָרעמס: רויכיגע, גלאַטע, דאַרע, פעטע, שוואַרצע, ווייסע, טונקעלע פון אַלערליי קאָלירען און געשטאַלטען. איטליכער איז אַריין אין טלית און תפילין און געגעבען א דאווען.

אונזערע צוויי יודען האָבען געדאַוועט געשמאַק, זיך געפּיעסטעט, געקרימט, געמאַכט חנדלעך און פיסקעלעך, ווי אמת צובראָכענע יודען, זיי האָבען אַוועקגעטענה'עט מיט'ן רבונו של עולם אַלץ: טאַטעניו! פאָטערוניו! און שיהות געמאַכט אין דאַווענען מעהר פון אַלע אַנדערע. נאָכ'ן דאַווענען האָבען זיי גענומען צו קעלעשקעלעך שליש, א זופ געמאָן פריהער, זיך פאַסמאַקעוועט און אויף דער נאָז זענען אַרויסגעטרעטען רויטגלאַנצענדיגע ווייסמעלעך, דערנאָך האָבען זיי געמאַכט צום גאַנצען עולם: לחיים, לחיים! און צוגעווינשעוועט: דער אויבערשטער זאָל שוין רחמנות האָבען אויפ'ן גאַנצען כלל ישראל, נעבעך! האָבען פאַרגלאָצט דערביי די אויגען, געטאָן א שטילען זיפץ און אַריינגעגאָסען אין זיך דאָס קעלעשעקיל. א סימן, דאָס זענען געווען נישט קיין פראָסטע יודען, נאָר פרומע, כשרע, שענע יודען.

איינער פון די דאָזיגע שענע יודען איז דערוויל אַוועקגעגאַנגען אין דער שטאָדט און האָט זיך דאָרט פערזאמט אַקעגען א פאָר שעה. אז ער איז צוריק געקומען, האָט דער חבר זיינער איהם אַריינגעקוקט אין פנים, וואָס האָט בעשיינפערליך געלויכט, און ביידע זענען געווען זעהר צופרידען. זיי האָבען געהייסען גרייטען צום טיש, זיך געגאַנגען וואַשען און איבערגעקוקט פריהער די קוואָרט, ווי דער שטייגער איז פון שענע יודען, האָבען געבעטען אונזערע פאַרשוינען, זאָלען אויך זיך וואַשען און מוחל זיין זעצען זיך מיט זיי אינאיינעם עפּיס איבערצובייסען. ביים טיש

זענען זיי געווען לוסטיג. האָבען געלויבט די בעל-הבית׳טע פאַר איהרע גוטע מאכלים און משונה פון איהר הנאה געהאַט. זיי האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמיעס, גערעדט מכח דעם כלל יודען, ווי ס׳איז שוין טאַקי צייט זיי זאָלען, נעבעך, אויפגעריכט ווערען, פאַרוואָס קומט אַזאַ פאָלק, אַזאַ טייער פאָלק זאָל, נעבעך, אַזוי פערשוואַרצט ווערען? זיי האָבען זיך צולאָזט אין די שבחים פון די כנסת ישראל, געלויבט אין טאָג אַריין דאָס יודיש קעפיל.

— וואָס קענען דען יודען נישט? אַלע חכמות פון דער וועלט, ווי דער טעלעגראַף, אַייזענבאַנד און נאָך אַזעלכע זאַבעמישען געפינט מען נאָך גאַנץ לאַנג ביי יודען. נאָר דאָס אַלסדינג אָבער איז נאָך פון די קליינע קיטען. דער עיקר איז גאָר עפּיס אַנדערש, דאָס פינטעלע, דאָס פינטעלע—אָט וואָס דער עיקר איז...

זיי האָבען זיך אַרויפגעהאַפּט אויף די אַפּיקורסים, אויף די היינטיגע מאָדנע געלערענטע, פאַרשאָלטען זיי דאָס געביין, געשפּיגען קלעק אויף זיי אינגאַנצען און אויף די שקאָלעס, וואָס מען לערענט דאָרט טרפה פסול אָהן אַ היטעל.

— באַלד וועט טאַקי זיין אַ פּרק משניות אַ רענדיל און אַ פּראָשעניע אָנשרייבען אַ גילדען. אוי, איז היינט אַ וועלט, אַ שענע וועלט, כ׳לעבען!...

אַזוי האָבען זיי אַלץ גערעדט און זענען איבערגעגאַנגען דערפון אויף אַ שמיעס מכח דער נסיעה פון אונזערע פאַרשוינען.

— מיר ווינשען אייך, האָבען זיי געזאָגט, השם-יתברך זאָל הסר מאָן און ממלא זיין דאָס אַלסדינג, וואָס מיר בעגעהרען אין אייך צוזעהען.

בנימין איז געווען אויף דעם זיבעטען הימעל פון אַזאַ ברכה. דערצו איז ער נאָך געווען, ווי זאָגט מען עפּיס, אַביסיל פאַרלעקט. ער האָט געעפּענט אַ מויל און גערעדט פאַר פייער אי פאַר וואַסער.

— ווייסט איהר וואָס, רב בנימין, רב סענדעריל? — האָבען די יודען געזאָגט צוצווינגען, נאָכדעם אַז זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פונ׳ם טיש, — מיר וועלען זיך נוהג זיין כפשטות ווי פּראָסטע יודען. אַזוי ווי אונזערע עלטערען האָבען זיך נוהג געווען. נאָך אַ וועג וועלען מיר זיך אַלץ געהן אין מרחץ אַריין, צופאַרען די ביינער. איהר וועט זיך מעגען דאָרט אָבשערען אָדער אָבגאָלען, איהר וועט, כ׳לעבען, ווערען גאָר אַנדערע מענשען. און נאָכ׳ן מרחץ וועלען מיר זיך נעהמען צו אונזערע

עסקים. אזוי טאקי, בנאמנות, אזוי וועט בפשטות טאקי זיין גוט. ס׳איז אפשר אביסיל נישט היינטמאָדיש, ביי די אפיקורסים מעג זיך א מרחץ אויסקימען עפים ניט שען, נאר מיר זענען אבער נישט קיין געבוילבעטע, אט לאמיר זיך נוהג זיין ווי אונזערע זיידעס פארצייטען.

פון א מרחץ זאגט זיך א יוד קיינמאל נישט אָב. דאס וואס א שענק פאר די פויערען, א טייכעל פאר גענז אין קאטשקעס, דאס איז אין הונדערט גראדען נאך מעהר די באד פאר א יודען. דעם מעס, וואס א יוד פיהלט אין א באד, קען עס קיין אומה ולשון נאר נישט פיהלען. די באד האט ביי אידם א גרוים שייכות מיט זיין רעליגיע. מיט זיינע אינוועינדינכסטע געפיהלען און מיט זיין פאמיליען-לעבען. קיין יודישע נשמה ריהרט זיך נישט פונ׳ם הימעל ארייצוקריכען ערגיץ אין א בייך, מען קען זי נישט נעהמען, איינבעטען דורך קיין שום זאך. סיידען נאר דורך א באָד. דא איז די הויפט-אגענטור, די צענטראלע קאנטאר צווישען דעם הימעל מיט דער ערד. איידער א יוד ווערט נאך געבוירען, איידער נאך עס וואקסט זיך אין איהם א אבר, ווייסט מען שוין פון איהם אין דער דאזיגער קאנטאָר פונ׳ם בעדער מיט דער בעדערקע ביז דער טוקע־קע אין דער ביי טעלמאכערין. די נשמה יתרה שבת און יום טוב פיהלט אין זיך נישט אזוי א יוד, ווען ער שווינקט זיך פריהער נישט אָב אין באָד. אהן דעם איז ער עפים אלטגעבאקען, נישט פריש. קוקט אן א יודען פרייטאג קימענדיג פונ׳ם מרחץ. ער בליהט, ער איז יונגער מיט עטליכע יאהר, דער יודישער פונק ברענט אין איהם און לייכט ארוים פון זיינע אויגען, אלע זיינע געפיהלען זענען עפים שארפער, פרישער. דער ריח פון די געפילטע פיש און פון דעם איינגעפלעטען צימעס פארגעהט איהם ווי קטורת אין דער נאז. זי שמעקט, שמארעט און איז מקבל תענוג. עס זינגט זיך איהם עפים אויפ׳ן הארץ, ער ניט קאנצערט אין טראָפ, קנאקט ווי א סאלאווי שיר השירים, צופיעסטעט זיך דארט ווי א קינד, צופלאקערט זיך, צוהיצט זיך און איז האלב אויף יענעם עולם... אין באד קומט א יוד ווי אין א פאטערלאנד, ווי אין א פרייער מדינה, וואו איטליכער האט א גלייכע דעה, וואו עס שטעהט פאר איהם פריי צו דערגרייכען גלייך מיט אַנדערע אַ הויכע שטופע—ארויפקריכען אויף דער אויבערשטער באַנק, דערמינטערן זיין פעראומערטע נשמה, האטש אויף א שעה אויסגלייכען זיינע ביינער און אראָבגעיוארפען פון זיך זיין פעקיל דאגות און יסורים. אט וואָס א באד איז ביי יודען!

דעריבער איז דער פלאן פון אין-מרחץ-געהן אונזערע פארשיינען

געווען שטאַרק לרצון. זיי האָבען נישט געמאַכט קיין גרויסע הביות און אין עטליכע מינוט אַרום זענען זיי שוין געגאַנגען מיט די צוויי שענע יודען.

אונזערע פאַרשוינען האָבען זיך פאָרגעשטעלט אַ באָד, ווי געוועהנט־ליך אַ מרחץ איז אין די יודישע שטעדטלעך, עפּיס אַ מין בנין, שוואַרץ, פערשמירט פון דרויסען, באַרג אַראָב ערגיץ אין אַ העק מיט אַ שווערען צוטריט אַהינצו אויף שמאָלע צובראָכענע קלאָטקעס: און אַז די יודען זענען צוגעקומען צו אַ שענער דריי־גאָרענדיגער מויער, סאַמע אין דער מיט גאַס, און געזאָגט: „אָט דאָס איז די באָד”, האָבען זיי פעררייסען די אויגען און געקוקט שרעקליך פערוואונדערט.

— איהר זענט נאָך טאַקי גאָר אמתע פריצען, — האָבען די יודען פון זיי געשפּאַסט, — קומט, זייט מוחל אַריין, אינוועניג, וועט איהר נאָך עפּעס שענערס זעהן.

אַריינקומענדיג אין דער פאַרצימער האָט אונזערע פאַרשוינען פער־שיינט אין די אויגען דער געמאָלטער פאָל מיט די אויסגעשפּרייטע סטעזשקעס. עס האָט זיי זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען אין דעם פער־צויבערטען שלאָס, וואָס אין בבא־מעשה און אין טויזענט מיט איין נאַכט, באַלד וועלען פּרינצעסינס, בת־מלכות זיי מקבל פנים זיין. זיי וועלען זיך דאָ וואויל טאָן און לעבען אויף וואָס די וועלט שטעהט. נאָר אנשטאט די בת־מלכות איז צוגעגאַנגען צו זיי אַ סאָלדאַט מיט אויבעלעך און האָט שען־פיין זיי געלאָזט בעטען זיך אויסצוטאָן.

— טהוט זיך, זייט מוחל, אויס,—האָבען די שענע יודען צו זיי געזאָגט, — מיר וועלען דערווייל אריינגיין אַהין בעצאָהלען באָד־געלד. נישקשה, איהר וועט דאָ האָבען אַ גוט שוויצבעדעל.

אַז אונזערע פאַרשוינען האָבען זיך אויסגעטאָן, האָבען זיי פערנו־מען זייער פעקיל זאַכען, ווי דער שטייגער איז, אויסצופּרודזען עס. קיין טוץ העמדער האָט אין זייער גאַרדעראָבע זיך נישט געפונען, זיי האָבען צוזעקגעטראָגען אַ העמד עטליכע וואָכען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז עס האָט זיי, נעבעך, געביסען און דאָס פּרודזען איז זיי געווען טאַקי נייטיג אין לעבען אַריין. נאָר דער סאָלדאַט האָט ביי זיי אַוועקגענומען די זאַ־כען און זיי אַריינגעפיהרט אין אַ חדר אַריין. דער חדר איז געווען אויס־געמעבעלט מיט ביינקלעך, אַרום אַ גרויסען טיש זענען דאָרט אויף שטולען וועזעסען מענשען פיין אָנגעטאָן. אונזערע פאַרשוינען האָבען זיך אַרומגע־

קוקט אין אַלע זייטען, זיי איז שטאַרק קשה געווען, וואו גיסט מען דאָ אויפ'ן שטיין און וואו וועלען זיי דאָ שוויצען?

— צי טוט זשידאָווסקי באַניאַ? — האָט סענדעריל אַ פרעג געטאָן נאָכדעם, אַז בנימין האָט איהם אַ שטורך געגעבען און איהם געהייסען נישט מאַכען דאָ קיין פיל שיחות און פרעגען.

איינער פון די לייט, וואָס אַרום טיש איז צוגעגאַנגען, האָט אָנגעקוקט אונזערע נאַקעטע פאַרשוינען, וואָס זענען, נעבעך, געווען דאַר, אויסגעדייוועט. אָהן אַ לויט פלייש. נאַר הויט און ביין, און געמאַכט מיט זיי עפּיס אַ שמועס אויף מאָסקאָוויטערש.

— האַ, וואָס זאָגט ער דאָ עפּיס, סענדעריל? — האָט בנימין געפרעגט.

— איך זאָל דאָס אָנהויבען פאַרשטעהן אַ וואָרט! — האָט סענדעריל געענטפערט און געמאַכט מיט די אַקסלען, — נאַט אייך, שטיינס-געזאָגט, אַ לשון! עפּיס זאָגט ער אַלץ: בילעט, בילעט.

— אַ — אַ, נאַרעלע, — האָט בנימין זיך אָנגערופען, — וואָס פאַרשטעהסט דו דאָ נישט, נאַרעלע? דאָס איז דער בעדער, ער פאָדערט ביי אונז אַ בילעט, וואָרום אין אַזאַ באָד מוז מען געהן אויף בילעטען. זאָג איהם, אַז די יודען האָבען שוין דאָך דאָ פריהער בעצאָהלט פאַר אונזערע בילעטען.

— יאַק-זשע, פּאַני, טייע זשידקי אָוושע דאַלי טוטעטשקאַ זאַ... — האָט סענדעריל אַ רעד געגעבען און איז פלוצלים געבליבען ווי דערוואָרגען, נישט געקענט אויספיהרען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען.

— אַ בילעט, פּאַני, ס'טייטש, זשידקי, להבדיל, פּאַני, זאַפּלאַטיל! — איז בנימין אַרויס אויף זיין לשון און האָט דערקלערט די זאַך גאַנץ קלאָר, קורץ און שאַרף.

דער דאָזיגער מענש, וואָס איז פריהער צוגעגאַנגען צו אונזערע פאַרשוינען, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד און מען האָט זיי באַלד אַריינגעפיהרט ווייטער אין אַ חדר, וואָס דאָרט איז מען, כפי זייער מיינונג, מחויב געווען, אַ פּנים, צושוויצען געשמאַק...

אַז מען האָט בנימין און סענדערלען שפּעטער אַביסיל מיט אַ צייט אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס, איז שווער געווען זיי צודערקענען, אַזוי פאַרענדערט זענען זיי, נעבעך, געוואָרען: אָבגעגאָלט פון פאָרענט, אָהן

בערד, אהן פאות, די אויגען פארדרעהט. נאר גלעזערנע, אויף דעם שטערען קאלטע גרויסע טראפען שווייס, א וואלקען, א חמארע אויפ'ן גאנצען פנים. איינגעגורעט, איינגעהויקערט, מיט א ציטער איבער דעם גאנצען לייב, און ארום זיי סאלדאטען.

אויפ'ן הימעל האט זיך אנגערוקט א שווארצע פינסטערע חמארע. א בליץ האט מיט אמאל באלייכטעט די דאזיגע קאמפאניע, באלד דארויף האט א דונער געגעבען שרעקליך שטארק, אז אלע זענען פערציטערט געווארען. עס האט זיך אויפגעהויבען א שטורעמווינד, רעדלעך שטויב האבען זיך געטראגען ווי די רוחות, פערהאפט אייפ'ן וועג מיסט, שטרוי, בלעט־לעך אי שטיקלעך פאפיר, אלע אינאיינעם האבען געטאנצט עפיס א משוגע'נעם טאנץ און זיך געדרעהט, געדרעהט אלץ אין דער הויך ארויף־ארויף... די משערעדע פונ'ם פעלד איז געלויפען אומרוהיג מיט א געשריי און א רעווען, ווי א סטאיע הונגעריגע וועלף וואלטען זי נאכגעיאגט. עס האט געשטורעמט, געבליצט, געדונערט גלייך ווי דער אויבערשטער איז שטארק אויפגעבראכט געווארען אויף דער זינדיגער ערד און אויף אלסדינג וואס דא געהט פיר, ער האט זיך אנגעהאפט ביים קאפ. געבליצט מיט זיינע צארנדיגע אויגען, געהילכט און געשריגען, אי, אי! מיט זיין דונערדיגען קול. עס האט צום־לעצט א זעץ געטאן משונה א שרעקליכער דונער, פון הימעל האט אראבגעקאפעט ווי טרעהרען גרויסע טראפענס רעגען, וואס אין זיי האבען זיך אויסגעמישט טראפען טויט־שווייס און בלוטיגע טרעהרען פון אונזערע בידנע, אומגליקליכע פארשוינען...

אך, בנימין און סענדעריל האבען גאר נישט געוואוסט, אז נישט דווקא אין דער מדבר איז א סכנה צו רייזען מחמת די ווילדע שלעק, עקדישען, פיפערנאטערען און חיות־רעות וואס דארט. נאר דא אין די מקומות, דא איז ערשט די גרעסטע סכנה! יענע צייט, ווען אונזערע פארשוינען האבען געוואנדערט, איז געווען די שווערע, פינסטערע־בימערע צייט — די צייט, ווען איין יוד האט געזוכט צו דערטאפען דעם אנדערען און

ווי א לייב אין זיין נארע געלויערט האט אויך ער
געלויערט צוחאפען דעם בעזאספארטנע אהער
און איהם אבגעבען פאר א פוימענע, א קרבן פאר זיינע, אדער

פאר יענעמס קינדער ! אך, אונזערע פארשווינען, נעבעך, האָבען נישט געוואוסט, אז זיי געפינען זיך שוין טאקי אין דער מדבר, צווישען ווילדע בעשעפעניש אי חיות רעות. און די צוויי שענע, כשרע יודען זענען גאָר פיפערנאָטערען !

דאס דרייצעהנטע קאפיטעל

זעלנער זענען, נעבעך, אונזערע נוסעים געווארען.

איטליכער קען זיך משער זיין די שלעכטע לאגע פון אונזערע בידנע פארשוינען, ווי פינסטער און ביטער זי איז, נעבעך, געווען, כיר פערשפארען עס צו שילדערן.

די ערשטע צייט זענען זיי געווען ווי צומישט און האבען להלוטין נישט פערשטאנען, וואס מיט זיי טהוט זיך אזוינס. אלסדינג איז פאר זיי געווען פרעמד, אי די סבארגע, אי די סאלדאטען, אי דער לשון און די אלע זאכען, וואס מען האט זיי געהייסען טאן. דער שינעל איז איף זיי געהאנגען ווי א טארבע. ער האט אויסגעזעהן טאקי נאר ווי א זיפע, און דאס היטעל, משטיינס־געזאגט, איז געלעגען אויף זייער קאפ נאר ווי א קאפקע. אנקוקענדיג זיי האט זיך געדאכט, עפים איז עס איינגא ען נאר א אנשטעל, עפים האבען צוויי יודען זיך פארשטעלט און מאכען חוזק פון די אלע זעלנער, קרימען זיי זיך נאך און ווייזען פאר איטליכע גאנץ פריי, ווי נאריש, משטיינס־געזאגט, זיי אלע זענען מיט זייער אלץ־ביט איינאנדער. אז־אך־און־ויעה צום ביקס, נעבעך, וואס ער איז ארייגעפאלען צו אונזערע פארשוינען. ביי זיי אין די הענד האט ער גאר ניט געהאט דאס פנים, אקוראט ווי א קאטשערע אין די הענד פון א מאנסביל, וואס פארעט זיך אין קיך ביים פריפעטשעק. ביי דער אומשעניע פלעגען די אבארביימען אזעלכע שטוקעס מיט די הענטלעך און די פיסלעך, ס׳איז געווען נאר א ריינע קאמעדיע.

אין קלעפּ, פאַרשטעהט זיך, זענען זיי נישט זשערנע געווען, נאָר וואו איז דען, זאָגט מען, אין דער וועלט עפּיס אַ צרה, וואָס דער מענש זאָל מיט איהר נישט געוועהנט ווערען? נישט נאָר דער מענש, אַפילו אַנדערע בעשעפעניש ווערען אויך געוועהנט. בעדאַרף מען מעהר פריי ווי אַ פויגעל איז, פונדעסטוועגען אז מען פאַנגט איהם און מען זעצט איהם אַריין אין אַ שטייגעלע, געוועהנט ער זיך צו ביסליך, הייבט אָן צופּיקען קערנער מיט אַפּעטיט, שפּרינגט און זינגט פרעהליכע לידער, גלייך ווי די גאַנצע וועלט מיט איהרע פעלדער און וועלדער איז פאַר איהם דאָ אין דעם ענגען שטייגעלע. אונזער סענדעריל האָט ווייטער, ווייטער טאַקי אָנגעהויבען מיט זיין לאַגע זיך צוגעוועהנען. פלעגט זיך גוט צוקוקען צום מושטיר פון די זעלנער און פריוועט נאָכמאַכען זייערע אַלע שטוקעס אויף זיין שטייגער. ס'איז געווען אַ פרייד צו-צוזעהן, ווי סענדעריל פלעגט אָפּט פאַר זיך אַליין איבער-חזר'ן דעם מושטיר, זי־ אויסציהען גלייך ווי אַ סטרונקע, פערריסען דאָס קעפּיל, אָנבלאָזען די פּיסקלעך ווי אַ גבור, הייבען פיסלעך און געהן אַ מאַרש נאָר טאַקי ווי אַ אָנגעבלאָזענער אינדיק, פלעגט זיך דרעהען, דרעהען און לסוף פאַרפּלאָנטען די פיסלעך און פאַלען. נאָר צקעגען זשע בנימין אָבער — ער האָט מיט אַזעלכע זאַכען בשום אופן נישט געקענט זיך געוועהנען, ער איז געווען בטבע איינער פון יענע מיני פייגעל, וואָס הייסען וואַנדער-פייגעל, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זייער טבע איז אַלע יאָהר סוף זומער אַוועקצופליהען און איבערווינטערן דאָרט אין די ווייטע וואַרעמע מקומות. די טבע צו וואַנדערזוען מאָנט אַזאַ מין פויגעל אַזוי שטאַרק, אַז באַם מען האַלט איהם דענסטמאָל געפאַנגען אין אַ שטייגעל, איז איהם נישט ניחא דאָס לעבען, ער עסט נישט, טרינקט נישט, ער דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט און זוכט ערגיץ עפּיס אַ שפּאַלט אַנטרונען צו ווערען. די נסיעה אַהין אין יענע ווייטע מקומות, וואָס האָט ווי אַ זלידנע זיך איינגעגעסען אין בנימינס קאָפּ, וואָס איז איהם געוואָרען די צווייטע נאַטור, וואָס צוליב איר האָט ער אַוועקגעוואָרפען ווייב און קינדער — די דאָזיגע נסיעה האָט איהם נישט געלאָזט רוהען קיין רגע, האָט איהם געבויערט, געפּיקט דעם קאָפּ, זי האָט אין איהם געבורטשעט און אַלץ געשריגען: בנימין, געה ווייטער! געה ווייטער, ווייטער!

דערווייל איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי דער ווינטער און אונזער בנימין, נעבעך, האָט זיך שטאַרק געמוטשעט.

איינמאָל אין אַ שענעם טאָג נאָך פּסח, אַז סענדעריל האָט

בינו-לבין עצמו זיך געמושטירט, איז בנימין צו איהם צוגעגאנגען מיט אזא שמועס:

— כ׳לעבען, סענדעריל, דו ביסט א יונגעל! דו שפּילסט זיך און מאכסט עפּיס אזעלכע קונצען ווי א קונדעס. וואס קען דערפון, איך בעט דיך, דער תכלית זיין? פארגעס גאר נישט, אז דו ביסט, ברוך השם, א בעוויבטער, דערצו נאך אויך עפּיס א יוד, היינט צו וואס פאר-נעהמסט-דו זיך מיט אזעלכע זאכענישן און לעגסט דרינען דעם גאנצען קאפּ דיינעם אריין? למאי נפקא מינה, צי מיט דער לינקע צי מיט ; ער רעכטע פוס קרוגאם, ווי זיי רופען עס דארט עפּיס, וואס מאכט עס אויס?

— ווייס איך? — האט סענדעריל געענטפערט, — מען הייסט קרוגאם, זאל זיין קרוגאם, וואס פאר א דאגה איך האב.

—און אונזער נסיעה, זאג נאר, האסט-דו שוין פארגעסען? גוואלד, אונזער נסיעה, אונזער נסיעה אהין... לינדענוואָרעם, מוילאייזעל, פּיפּערנאטער! — האט בנימין גערעדט צוקאכט.

— מארש, מארש, מארש! — האט סענדעריל געמאכט און געהויבען פיסלעך.

— אז אך און וועה צו דיר, סענדעריל, און צו דיין מארש! פע, מעגסט זיך, כ׳לעבען, שעמען! זאג מיר נאר בעסער, קונדעס איינער, ווען מיר מאכען אונזער נסיעה?

— פון מיינעטוועגען אך! — האט סענדעריל געענטפערט, — אבי מען וועט אונז נאר לאזען.

— וואס טויגען מיר זיי און וואס בעדארפען זיי אונז האבען?— האט בנימין זיך אנגערופען. — אדרבה, סענדעריל, זאג אליין ביי דיין יודישקייט, אז באם דער שונא זאל, חס ושלום, קומען, וועלען דען אזעלכע צוויי איהרע ווי מיר זיך קענען שטעלען איהם אקעגען? און אז דו וועסט איהם טויזענט מאל זאגען. „געה דיר אוועק, אלא נישט מאך איך פוי, פוי! וועט ער דען דיך הערען? פארקעהרט, ער וועט דיך נאר אנחאפּען און דיין גליק וועט זיין, אז דו וועסט לעבעדיג פון זיינע הענד ארויס. גלויב מיר, כ׳לעבען, ווי איך זעה, זענען מיר דא אינ-גאנצען איבעריג, זיי וואלטען גערן געוועזען אונזערער פטור צו ווערען. איך האב אליין געהערט, ווי דער עלטסטער האט זיך איינמאל אויסגעדריקט, אז מיר זענען טאקי נאר א אנשיקעניש, ווען עס זאל אין איהם געווענדט זיין, וואלט ער אונז שוין לאנג ארויסגעטריבען צו אלדי שווארצע יאהר און באמת טאקי, וואס טויגען מיר זיי? איך זאג דיר, סענדעריל, בפירוש,

אז דאָס איז גאָר לכתחלה געווען אַ קרומע זאַך, נישט קיין גלייכער שידוך. מיר טויגען זיי נישט און זיי טויגען אונז נישט. די יודען, וואָס האָבען אונז אין זייערע הענד אריינגעגעבען, האָבען זיכער געמוזט זיי דערצעה־לען אויף אונז, אַז מיר זענען ווילדע גבורים און קענען טכסיסי מלחמה, טאַקי וואָס קענען הייסט. מילא וואָס זענען מיר שולדיג, אַז די יודען האָבען זיי אָבגענאַרט? למאי אונז האָבען די יודען אויך מיאוס אָבגע־נאַרט. מיר זענען דאָך נאָר מיט דער דעה אהער געקומען צפים צונויפמאַ־כען און לאָזען זיך ווייטער אין וועג אריין. פון טכסיסי מלחמה איז כלל קיין מדובר נישט געווען, איך וועל שווערען אפילו אין טלית און קיטעל, אַז דערפון האָט מען אפילו נישט מזכיר געווען. גלאַט חאַפּעניש־גילטניש איז דאָך פּשוט שוין קיין יושר נישט, הערט דאָך שוין טאַקי אויף אַלס־דינג!—קורץ, זיי זענען נישט שולדיג, וואָס מען האָט אונז אָבגענאַרט, און מיר זענען אויך נישט שולדיג, וואָס מען האָט זיי אָבגענאַרט,—שולדיג זענען דאָ נאָר די יודען, די ליגנער, די כלבוניקעס; וואָס האָבעןביידע צדדים אָבגעליגנערט. די יודען, סענדעריל, די יודען, זיי אליין זענען דאָ טאַקי אינגאַנצען שולדיג, קיינעם בעדאַרף מען אין דער זאַך ניט בעשולדיגען, נאָר די יודען, די יודען און נאָך אַ מאָל די יודען!...

— מילא וואָס ווילסט־דו, בנימין, זאָלען מיר טאָן? — האָט סענדעריל געפרעגט.

— איך וויל, האָט בנימין געענטפערט, מיר זאָלען זיך לאָזען ווייטער אויף אונזער נסיעה, אויס כלה און ווייטער אַ מויד! מיר דאַכט זיך, אַז קיינער וועט אונז דאָס נישט פאַרוועהרען, הן על פּי דין והן על פּי יושר טאָהר קיינער נישט אונז פאַרהאַלטען. אַי וואָס, דו האָסט מורא, טאָמער וועט מען אונז פאַרט נישט לאָזען איז דערצו אַ פראָסטע תרופה, מיר זאָלען פונדאַנען שטילערהייט אַוועקגעהן. וועמענס עסק איז דאָס ביי אונז צו וויסען? געזעגענען זיך בעדאַרפען מיר מיט קיינעם נישט.

— איך מיין אויך אַזוי, אַז געזעגענען זיך איז אַ איבעריגע זאַך. האָט סענדעריל געמאַכט, להי אַז מיר זענען פאַר־אַ־יאָהרען אַוועקגעגאַנגען פון דער היים און קיינעם נישט, אפילו ווייב און קינדער נישט געזאָגט חאָטש נאַ... טעבי!

פון דעם דאָזיגען שמיעס אָן האָבען אונזערע פאַרשוינען אָנגעהויבען טראַכטען ווידער פון זייער נסיעה און זיך אַלץ מישב געווען, ווי צו מאַכען פּליטה. און בינימינ'ן האָבען זיך שטאַרק צושפּילט די געבליטען, ער איז געווען שרעקליך אומרוהיג און ארומגעפּאַדעט צוקאָכט, ווי אַ הוהן

וואָס וויל אין וועסנע זך זעצען אויף אייער: ער איז געווען אַזוי פאַר־טיפט אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט נישט געהערט, נישט געזעהן, וואָס אַרום איהם טהוט זיך. איז פאַרביי איהם דורכגעגאַנגען עפּיס אַ עלט־סטער, האָט ער מחמת צוטראַגענקייט נישט אָרָבגענומען דאָס היטעל; האָט ער געהאַפּט אַ פּאַטש אָדער אַ זעץ אין דער פּאָטיליצע, האָט ער אפילו זיך נישט פאַרקרימט, גליך ווי נישט איהם מיינט מען; האָט מען צו איהם גערעדט עפּיס אין עניני־המושטיר, איז איהם נישט אריין אפילו אין דער לינקע פּאה, ער האָט געהערט דאָס וכדומה אַזעלכע זאַכען אַקוראַט ווי אין טשערנאָוויטש די מגילה. ער האָט אין זינען געהאַט נישט מעהר ווי די נסיעה און דער קאָפּ זיינער איז געפלויגען ווייט, ווייט!

איינמאָל שפּעט ביי דער נאַכט, אַז אַלע זעלנער אין דער קאַזאַרמע האָבען געשמאַק געשלאָפען, איז בנימין אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו סענדערלס געלעגער.

— סענדע ... ביסט פאַרטיג? — האָט בנימין שטילערהייט געפרעגט.

סענדעריל האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט דעם קאָפּ, אָנגענומען בנימינ'ן פאַר דער פּאָלע און זענען ביידע שאַ קיטש אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן הויף.

אין דרויסען האָט געבלאָזען אַ וואַרעם ווינטעל, שטיקער שוואַרצע אי ברוינבלויע וואָלקענס האָבען זיך געטראָגען אין דער הויך און זיך געצויגען איינע נאָך די אַנדערע, גלייך ווי מויזנטער טשימאַקעס געהען דאָרט מיט אָנגעלאָדענע פוהרען סחורות, און יאָגען זיך בייצייטענס אָנצו־קומען אין הימעל אויף דעם יריד. די לבנה איז ווי אַ פּריקאָזטשיק אויך געגאַנגען מיט דעם דאָזיגען משונה־לאַנגען צוג פלעגט אויף אַ מינוט נאָר אַרויסשטעקען דעם קאָפּ, אַ קוק טאָן וואָס טהוט זיך אין דרויסען, דערנאָך ווייטער אויף אַ היבשע צייט זיך בעהאַלטען און געלעגען איינ־געגורעט דאָרט ערגיץ אונטער אַ וואָלקענדיגען לאַנטוך. שוואַרץ אָבגע־שמירט ווי מיט סמאָלע.

אונזערע פאַרשוינען האָבען אין דער פינסטער זיך געלאָזט געהן איבער דעם הויף און שטילערהייט צוגעגאַנגען צום פּלויט. זיי זענען אַרויפגעקראָכען אויף אַ באַרג מיט האָלץ אין פון דאָרט איז זיי שוין גרינג געווען אַרויפצוקלעטערן אויפ'ן פּלויט. פלוצלים האָט סענדעריל זיך אַ האַפּ געטאָן און געזאָגט בנימינ'ן אין אויער אַריין:

— אַך, בנימין, איך האָב פאַרגעסען די טאָרבע! זאָל איך מיך אומקעהרען נעהמען די טאָרבע?

— חלילה! — האָט בנימין געבאַכט, — אומקעהרען זיך איז אַ מיאוסע זאַך. אז גאָט העלפט אַ מענשען, העלפט ער איהם אויך אויף אַ טאָרבע.

— עס קומט מיר איצט פיר, האָט סענדעריל געזאָגט, וואָס דער זיידע, רב סענדעריל עליו השלום, האָט מיך געוואָהרענט אין חלום: שטעה אויף, סענדעריל, האָט ער געזאָגט, און לויף פונדאַנען אוועק וואו־הין די אויגען טראָגען! הלוואי זיין זכות זאָל אונז איצונד בײַשטעהן, ער איז געוועזן טאַקי מיט'ן פולען מויל אַ יוד, גאָר אָהן שום מלאכות. די באָבע, עליה השלום, פלעגט אַלץ דערצעהלען....

נאָר איידער סענדעריל האָט זיך געקומען צו דערצעהלען, וואָס זיין באָבע פלעגט אַלץ דערצעהלען פון זיין זיידען, האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול פון אַ זעלנער. וואָס איז דאָרט איז דער זייט געשטאַנען אויף דער וואַך.

אונזערע פאַרשוינען האָבען זיך צוגעטולעט צום פּליימ, איינגעהאַל־טען דעם אָטהעם, געלעגען שטיל, קיין ריהר זיך נישט צוטאָן, און אויסגעזעהן ווי צוויי גרויסע אַלטע שמאַטעס. שפּעטער אביסיל, אז ס'איז ווידער געוואָרען רוהיג־שטיל, האָבען די דאָזיגע שמאַטעס אַרויסגעוויזען אַ סימן פון לעבען און פּאַמעליך זיך אַראָבגעלאָזט פונ'ם פּליימ. זיי זענען געקראָכען אויף די הענד און די פיס און זיך גערוקט פּאַמעליך אַלץ ווייטער ווײַטער, ביז גאָט האָט זיי געהאָלפען אויסצומיידען דעם זעלנער, וואָס אויף דער וואַך, און אַרויסצוקריכען אין אַ געסיל. אונזערע פּאַרשוינען האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, געשטאַנען אַביסיל, צו האַפּען דעם אָטהעם און זיך אָנגעקוקט פרעהליך מיט פייערדיגע אויגען.

— די באָבע, עליה השלום, פלעגט אַלץ דערצעהלען, — האָט סענדעריל אָנגעהויבען צורעדען, — ווי דער זיידע, רב סענדעריל עליו השלום, פלעגט בחייו אַלץ דיינקען פאָהרען קיין ארץ ישראל, פאַר'ן טויט האָט ער זיך אויפגעזעצט און געזאָגט מיט די ווערטער: אויב איך האָב נישט זוכה געוועזן בײַ גאָט פאָהרען קיין ארץ ישראל, בין איך בטוח, אז איינער פון מיינע קינדער וועט דאָרט זיין. דאָס האַרץ מיינע זאָגט מיר איצט, אז דאָס האָט ער געמיינט מיך. הלוואי פון מיין מויל אין גאָטס אויערען אַריין.

נאָר פון סענדערילס מויל אָבער איז גאָר אין אַנדערע אויערען

אריין! קוים וואָס סענדעריל האָט אַרויסגערעדט דעם וואונש זיינעם, האָט פלוצלים איינער אויף מאָסקוויטערש זיי אַ פרעג געגעבען: ווער איז דאָ? און אַז ער האָט נישט בעקומען קיין ענטפער, איז ער געשווינד צוגע-גאַנגען און ווייטער געפרעגט.

די לבנה האָט, צום שלימזול, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונ-טער אַ פינסטערען שטיק חמאַרע און בעלויכטען אונזערע בידנע פאַרשוינען, וואָס זיינען געשטאַנען אָהן לשון, טויט ווי די וואַנד, און דעם עלטסטען זייערען, וואָס האָט זיך שרעקליך געבייזערט, געמאַכט מיט די הענט און זיי, נעבעך, געגעבען אין טאַטען און אין דער מאַמען אַריין.

אין עטליכע מינוט אַרום זענען אונזערע פאַרשוינען געזעסען חי ארעסטאַנטען דאָרט אויף דער הויפטוואַכטע!

ס'איז גאָר נישטאָ אַזעלכע ווערטער צובעשרייבען די שרעקליכע יסורים, וואָס אונזערע פאַרשוינען האָבען געפיהלט זיצענדיג אין גע-פענגעניש. זיי זענען, נעבעך, אַראָב שטאַרק פונ'ם פנים און געוואָרען פשוט אוים מענשען. סענדעריל האָטש פלעגט נאָך שלאָפען און שלאָ-פענדיג האָט ער וועניגסטענס עטליכע שעה נישט געפיהלט די ביטערע צרות, ער פלעגט נאָך אַ מאָל האָבען אַ גוטען חלום, דער ווידע רב סענדעריל האָט עפּים אָנגעהויבען עפּטערס זיך צוזעהן און געטריבען מיט איהם שפּאַס, ער פלעגט קיינמאָל נישט קומען לעדיג: אַ מאָל איז ער געקומען מיט אַ פיילענבויגען, מיט אַ שווערדיל אָדער מיט אַ המנ-קלעפּיל, פלעגט אַ קניפּ געבען דעם אייניקעל ביים בעקעלע און זאָגען מיט אַ שמייבעלע: נאַ דיר, קונדעסיל, טשאַטשקעלעך! שפּיל זיך, שקאָץ, דערמיט, מאַך פוי, פיף, פאַף, סענדעריל!... און אַ מאָל איז ער געקומען מיט אַ דריידעל, זיך געזעצט שפּילען מיט זיין ליבהאַרצעדיגען סענדערוניו. סענדעריל האָט געדרעהט, געדרעהט, געדרעהט, געמאַכט ג' און געוואונען ביים זיידען אַ גראָשען... גוט איז דעם מענשען אי אַ גוטער חלום. די וועלט אינגאַנצען איז דען נישט אַ חלום? בנימין אָבער האָט דאָס אויך נישט געהאַט, עס האָט פון איהם זיך אָבגעטאָן דער שלאָף. ער איז געווען משונה צוטראָגען און דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט ווי אַ קעסעל. ער האָט געזעהן דורך דעם פענסטער, די זון שיינט גאָר מחיה, דאָס גרינע גראָז וואַקסט און שפּראָצט, ביימער צווייטען וואונדער-שען, מענשען געהען, לויפען אַהין און אַהער און פייגעל פליהען פריי אין הימעל. איצונד איז די רעכטע צייט צו וואַנדרע-נויזן גאָר ער זיצט אָבער פערשפּאַרט און קען זיך נישט לאָזען אויף

זײַן נסיעה. ער פלעגט אַזש אונטערשפּרינגען פֿאַר גרױס עגמת נפש, זיך כאַפּען בײַם קאָפּ, אַרומלױפען צודולט און שרײַען, רעדען מיט נ ל: גוואַלד! וואָס האָב איך זיי געטאָן? גוואַלד, גוואַלד! וואָס האָבען זיי צו מיר?....

דאָס פערצעהנטע קאַפּיטעל.

אויס כּלה — ווייטער מויד.

אין דער וואָיענער קאַנצעלאַריע זענען שפּעטער מיט עטליכע טעג, נאָך דער מעשה מיט אונזערע פאַרשוינען, געזעסען אַ סך אָפיצירען אין דער פאָלנער פאָרמע, צווישען זיי דער יענעראַל מיט דעם פּאָלקאָווניק, אין דער זייט נעבען דער טיהר זענען געשטאַנען צוויי זעלנער מיט אַראָפּ־געלאָזענע קעפּ און האָבען אויסגעזעהן ווי אַ מויז, וואָס מען נעהמט אַרויס פון אַ לאַדעשקע זויערמילך. די אָפיצירען האָבען געקוקט אויף די זעלנער זיי בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך צווישען זיך עפּיס גערעדט און אַביסיל אונטערגעשמייכעלט.

— הערסט־דו, סענדעריל, — האָט איין זעלנער שטילערהייט געזאָגט בשעת די אָפיצירען האָבען צווישען זיך געשמיעסט, — איך זאָל וויסען מיין טויט זאָל דאָ אפילו זיין, מוז איך זיי אַרויסזאָגען דעם גאַנצען אמת, איך בין שטאַרק אָנגעלאָדען.

— פון מיינעטוועגען, בנימין, זאָג דיר זיי דעם אמת, — האָט דער אַנדערער זעלנער זיך אָנגערופען, — אויב דו ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב.

— איהר זייט עס די לייט, וואָס האָבען שפּעט ביי דער נאַכט זיך אַרויסגעגנב׳ט פון דער קאַזאַרמע? — האָט דער יענעראַל געפרעגט סטראָגע. — איהר ווייסט, וואָס קומט פאַר אַזאַ שולד.

— אָ-וואַ, אָ-וואַ! — איז בנימין אויף גאָטס בעראטה אַרויס מיט אַ שפּראַכע, האַלב יודיש, פּאַלעווינע רייסיש, און אַנידערגעלעגט אַ שמי-עסיל, אַז חייקיל זאַאיקע, דער בעל-דברן פון טונעיאַדעווקע, האָט געמעגט, כ׳לעבען, זיך בעגראַבען ניין איילען אין דער ערד.

דער יענעראַל האָט אָוועקגעקעהרט דעם קאָפּ מיט אַ געלעכטער, אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד און דער פּולקאָווניק האָט אָנשטאָט איהם אָנגעהייבען צוריידען.

— איהר האָט זיך שטאַרק פאַרדינט, אייך קומט מיאוס צו בעשטראָפען פאַר אַזאַ שולד.

—וואַשע בלאַגאָראָדיע!—האָט בנימין אויסגעשאָסען אויף אַ קול,—חאַפּען מענשען אין מיטען העלען טאָג און פאַרקויפען זיי ווי היהנער אויפ׳ן מאַרק—דאָס מעג מען, און אַז זיי, נעבעך, ווילען ניצול ווערען, דאָס רופט מען אָן אַ שולד! אויב אַזוי, איז דאָך טאַקי הפקר אַ וועלט, און איך פאַרשטעה שוין, אָסור, נישט, וואָס הייסט אַזוינס מעגען און נישט מעגען! אדרבא לאָמיר פרעגען דאָ טאַקי מענשען, זאָלען זיי זאָגען, ווער איז שולדיג. אַ שטייגער, ווי וואָלט געווען. אַז מען זאָל אייך חאַפּען ערגיץ אויפ׳ן וועג און מיט גוואַלד אַריינשטופּען אין זאַק אַריין, נו וואָלט איהר, חלילה, שולדיג געווען. ווען איהר וואָלט מיט אַמצות-כח פונ׳ם זאַק אַרויס? איך זאָג אייך בפירוש, דאָס איז געווען לכתחלה אַ גע-נויטע זאַך, אַ גענאַרעריי, שולדיג זענען דאָ נאָר די יודען, מי יודע וואָס זיי האָבען נאָך אָנגערעדט. מיר זענען אייך מוסר מודעה—זאָג, סענדעריל, זאָג! וואָס שטעהסט-דו ווי אַ גלום? געה אַרויס מיט דעם אמת אויף גאָטס בעראטה. נאָר אָהן מורא און זאָג מיט מיר אינאיינעם: — מיר זענען אייך מוסר-מודעה, אַז פון טכסיסי מלחמה האָבען מיר נישט גע-וואוסט, מיר ווייסען נישט און מיר ווילען נישט וויסען, מיר זענען, ברוך השם, בעווייבטע, האָבען אין זינען עפּיס גאָר אַנדערש און מיט אַזעלכע זאַכענישען קענען מיר לחלוטין זיך נישט אָבגעבען, זיי געהען אונז אַפילו גאָר אין קאָפּ נישט. היינט מילא וואָס טויגען מיר אייך? מיר דאַכט זיך, אַז איהר בעדאַרפט אַליין וועלען אונזערער פּטור צו ווערען.

און באמת איז בנימין טאַקי זעהר גערעכט געווען, מען איז נאָך לאַנג טאַקי גערן געווען, זייערער פּטור צו ווערען. אַז די עלסטע האָבען זיך געווען צוגעקוקט צו אונזערע פאַרשוינען, צו זייער הילוך, צו זייערע פּאַסטעמקעס, צו זייער שמיעס און צו זייערע מאַרשען, האָבען זיי שוין זיך אָנגעשטויסען, מיט וועלכע נפשות זיי האָבען צוטאָן, און פלעגען

נישט איין מאל זיך האלטען ביי די זייטען לאבענדיג. דער כיון פון דער איצטיגער סאבראניע אפיצירען איז געווען צונעהמען אונזערע פארשוינען אויפ'ן פארהער און פריווען זעהן, מיט וועמען זיי האבען א עסק. בנימין מיט סענדערלען האבען דא זיך פארהערט און, ברוך השם, שטארק אויס-געגומען, נאך מעהר ווי געוואונשען, אזוי אז די אלע אפיצירען האבען עפים משונה הנאה געהאט פאר געלעכטער.

— נו, דאקטאר? — האט דער יענעראל געמאכט צו א אפיציר, וואס האט זיך אריינגעלאזט אין א שמיעס און מיט אונזערע פארשוינען זיך שטארק אבגעגעבען.

דער דאקטאר האט אנידערגעלעגט א פינגער אויפ'ן שטערען און געמאכט שאקלענדיג מיט'ן קאפ, גלייך ווי ער וואלט געזאגט — דא פעהלט א קלעפקע!

דער שפיץ איז געווען, נאכדעם אז די אפיצירען האבען צווישען זיך געערעדט און עפים געשריבען, האט מען געהייסען אבלאזען אונזערע פארשוינען פריי פונ'ם דינסט.

— געהט אייך, האט מען צו זיי געזאגט, געהט אייך געזונטערהייט!

בנימין האט זיך זעהר שען געזעגענט מיט א פארבייג און זיך גע-לאזט אוועקגעהן.

סענדעריל האט ווי א זעלנער געהויבען פיסלעך און נעגאנגען נאך איהם מיט א מארש.

דער פּריזיוו 10 ב.

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

צעהנטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערלאַג: געזעלשאַפט „צענטראַל“ וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1 9 2 8

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

דער פּריזיוו

אַ דראַמע אין פינף אַקטען

פערלאַג „מענדעלע" וואַרשא

1928

DRUKARNIA I LITOGRAFIA
„Z N I C Z"
Warszawa, Ś-to Jerska 36.

דער פריזיוו

„דער פּריזיוו״, אַ דראַמע אין פינף אַקטען, איז ערשיענען צום ערשטען מאָל אין פּעטערבורג 1884. צווישען דעם „פּריזיוו״ און „מסעות בנימין השלישי״ (וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין 1878) איז געווען אַ הפסקה פון 6 יאָהר, ווען מענדעלע מוכר ספרים איז געווען ווי אָבגעריסען פון דער אַרומיגער וועלט. אין דער ווידמונג, וואָס קומט אין אָנהויב פון׳ם „פּריזיוו״, זאָגט מענדעלע: „די צרות אין דער לעצטער צייט האָבען מיר פערשטיינערט מיין האַרץ, אַזוי אַז די צונג האָט מיר זיך נישט געלעגט צו רעדען און די האַנד צו שרייבען אַ וואָרט״... אָט דער שווערער פּעריאָד אין מענדעלעס לעבען איז נאָך ביז היינט צו טאָג נישט גענוג אויפגעקלערט. עס זענען געמאַכט געוואָרען ביז אַהער פערשידענע השערות, ס׳זענען אָנגעגעבען געוואָרען סבות, אָבער זיי זענען נאָך, משמעות, נישט אַלץ. מענדעלע׳ס נאָהענסטער פריינד י. ל. בינשטאָק האָט, אין זיין ביאָגראַפיש-קריטישען אַרטיקעל צו מענדעלעס 25 יאָהריגען יובילעאום אין יאָהר 1894, דערמאָנט וועגען אָט די שווערע אומשטענדען און ער שרייבט: „פון יאָהר 1877 ענטשטעהען אינ׳ם לעבען פון ש. י. אַבראַמאָוויטש, צו וועמען דער שיקזאַל איז קיינמאָל נישט געווען איבעריק גנעדיק, אַזוינע אומשטענדען, וואָס נעהמען ביי איהם אָב יעדען חשק צו ליטעראַרישע אַרבייט. צו רעדען אויספיהרליך וועגען יענע אומשטענדען האַלטען מיר פאַר איבעריג און אומפּאַסענד״ [1]

1) „וואָסכאָד״ 1884, XII. זע די אַרטיקלען פון ש. ל. ציטראָן און ש. גינזבורג אַלע ווערק פון ממו״ס באַנד XXI.

אַרומערעדענדיג יענעם פּעריאָד אין מענדעלעס לעבען און בעהאַנדלענדיג די בריעף פון מענדעלען צו י. ל. בינשטאָק׳ן פון יענער צייט, שרייבט ש. גינזבורג: „כאָטש עס זענען גאַנצע 40 יאָהר פאַריבער זייט בינשטאָק האָט געשריבען זיין אַרטיקעל (גינזבורג׳ס אַרטיקעל איז געדרוקט געווען צוערשט אין „צוקונפט״ אין יאָהר 1923), פונדעסטוועגען איז נאָך אַפילו איצט נישט געקו=מען די צייט צו רעדען אויספיהרליך וועגען די אַלע אומשטענדען, וואָס האָבען אין פערלויף פון יאָהרען געדרוקט אבראמאָוויטש׳ן און שיער נישט געמאַכט פון איהם אַ תל. מיר וועלען נאָר אָנווייזען, אַז אַ חוץ וואָס ער האָט אין יענער צייט פערלוירען זיין טאָכטער ראַשעל (אַ יונגע, זעהר בעגאַבטע קינסטלערין), וואָס זיין איינציגער זוהן איז מחמת פּאָליטישע סיבות אַרעסטירט און דערנאָך אויף עטליכע יאָהר פערשיקט געוואָרען, זענען געווען נאָך אויסערליכע שווערע אומשטענדען, אויך פאַמיליע=אָנגעלעגענהייטען, וואָס האָבען איהם זעהר טיעף געריהרט צוגלייך אי אַלס מענש, אי אַלס יוד— און ביי אַלע צרות, וואָס האָבען זיך נאָכאַנאַנד ווי פון דער „תוכחה״ געשאָטען אויף אַבראַמאָוויטש׳ן — האָבען אויף לאַנג פולשטענדיג פּאַראַליזירט זיין שאַפונגס=פעהיגקייט״.

אין אַ בריעף, וואָס מענדעלע האָט אין יענער צייט, אין 1881 געשריבען צו בינשטאָק׳ן, געפינען מיר צווישען אַנדערען אַזעלכע שורות: „איך שטרעק אויס די הענד, שריי און רוף צו אייך, מיינע טייערע פריינד, איך וויל אויך אויסוויינען מיין האַרץ, איך וויל אויסגיסען מיין שווער, ביטער געמיט און אויך אַרויסזאָגען מיינע שרעקליכע ווייטאָגען, אַרויסווייזען מיינע בלוטיגע וואונדען, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג בעקומען, איר זאָלט זיי מיר אָבנעצען מיט אייערע וואַרעמע טרערען, זיי צובשפרעכען מיט אייערע טיעף פונ׳ם האַרץ אַרויסגייענדיגע ווערטער... מיר האָרעווען, אַר=בייטען און בייטען אויס אונזער מיה, אונזער שווייס אויף פּאַפּיר=לעך. מיר האָבען קינדער, פריינד, וואָס אין זיי הענגט אונזער לעבען, און מיר בייטען זיי לסוף אויך אויס אין פּאַפּירלעך, זיי אַליין ווערען דערווייטערט, צוזייט, צושפרייט, און אָנשטאָט זיי האָבען מיר זייערע פּאַפּירלעך — שטומע בריעפלעך. נאַרישער

מענש, זיגדיגער מענש! דיין לעבן, דיין מיה, דיין גאַנצע אַרבייט, דיין פריינד, דיין תענוג אין קינדער, אין פריינד — אַלסדינג איז פוסטע חלומות, זייפענבולבעס און פוילע פאַפּירלעך. ביי מיר איז אַצינד אַ צייט, וואָס מיינע קינדער, מיינע בעסטע פריינד זענען אויסגעוועקסעלט פון מזומנים אין פאַפּירען. במזומנים האָב איך גאָרנישט, נאָר לויטער צרות, אַ האַרץ מיט מכות און יסורים!"

אין 1881 איז מענדעלע אַריבערגעפאָהרען קיין אָדעס און אַדאַנק די ווירקונג פון זיינע פריינד, האָט מענדעלע זיך געשטאַרקט, גובר געווען די אַלע מכות און יסורים און זיך גענומען ווידער צום שאַפען. וועגען דעם רעדט מענדעלע אין זיין ווידמונג צו זיין פריינד, וועמען ער ברענגט אַ מתנה דאָס ווערק.

„דער פריזיוו" איז אָנגעשריבען אינ'ם פעריאָד נאָך די פאָגראָמען פון די 80-ער יאָהרען. אין די הערצער און מוחות פון דעם גרעסטען רוב יודישע שרייבער און טהוער איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע איבערקערעניש. ס'קומט די גרויסע ענטוישונג אין די השכלה-אידעאַלען און אַ נאַציאָנאַלע, נאַציאָנאַליסטישע שטימונג האָט אַלעמען באַהערשט. „מענדעלע האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין אַלטער טעמע" — שרייבט ש. ניגער [2]). מענדעלע אַליין אין דער ווידמונג צום „פריזיוו" זאָגט: „הגם דאָס יודישע לעבען אונזערס איז אַצינד באַדעקט אַרום און אַרום מיט שוואַרצע, געדיכטע כמאַרעס, שטורעמווינטען בלאָזען פון אַלע זייטען, אומעטום וויסט, עלענד, טרויעריג אַ שרעק"... דאָך „האָט מיך עפּיס געצויגען אַהין, אין יענעם ווינקעל פונ'ם יודישען לעבען, וואו עס געפינען זיך מיינע אַלטע בעקאַנטע פאַרשוינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערצעהלען משונה ווילדע, וואונדערליכע מעשיות. עס האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט ווידער צו מיינע לייט."

„אין „פריזיוו" — זאָגט ש. ניגער — איז דער ריין-קינסט-לערישער הומאָריסטישער טאָן פון „מסעות בנימין השלישי" נישט שוואַכער, נאָר שטאַרקער געוואָרען... אַ פובליציסטישע טענדענץ, און אַ שטאַרקע טענדענץ, איז פאַרהאַן אויך אין „פריזיוו", צַבער

2) ש. ניגער — וועגען יודישע שרייבער ב. 1, ז. 62.

עס פיהלט זיך אַ שטרעבונג צונויפצופּאָרען זי מיט דער קינסטלערי־ שער וואָרהאַפּטיקייט... די עצם אינטריגע פון דער דראַמע איז, ווי אָפּט ביי מענדעלען צופעלינ, געקינצלט. דערפאַר אָבער די פאָלקס־ טימליכע פאַרשוינען, ווי אַ שטייגער פייבוש גאָטסוואונדער דער לאַנד־שדכן, מענדעל דער משרת, דוואָסי די קיך־מויד, שמואליק דער אויסגעדיענטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט א. א, — אַלע זיי שפּראָצען מיט זאַפט און לעבען".

די פאַרשוינען.

שמחה מאַריאַשעם, אַ בעל טאַקסע.

שפרינצע. זיין ווייב.

רייזעלע. זייער טאָכטער.

זלמן קריסטאל.

זעלדע. זיין ווייב

אלכסנדר. זייער זוהן. אַ בן יחיד. רייזעלעס חתן.

ר' יוחנצע. דעם רב'ס

האסקיל. זיין זוהן.

חינקע. האסקילעס ווייב.

פייבוש. גאָטסוואונדער. אַ לאַנד שדכן.

מענדיל. א משרת ביי } שמחה מאַריאַשעס

דוואסיע. א קיך־מויד }

שמואליק. אַנ'אַלטער, אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט.

הערשעלע. אַ יונגער סאָלדאַט.

גיסיע. הערשעלעס ווייב, שמואליקס אייניקעל.

ר' אליה. גלאַט אַ יוד.

איציק דער קרעמער.

ליפּע דער חלפן.

די מוהמע אחן א נאז. אַ גבאי'טע.

דאס קליינע כלי־זמריל

גידים. פיינע יודען, בעלי־טובות, ווייסע־חברה, פורים־שפּילער, אַנעולם מאַנספּילען, ווייבער און סאָלדאַטען.

מיין טייערער משה!

די צרות אין דער לעצטער צייט האָבען פערשטיינערט מיין האַרץ, אַזוֹי אַז די צונג האָט מיר זיך נישט געלעגט צו רעדען און די האַנד צו שרייבען אַ וואָרט. דאָס איז אַזאַ שווייגען, וואָס מאַכט זיך מיט אַ מענשען ווען שטאַרקע יסורים טרעטען־צו מיט אַ מאָל און קאָסט איהם געזונט און לעבען אַ סך מעהר ווי קרעכצען און וויינען מיט בלוטיגע טרעהרען; וואָס אויב אַזעלכעס געדויערט אָהן עפּיס אַ הילף פון דער זייט, איז מען אין אַ גרויסער סכנה צו ווערען אוים מענש. דו, טייערער פריינד, האָסט געפיהלט מיין ביטער געמיטה, האָסט פערשטאַנען, דז איך צאַנק און געה אוים ווי אַ ליכט, און זיך גענומען אַרויסצושלאָגען מיר די מרה־שחורה פונ׳ם קאָפּ. דו האָסט איבער מיר גערעדט און גערעדט און פון דיינע רעד איז מיר אַראָב דער שטיין פון האַרץ. עס האָט אין מיר זיך געעפענט אַ פרישער קוואַל הייסע געפיהלען און מיך עפּיס אַ ברען געטאָן אויסצוגיסען זיי אין ווערטער פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס איז יענער ברען, וואָס וועקט אין וועסנע אויף דאָס בעטריבטע, פערוואָגעלטע זומערפייגעלע, ערגיץ אין דער פרעמד, צוריקצוקעהרען זיך ווידער אַ היים צו זיין נעכט און צו זיין פריהערדיג שטייגער לעבען... און הגם דאָס יודישע לעבען אונזערס איז אַ צינד בעדעקט אַרום־און אַרום מיט שוואַרצע, געדיכטע חמאַרעס, שטורמווינטען בלאָזען פון אַלע זייטען, אומעטום וויסט, עלענד, טרויעריג אַ שרעק — איז מיר באַלד ביי מיין אויפחאַפּען זיך נאָך אַזאַ לאַנגען שטיל־שווייגען, אויפ׳ן האַרצען דאָך געווען עפּיס גוט. עס האָט מיך עפּיס געצויגען אַהין, אין יענעם ווינקעל פונ׳ם יודישען לעבען, וואו עס געפינען זיך מיינע אַלטע בעקאַנטע פּאַרשוינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערצעהלען משונה ווילדע,

וואונדערליכע מעשיות. עס האָט מיר שטאַרק זיך געגלוסט ווידער צו מיינע לייט; קינות, יאָמער און קלאָג אויף דער יודישער שלעכטער לאַגע—אין דער זייט, מיר איז געלעגען מיינס אין זין. שפילען אַ וויינענדיגם ווען איך, נישקשה, נישט פערזאַמען שפעטער. מיט צרות האָבען יודישע קינדער, ברוך השם, קיין דאַגה נישט. צרות אַלערליי האָבען זיי געהאַט מיט עטליכע טויזענט יאָהר צוריק, צרות אַזעלכע האָבען זיי אַצינד און ווען די אַלע צרות וועלען האָבען אַ עק, ווייסט נאָר איין גאָט אַליין וואויל. און דערווייל איז מען דאָך פאָרט נישט מעהר ווי אַ מענש, אַ בשר־ודם. עס גלוסט זיך פאָרט אַמאָל אַ קוק טאָן אין דער זייט, אַ לאַך טאָן, אַ שפיל טאָן און טאַקי חאַפּען הינטערוויילכס אַ טענציל אויך.—מיינע אַלטע פאַרשוינען האָב איך געטראָפען, ברוך השם, אלע פריש און שטאַרק מיט זייערע אַלע אַלטע קאַפּריזען און משונה׳דיגע גענג: זיי פּרוכפּערען און מעהרען זיך, מאַכען זיך אַ מאָל נאַריש און רייסען זיך ביי די נעז איבער אַ שפּילכען אַזוי ווי פריהער. די וועלט, נישקשה, בלייבט אַ וועלט.... מיר האָבען איינער דעם אַנדערען באַלד דערקענט און גאָר אָנגעקוואָלען, וואָס, געלויבט איז גאָט, מען זעהט זיך געזונטערהייט. איך האָב זיי אָנגעקוקט מיט גרויס הנאה, גוט בעטראַכט פון אויבען ביז אַראָב און גיב אַצינד אַרויס אַ בעשרייבונג פון אַ טייל נאָר פון זיי אין דעם דאָזיגען בוך.

דו, מיין ליבער משה, האָסט געפּענט מיין פערשטיינערט האַרץ, דורך דיר איז די דאָזיגע ווערק מיינע נולד געוואָרען און דיר ברייננ איך עס דעריבער במתנה. אויב אַנדערע וועלען דיר זאָגען דערפאַר אַ יישר־כח, דאָס ווייס איך נישט. איך פון מיין זייט אָבער דאַנק דיר דאָ פאַר אונזער גאַנצען עולם דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך דערמונטערט, געטרייסט און געשטאַרקט מיט דיינע קלוגע און גוטע רעד.

דיין געטרייער פריינד נאָך פון די יונגע יאָהרען

דער מחבר.

אָדעססא, 5 יוני, 1884.

ערשטער אַקט

ביי שמחה מאריאַשעס אין הויז

ערשטע סצענע.

נייטאָרינס מעסטען שטיקלעך וועביל, שפרינצע און פייבוש.

נייטאָרינס. צו צוויי און פופציג אַרשין און נאָך מיט אַ עודף. אויב איין שניט, אָהן געסטקעס און איינזעצלעך פון באַטיסט, וועט אויסגעהן צו פופצעהן העמדער. אָבער העמדער, שררות׳שע! גאָר אַנטיק פון וועביל, דין ווי אַ רויך און פעסט ווי אייזען. (זיי רייסען) אין אַ גוטער, מזלדיגער שעה! אייער רייזעלע זאָל טראָגען און צורייסען געזונטערהייט.

שפרינצע, אמן, אמן, רבונו של עולם! — פאַרגעסט זשע נאָר נישט קיין צוויקלעך, מאַכט עס, איך בעט אייך, גוט. וויפיעל האָב איך גאָט געבעטען, מיין רייזעלען חתונה־קליידער דערלעבען צונייהען. מיר פאַר איהר קאָפ! וואָס ווייסט זי־הר, וואָס זי איז פאַר אַ גאָלד.

נייטאָרינס. זאָל איהר לויכטען אַזוי דאָס מזל, ווי זי לויכט און שיינט. דער חתן, נישקשה, מעג אָנקוועלען וואָס צו איהם אין די הענד פאַלט אַריין אַזאַ בריליאַנטענע כלה מיט גילדערנע מעלות און מעשים טובים. קינדערלעך, אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך זאָלט איהר מיט אייער מאַן, שפרינצעניו, פון איהר דערלעבען גרוים נחת און

פיעל גוטס. וואו איז זי ערגיץ, די כלה? לאָמיר איהר חאָטש צו־ווינשעווען.

פ י י ב ו ש (אַריינקוקענדיג) אַ, גאָט העלף, שפּרינצעלע! (ער קוקט זיך אַרום, לענט אַריין די האנד אונטערן קאָלנער און טהוט זיך אַ קראַץ) אַ פּנים טאַקי, אַז מען זוכט געפינט מען. עס האָט מיר עפּיס געצויגען דאָס הארץ. הא, וואוהין געצויגען? צו שפּרינצעלען, שפּרינצעלען! בין איך געקומען און געפונען טע־טע־טע... אַקוראַט, כ׳לעבען, ווי געוואונשען.

שפּרינצע. טאַקי אַט וואָס הייסט אַ שדכן, אַ גוטער פריינד. איהר האָט, נישקשה, אַ חוש הריח און טרעפט תמיד, ווען צו קומען.

פ י י ב ו ש. אויב פייבוש האָט אַ חוש הריח! פון וואַנען וואָלטען איך גענומען די אַלע זיווגים, ווען נישט דער חוש הריח? אויף אָנ־שמעקען איז פייבוש ברוך השם אַ בריה, איינער אין דער וועלט. (ער סבאָרעט מיט דער נאָז) וואַרט, עפּיס שמעק איך אַצינד... עס שמעקט דאַכט זיך, עפּיס אַזוי ווי לעקעך און בראַנפען.

ש פ ר י נ צ ע. גערעכט, כ׳לעבען! אַצינד קומט טאַקי לעקעך און בראַנפען. (זי נעהט צו דער שאַפע).

פ י י ב ו ש (צו די נייטארינס) ביי מיין יודישקייט! אַזאַ שפּרינצעלע איז נישטאָ, מען זאָל ווייט די וועלט אומזוכען. וואָס זאָגט איהר, ווי זי שטויסט זיך אָן. — (שפּרינצע שטעלט אויפ׳ן טיש אַטאַץ מיט לעקעך און אַ פלאַש בראַנפען מיט קעלישקלעך).

נ י י ט אָ ר י נ ס. (צונויפגעהמענדיג די שטיקלעך וועביל אין אַ פּעקיל) זייט גע־זונט, שפּרינצע!

ש פ ר י נ צ ע. נאָט אַייך חאָטש צו שטיקלעך לעקעך. אפשר וועט איהר אַיינטונקען אין אַביסעל בראַנפען? — ניין! נו געהט זשע געזונטערהייט. למען השם, צוויקלעך, עס זאָל, חלילה, איבער אַ צוויקעל אַ העמד נישט קאַליע ווערען (די נייטארינס געהען אַרוים).

פ י י ב ו ש (דרעהט דעם שפּיץ בערדיל, קוקענדיג אויפ׳ן פלאַש בראַנפען) טריי־טריי־ריי, הים—הים.

ש פ ר י נ צ ע. מאַכט־זשע ברכה, ר׳ פייבוש, וואָס שטעהט איהר?

פ י י ב ו ש. עט... ברכה, מהיכא תיתי, זאָל זיין ברכה (ער גיסט אָן אַ קעלישעק און נעהמט אין דער האַנד) לחיים, שפּרינצעלע!... עס זאָל זיין ווי מיר ווינשען. דער זיווג זאָל עולה יפה זיין און מיר זאָלען

הנאה האָבען... ביז דער חתונה איז נישט ווייט און דענסטמאָל מוז איך בלי נדר געבען שבת פאַר דער מחותנתטע און געה מיט אייך אַ קאָזאַק. (ער טרינקט).

שפּרינצע. אוי רבונו של עולם! אוי לעבעדיגער פאָטער, טאַטע רחום, צדיק!

פייבוש. אַי, פע, שפּרינצעלע, וואָס איז דאָס פאַר אַיין אוי? אַ חתן האָב איך אייך גענעבען טאַקי נאָר קפּריסין, מיט אַלע מעלות, און איהר.....

שפּרינצע. ניין, ר' פייבוש, חלילה, נישט דאָס, נישט דאָס....

פייבוש. ניין, איך וויל גאָר נישט הערען, לאָזט זיך דינען. אַבגילטען בין איך ווערטה זאָל מען מיך פאַר אַזאַ שידוך. נאָט אייך אַ דרייער פאַר יענע פלאַסקעדריגעס. עפּיס אַזאַ חתן ווי אלכסנדר וואַלגערט זיך אויפ'ן מיסט! איהר ווייסט, וויפיעל מען וואָלט היינט פאַר איהם געגעבען? אַזאַ געלערענטער, אַ בריה, טע-טע-טע...

שפּרינצע. דאָס פערשפּאָרט איהר מיר גאָר צוזאָגען. ווער נאָך אַזוי ווי איהר ווייסט, ווי איך האָב מיך געלייגט אין דער לייננ, אין דער ברייט ביז מיין שמחה האָט געמוזט דעם שידוך איינוויליגען. אַ קאַטאָוועס בין איך פון מיינעם אויסגעשטאַנען! אי נאָך היינט חאַפּט ער זיך אַ מאָל אַרוים אַקעגען מיט אַ וואָרט.

פייבוש. אַוודאי, כ'לעבען, מעג אייער ר' שמחה אויף אייך, אויף מיר זיך בלאָזען! אַ פּנים, ער ווייסט, וואָס הייסט היינטיגע צייטען אַ בתולה. ווי איהר קוקט מיך אָן, שפּרינצעלע, בין איך שוין אין דעם ברוים, האַ, פאָרט וויפיעל מיינט איהר?... ווי די מעשה איז, עס האָט זיך ביי מיר גערעדעט, אַהער אַ דרעה, אַהין אַ דרעה, עס האָט זיך גערעדעט און היינט, זאָג איך אייך (ער קוקט אויפ'ן פלעשיל בראָנפען) ווי דאָס איז אַ שהכל, אַז ס'איז פע, חלשות! וואָס איז היינט אַ מיידיל? עס ווערט אַזש טרוקען אין האַלז ריידענדיג.

שפּרינצע. נעהמט אַ ביסעל בראָנפען, ר' פייבוש. לאָזט זיך נישט בעטען.

פייבוש (קווינקעלט זיך) טאַ, וואָס קען עס שאַדען. איך וועל אייך צוליב טאָן (ער טרינקט) יאָ, פע, פע, בנאמנות! — קנישעס, אַ שטיי-גער, קענט איהר זעהר גוט מאַכען, וואָס טהוט איהר, שפּרינצעלע? איהר נעהמט קעז, טייג און קלעפּט אוים גאָר אַ וואוילען קניש. ביי

מיר אָבער קלעפּט זיך די צייטען נישט. ס'איז דאָ אַ בתולה, אַ בחור, דאַכט זיך אַ שידוך, און עס קומט פּאָרט אויס אַ קאַטער. פּאַר וואָס, ווילט איהר וויסען. זאָגט זשע מיר, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, וואָס איז דער פּאָסטערנאַק נאָך דעם ערשטען דונער? פּוגרדאָסט, מחילה, חלשות. אָט האָט איהר אייך דאָס שדכנות נאָכדעם, אַז ביי אונז האָט זיך אָנגעהויבען די בילדונג־שמילדונג. עס האָט אינגאַנצען פערלוירען דעם טעם. בתולות זענען אָהן עין הרע אָנגעזעצט, ווילען נעבעך, חתונה האָבען און חתנים זענען ווי אויסגעטריקענט געוואָרען. די זענען געבליבען סטיפּונעס, האַרטע רעטיך ווי דעמב, יענע ווילען, חתונה האָ־בען גאָר אויף אַ נייעם שניט, עפּ׳ס מיט איבער־הסברות, און אַזעלכע וואָס לאָזען זיך שוין יאָ ריידען שידוכים, קוקען נאָר אויף דער מטבע, הייסען זיך אָבגילטען. טפו זאָל עס ווערען! מען מוז נעהמען אַביסעל בראָנפען, חאַטש עס ווילט זיך נישט, לאָמיר זיין געזונט, שפּרינצעלע! (ער טרינקט).

שפּרינצע. לאָז אייך וואויל בעקומען. עסט אייך פונדעסטוועגען נישט אָב דאָס האַרץ. ר' פייבוש. נישקשה, די וועלט איז נאָך נישט חרוב געוואָרען. אַזוי לאַנג דער זינדיגער מענש לעבט, מוז מען חתונה האָבען. חתנים, נישקשה, וועלען זיך געפינען.

פייבוש. חאַפּט זיי דער וואַטעל־מאַכער! אַוודאי מעג גיך אייער מאַן בלאָזען. פערצוקערן וואָלט מען דאָך היינט אַזאַ חתן ווי אַלכּסנדר. אַ געלערענטער און דערצו נאָך אַ בן יחיד. איהר פאַרשטעהט, וואָס הייסט היינט אַזוינס אַ בן יחיד! זינט דער פּריזיוו איז אַ מינדסטער לי־גאָטניק אַ גרויסע מציאה, אַ קאַלעקע, אַ בעל־מום — יקרות־טייער. אַ פּערכיל, מחילה, איז אַ מתנה פון זיין ליבען נאָמען, גאָלד און זיל־בער. ווען האָב איך צעהן אַזעלכע בעל הבתישע, טע־טע־טע־טע!... זינ־דיגט זשע נישט, שפּרינצעלע, אין מאַכט, כּ'לעבען, נישט קיין אוי.

שפּרינצע: איך זינדיג נישט, חלילה. איך אויקע נאָר אַ מאָל, ווי דערלעב איך שוין איבערקומען דעם היינטיגען פּריזיוו און רייזעלעס חתן זאָל שוין זיין פריי. ער איז טאַקי אמת אַ בן יחיד, נאָר גע־ווייס, וואָס קען זיך נאָך מאַכען.

פייבוש: איהר רעדט, האָט מיר קיין פּאַראיבעל נישט, ווי אַ ליטוואַק, וואָס גלויבט נישט, ביז ער צעהלט נישט איבער. איהר האַלט, אַ פּנים, שפּרינצעלע, משכון בבית — שלום בקעשענע. (הינטער דער טיר הערט זיך אַ קול: בעל הבית'טע, בעל הבית'טע!)

שפרינצע. בלייבט נאָך, בלייבט, ר' פייבוש, מיר וועלען נאָך שמועסען. איך געה נישט אויף לאַנג (זי געהט אַוועק).

צווייטע סצענע.

פייבוש, דערנאָך דוואָסיע

פייבוש. וואָס פעהלט מיר, דאַכט זיך, וואָס גייהט מיר אָפּ? זיץ מיר צולעגט דאָ אויפ'ן שטול. ווי ביים טאַטען אין ווייןהויז, אין שכנות מיט לעקעך און אַ פלעשיל בראַנפען, איינער אַליין!... (ער גיסט אָן אַ כוס קוקענדיג אויפ'ן פלעשיל מיט אַ שמייכעלע) לחיים, פייבוש! גאָטוניע זאָל געבען, דאָס רעדיל זאָל זיך דרעהען (ער טרינקט געשווינד אויס), עך, האָט זיך עס אַמאָל ביי מיר געדרעהט, געדרעהט, יודען האָבען זיך געחאַפּט גיכער, גיכער התונה צו האָבען. ס'איז געווען פרנסה. און היינט... וואָס מיר היינט... (ער גיסט אָן אַ כוס, טהוט אַ זופּ און שפּייט אויס) פּע! היינטיגע בתולות, בחורים, משטיינס געזאָגט!... עפּיס איז זיי גאָר נישט איינצובייסען. אַלץ אַליין, אַליין, אפילו שידוכים אויך אַליין צוויי=שען זיך, מיט דער מאָדע, מיט דער פּאָליטיקע. מיין קאָפּ זאָל אַזוי נישט קרענקען, ווען רייזעלע מיט איהר חתן זאָלען איינער אין דעם אַנדערען זיך נישט פערליאַפען, אויב איך וואָלט עפּיס געפּועלט. גלאַט זיי האָבען זיך אָנגעשמעקט און דרינען גאָר אונטערגעשטופּט. אַ גוטע וועלט, כ'לעבען, אַ שענע רייזעלע!... שענע בתולות, פיינע בחורים די היינטיגע, שפּאַרען שוין אָן אין בעל=הבתישע ערטער אין גאַנץ יודיש=ליכע הייזער! געה לעב, האָב פּרנסה פון אַזעלכע (ער דערגיסט דעם כוס מיט אַ שמייכעלע) הנני מוכן ומזומן לקיים כוס שלישי, עט, נישקשה, בטחון, בטחון!... לאָזען נאָר, גאָטיניו, דיינע יודעלעך אַביסעל קומען צו זייערע קרעכטעז און זיך פרוכפּערן און מעהרען, דענסטמאָל קנאַק איך מיט דער בייטש משאַקענדיק, אַרויסשטעקענדיג דער וועלט צעהן פייגען.

(ער טרינקט מיט אַמאָל אוים און פערקריכט זיך) ביטער! לעת עתה האָב איך אַפייג. עס דרעהט זיך, דרעהט זיך דער קאָפּ. אַביטערע, ביטערע צייט. (ער קוקט אַוויילע שטיל, שאַרף אין פלעשל) דרעה מיך אַהין, אַהער... צאַפּעל זיך.... דאָ אין דער משקה. צעהן פייגען, חע־חע־חע! וועמען שטעק פון דאַנען? איך מיר אַליין טאַקי אַרוים. קוקו! נאָ, אַפייג, אַפיי... (ער לאָזט אראָבהייגנען דעם קאָפּ אין שפּאַרט אָן מיטן, שטערען דעם טיש. פונ׳ם קאָרידאָר הערט זיך אַביזוערן. דוואָסיע לויפט אַריין נעשווינד. פערקאַטשעט די אַרבעל בית די עלענבויגענם מיט א באַרשט אין דער האַנד).

דוואָסיע. נו אַטאָג! אַבייזע מהומה אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ. עס שטעלט זיך היינט דער גוטער טאָג. די בעל הבית׳טע קאָמאַנדעוועט, הוא הא, האַ הוא! און דער בעל הבית פערקרימט זיך ווי סרעדאַ נאַ פיאַטניצאַ, איז עפּים אויף דער לינקער זייט היינט אויפגעשטאַנען. און צו וועמען לאָזט זיך עס אינגאַנצען אוים? צו דוואָסיעם קאָפּ! דוואָסיע — דאָס, דוואָסיע — יענץ, דוואָסיע — אַהין, דוואָסיע—אַהער. דוואָסיע, שונא ציון, צעריים דיך. דוואָסיע, שפּרינג אוים דער הויט!... אָט האָסט דו דיר...

פייבוש (ווי פונ׳ם שלאָף צוצווינגען מיט אַ גענייץ) אַפייג!

דוואָסיע (אַרומקוקענדיג זיך פערוואונדערט) טפו! וואָס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט...

פייבוש (משובעט זיך) בחורים, פיינע בחורים...

דוואָסיע. אַלשון אַביסעל!

פייבוש (אויפשטעהענדיג) אַזוי, שפּרינצעלע, ווי, מחילה, אַזאַ ליטוואַק....

דוואָסיע (אין דער זייט) ווי, מחילה, אַשכור!

פייבוש (אויסקנאַקענדיג זיך די ביינער מיט אַשמייכעלע) הע, פע! אַגוטען!... אויף דער חתונה, אם ירצה השם, געהען מיר, בלי נדר, ביי אַ קאָזאָק. (ער געהט אַרוים).

דוואָסיע (פערקרימענדיג זיך) אָט צוואָג איך מיך!...

דריטע סצענע

דוואסיע, דערנאך מעני.

דוואָסיע (שטעהט און בעטראַכט איטליכס ווינקעלע, שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ) וואָס דאָ טהוט זיך אַביסעל!... אומעטום ברעקלעך, שטיקלעך נאָר ווי אין אַ הקדש, — טפו! אַז רייזעלען גלוסט זיך חתונה האָבען, איז ווער שולדיג? דוואָסיע! געה קעהר, ראַם. דו נאָר בינסט אַ מענש און יענער, כ׳לעבען, האָט גאָר קיין נשמה נישט. אוי, דערבאַרמדיגער גאָט. לאָמיך היינטיגעס יאָהר אויך עפּיס אויפגעריכט ווערען. שוין צייט, צייט, כ׳לעבען! (זי נעהמט זיך קעהרען, זינגענדיג דערביי פאר זיך צוזינגען אונטער דער נאָז).

אויפ׳ן פּריפּעטשיקעל ברענט אַ פייעריל
און אויסען קוימענדיל געהט אַ רויך,
אַז איך דערמאָן אין מיין בעשעהרטען זיך,
פאַרליהר איך, אוי, דעם קאָפּ און דעם מוח.

אין דרויסען געהט אַ רעגענדיל,
אין שטיבעלע איז זיך פאַרנע,
אויף דער גאַנצער וועלט איז אַ פרייד
און מיר איז ביטער און מאַרנע.

(פונ׳ם קארידאר הערט זיך אַ געשריי: דוואָסיע! דוואסיע!)

דוואָסיע (פאר זיך). אַ, אויף די צייהן! אויף די צייהן! אַ קול אַביסעל ווי איין עשו (זי רופט זיך אָן) אָט געה איך, געה! (אין דער טיר שטעקט זיך אריין אַ קאפּ פון עפּיס אַ יודענע. דוואסיע שושקעט זיך מיט איהר און אין דער געשושקעריי האפּען זיך ביי איהר אַרויס ווערטער הויך אויף אַ קול) אַזוי? אויף היינט אין אָוועגט האָט איהר איהם ביי זיך בעשטעלט?... גוט, עלקע!... איך וועל מיך זעהן אויסרייסען. האַ, וואָס? שבת׳דיג זאָל איך מיך אָנטאָן?... נו, נו!.... אַ שענער?.... גוט, גוט, עלקע... איך וועל קומען... געהט

געזונד... (זי נעהט אַרויף איבענאָן צו) אַ יונגער־מאַן גאָר אַ וואוילער. אַ קאָפּ גאָר אַ פאַנקוכען, אַ פּאָר באַקען ווי צוויי פּעטע, פּערברוינטע חרעמזולעך, אַ גיידעריל ווי אַן׳אָנגעפילט העלזיל. מחיה! ער איז נישט קיין בעל מלאָכה, נישט קיין משרת, גאָר גלאַט אַזוי זיך אַ פיינער יונגער־מאַן. (מיט אַ זיפץ) עס איז שוין געגוג אָך און וועה, אַז ר׳ כתריאל דעם מלמד׳ס אַ טאָכטער זאָל דינען, זיין אין דער פרעמד, נאָר איך זאָל נאָך נעהמען עפּיס אַזאַ פּאַשנע מענשען, ניין! אַזאַ בזיון איז שוין צו גרוים... (זי נעהמט זיך ווידער קעהרען און זינגט צו)

און מיר איז ביטער און מאַרנע.

ביפוּ, מיינע שׂונאים, מיינע שׂונאים!

און פלוצלים דאכט זיך עפּיס אַ שאָרך,

ע־הע, ע הע, אין האַרצען טיאָך־טיאָך!

(זי וואַרפט קעהרענדיג אַראָב מיט דער באַרשט עפּיס אַ פודעלע) אַ, אין דער ערד מיט דעם קאָפּ! געה שטעל זיך נאָך קלייבען. (זי הייבט אויף יא פּאָר קרעלענע אוירענגלעך מיט אַ קעלנעריל און נעהמט זיך זיי בעטראַכטען) גאָר אַנטיק, כ׳לעבען, פון אוירינגלעך. רייזעלעס כלה־מתנות: עס פאַרנעהמט די אויגען! איך בין אַ בעלן זיי אָנצומעסטען, וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך אין זיי האָבען (זי טהוט אן די אוירינגלעך, קוקט אין שפּיגעלע און שמאָכט פאַר גרויס הנאה) אָך, שען! מיט׳ן ווייסען קעלנעריל וועט נאָך שענער אויסקומען. (זי נעהמט זיך אנמעסטען דאָס קעלנעריל, קוקענדיג אין שפּיגעלע, מאַכט מיט דעם קעפּעלע און זינגט זיך אונטער):

ע־הע, ע־הע, אין האַרצען טיאָך־טיאָך.

מענדיל (קומט גאַנץ שטיל אריין. געהט צו אויף די שפּיץ פינגער הינטער דוואָסיען, שאַקעלט אידר נאָך מיט דעם קאָפּ און קושט מיט אַ העוויה׳לע די פינגער) אַ מחיה, צוקער־זים!

דוואָסיע (שטאַרק בעשעפטיגט מיט זיך, שמאָכט און ברומט אונטער)

צו מיר, צו מיר דו נשמה מיינע,
ליובע־לעב! רופט ער, ליובע, איך בעט!
איך געה און קום צו מיין זים לעבען
און טהו חאַפּ אַ קוש, אַ גלעט.

מענדיל (שטיל מיט אַ העוויה׳לע) עס קאָטערט זי, עס האָבען אידר זיך צושפּילט די געבליטען. דאָס ליו־בעפּלעשעלע, אַ פּנים, העלפט.

(ער נעהמט ארוים פונים בוזעם עפּיס א פלעשעלע, נעצט אַיין א פינגער און דער־לאַנגט פּלוצלים דוואסיען הינטען אויפ׳ן האלז אַ שמיר, מאַכענדיג דערביי)

אוּן טהו און האַפּ אַ שמיר, אַ גלעט.

דוואָסיע (קעהרט נישט טויט, נישט לעבעדיג זיך אום און וואַרפט בשעת מעשה ארוים פון מענדילס האנד דאס פלעשעלע, וואס צוברעכט זיך אויפ׳ן דיל): אין דער ערד אַריין, ימח שמוניק איינער! ס׳איז מיר ענטפאַלען דאָס געזונד. וואָס איז פאַר אַמאָדע קיצלען זיך? נאַט אַייך נייעס, ער קיצעלט!... איך וועל דאָך דיר דערלאַנגען אַקיצעל, אַז דו וועסט דאָ די נכפה בעקומען.

מענדיל. דוואָסעניו, איך חלש, איך שטאַרב! אַזוי שעֶן ביסט דו היינט. ס׳איז דיר אין פנים נישט אַריינצוקוקען, ווי אין דער ליכטיגער זון. אוי, ליובע־לעב, חלש איך, אַקוש, אַקוש!

דוואָסיע. נו, מענדעלע, ווער פאַרברענט! איך האָב נישט קיין צייט.

מענדיל. עפּיס אַזאַ מלאכה, וואָס מען ברויכט דערצו צייט?! דוואָסיעניו, האָב אַרחמנות אויף אַיודישע נשמה! איך וועל דיר געבען כלה־מתנות אַזעלכע אוירינגלעך, אַסאַמעטען מאַנטעל, אַגילדען קייטעלע און אַבראָשקע. דו וועסט ביי מיר זיין אַפריצה, אַשררה׳סטע, אַגראַפינע, אַפרינצעסין, אַרביצין!... (ער האַפּט דוואָסיען אַרום, פלוצלים הערט זיך פונים קאָרידאָר אַ געשריי: דוואָסיע, דוואָסיע!)

דוואָסיע. אַ, אויף די צייהן, אויף די צייהן!... אַז רייזעלען גלוסט זיך חתונה האָבען, זעצט מען פון דוואָסיען די נשמה אַרויס... הערסט דו, מענדעלי? געה דיר, געה צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, לאָז אָראָבוואָרפענדיג פון זיך געשווינד די אוירינגלעך און דאס קעלנעריל רייסט זי זיך אוים פון מענדילס הענט מיט איטפּעט אויי, אז מענדיל פליהט צו א ביינקעל און קעהרט מיט איהם זיך איבער אויף דער ערד).

פערטע סצענע

מענדיל, שמחה און ר׳ יוחנצע דעם רבי׳ס

מ ע נ ד י ל (מאטערט זיך אויפשטעהן און זוכט דאס היטעל) אַבּי דער קאָפּ מיינער איז גאַנץ, דאָס היטעל וועט דער שוואַרץ יאָהר נישט צונעהמען... אָ, נישקשה, דוואָסעניו, מיר וועלען זעהן, וואָס דו וועסט היינט אין אָוונט בּיי עלקע דער קאָרטענוואַרפערין זאָגען, חאַ=חאַ=חאַ, אַ גוטע ממזר׳תע די עלקע. ווי זי מיהט זיך פאַר מיר! נאַט איך אַ פזמון פון ראש חדש קרעמניץ, עפּיס אַ חתן וויל זי היינט אָנקוקען! חאַ=חאַ=חאַ, דוואָסעניו! חתונה פגרסט דו דאָך טאַקי צו האָבּען, וועסט קומען צו פליהען אויסגעפּוצט און לסוף וועט גאָר מיינער ווי פונ׳ם הימעל אַראָבּפאַלען. סקאָציל קומט, דוואָסעניו! עלקע מיט איהרס, איך מיט מיינס און מיר וועלען דיך אַיינבּייסען... אַ שדכן איז אַפילו חשובער, גאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַז תשעה בּאב איז נישטאָ קיין פליי, מוז מען יוצא זיין מיט וואַנצען. (ער הויבּט אויף און בּעטראַכט דאס צעבּראָכענע פלעשעלע) עס זאָל דאָס איבּערבּלייבּען חאָטש אַ קאַפּ! פינף און זיבּציג קאָפּיקעס מיין בּלוט האָבּ איך בּעצאָהלט סטעמפּעניון אָט פאַר דעם ליבּע=פלעשעלע. ער האָט געשוואָרען, אַז בּיים צווייטען, דריטען שמיר מוז יענע דיך ליבּ האָבּען און ציהען בּיי די פּאָלעס... מיר דאַכט זיך, עס האָט אָנגעהויבּען טאַקי אַבּיסעל צו ווירקען, נאָך היינטיגען שמיר איז דוואָסיע געוואָרען ווייכער. ס׳איז שוין גאָר נישט דער וואָרף וואָס פריהער!...

ש מ ח ה (קומט אריין און בּלייבּט שטעהן פערוואונדערט) וואָס טהוט זיך דאָ אַזוינס, מענדיל?

מ ע נ ד י ל (אנידערשטעלענדיג און איילעניש דאס אומגעפאלענע בּיינקעל) נישט אויסצוהאַלטען פון דער קאַץ, אַוועקגעראַנגעלט האָבּ איך מיך דאָ אַבּיסעל מיט דער שענער קאַץ!...

ש מ ח ה. וואָס, מיט יענער, וועלכע איך האָבּ געטראָפען ערשט אַרויסשפּרינגענדיג פון דאַנען? אויבּ יענע איז אַ קאַץ, בּיסט דו, מענדיל, אַ קאָטער! — אַזוי, שייגעץ איינעֶר, בּיסט דו אַ מענש אין דער

באַקסע! זאָג נאָר, וואָס הערט זיך מיט די אָקסען, וואָס מען האָט היינט געקוילעט? ביסט דאָרט אין דער באַיניע געווען?

מענדיל. אַנס, כ׳לעבען, וואָס איך בין ביי׳צייטענס אהין אָנגעקומען. עס האָט געקענט ווערען אַ גוטע חתונה. דער שוחט האַלט אַ לונג און לעבער, ר׳ יוחנצע בלאָזט, שטופּט אַ פינגער, קרימט זיך מיט אַ פערפרומט פּנים׳ל, ווי ס׳איז איהם עפּיס שטאַרק נישט רעכט, און שאָקעלט מיט דעם קעפּעלע׳ אַז ער האָט מיך דערזעהן, ווי איך שטעה און קוק איהם קרום אָן, איז ער געבליבען ווי דערוואָרגען, געמאַכט עטליכע מאָל טאַ, טאַ — און דער שוחט האָט אַ זאָג געטאָן: כשר... דער רוח זאָל איהם וויסען, וואָס ער קריכט אהינצו. נישט אַנדערש, ער מיינט שוין ווייטער עפּיס... קאַרג לעדוויצעס נעהמט ער איבער אַ, נעהמען זאָל איהם דער....

שמחה. שאַ, מענדיל! ס׳איז נישט דיין עסק.

מענדיל. אָבער זיין עסק איז עס איך נישט. וואָס פאַר אַ מהותן איז ער מיט דער טאַקסע? קאַרג פאַר איהם מאיר־בעל־הנס־פּושקע, ארץ־ישראל־געלד, נאָך און נאָך און נאָך.... דם צפרדע, כנים איהם, די אַלע עשר מכות!

שמחה. תרבות! ווי עפּענט זיך עס דיר אויף דאָס מויל אויף אַזאַ פרומען, ערהליכען יודען, וואָס שטאַמט פון בערען, פונ׳ם גנילאָפּיאַטקער רב׳ס געזינד!

מענדיל. אוי, האָט דער בער לאַפּעס! ניט אומזיסט קריכט ער און שטעקט אַריין די מאָרדע. ער וויל מסתמא אָבלעקען אַ ביינדיל. הלוואי איך זאָל ליגען זאָגען, דער בער זאָל נישט קומען און נעהמען אין דער טאָרבע.

(ר׳ יוחנצע קומט אריין, גיט אַ קוש די מזוזה און פערגלאָצט די אויגען מיט אַ זיבצעלע).

שמחה (געהט ר׳ יוחנצען אקעגען) ברוך הבא, ר׳ יוחנצע! זעהר אָנגעלעגט, כ׳לעבען.

מענדיל (אין דער זייט) אָנלעגען זאָל ער מיט דעם קאָפּ!

ר׳ יוחנצע. אין אַ מצוה־זאַך, ר׳ שמחה... הגם ס׳איז אַביסעל שווערליך, בין, לא עליכם, עפּיס אוי... פאַר קודשא בריך הוא איז עס פאָרט קיין תירוץ נישט. וואָס טהוט מען מיט יודישע קינדער, נעבעך?.. שטעלט זיך נאָר דער טאָג, איז אַליץ מצוות, מצוות.

מענדיל. (פון דערווייטען) נאָך גאַנץ פריה היינט כלחוך השור

האָט ר׳ יוחנצע ניכטערהייט געקוקט דאָרט, מחילה, אין איין אָקס אַריין. גאָט זאָל זיי נאָר דערלענגערן די יאָהרען.—וואָס ווילען זיי אויף שבת, אַ לעדוויצע צו אַ לעקער?

ר׳ יוחנצע. בע... ווייס איך וואָס... עט.

שמחה (אַ קוק געבענדיג בייז אויף מענדעלן) נעה שוין דיר דיין וועג! האָסט, דאַכט זיך, נייטיגע אַרבייט.

מענדיל. ר׳ יוחנצען פרעגען, וואָס זייער גוטער ווילען איז, איז דאַכט זיך אויך נייטיג. (ער געהט ארוים)

פינפטע סצענע

(די פריהערדיגע אהן מענדלען)

שמחה (נאָכדעם ווי אַקוקענדיג אַ רגע גאַנץ שטיל) נוּ, ר׳ יוחנצע? אין אַ מצוה־זאַך, זאָגט איהר.—וואָס קוועטשט איהר זיך עפּיס, הא?

ר׳ יוחנצע. אוי, אוי, אַלץ, לא עליכם, מיט די מירידין... לאמיר עס אָבמאַכען בקיצור. אַ שוחט, ר׳ שמחהלע, אוי, נאָך אַ שוחט!

שמחה. ביי אונז איז שוין אָהן דעם דאָ געגוג שוחטים, וואָס קאָסטען אַ קאַסע; צו וואָס נאָך איינער? מען וועט דאָך אַרויפלעגען ווייטער אויפ׳ן פלייש, דער עולם וועט שרייען און גערעכט זיין.

ר׳ יוחנצע. פאַר קודשא בריך הוא איז עס פאָרט קיין תירוץ ניט... ביי אַ שטיקעל סירכא קלאַפּט דאָס האַרץ, אפשר, חלילה, טרעפען די אַלע נישט. ווי באַלד נאָר עפּיס אַ חשש איז שוין אַי, אַי... אַלסדינג כדאַי. מען וועט שרייען! — מילא, דעריבער לאָמיר נעהמען אויף אונזער קאָפּ אַזאַ עבירה? דערנאָך, אל תפתח פה לשטן, אַז קליינע קינדער זועלען שטאַרבען, ווער וועט שולדיג זיין — מיר! פאַר וואָס, וועט מען שרייען, האָט מען צוגעלאָזט הטאים!... געוואַלד, וואָס פאַר אַ מצוה פאַר יודען איז שחיטה!

שמחה. פאַר וואָס ביז אַצינד איז רעכט געווען און פלוצים איז נולד געוואָרען נאָך אַ שוחט? אַ גאַנץ איבריגע זאַך, כ׳לעבען. עס זעט שלעכט זיין אי פאַר דעם עולם אי מאַקי פאַר מיר. איהר ווייסט אייך אייערס און איך מיינס.

ר׳ יוחנצע. אוי, לא עליכם... בקיצור, ס׳איז רעכט. היינט חוץ לזה, מוזט איהר וויסען, וויל ר׳ שמעלקי אויף ווייטער נאָך אַ גראָשען איהם פון דער אָקע פלייש.

שמחה. גאָט איז מיט אייך, ר׳ יוחנצע, וואָס רעדט איהר? אַ פּופּצעהן יאָהר אַז ר׳ שמעלקי נעהמט אַ דרייער פון דער אָקע פאַר די הילצערנע קלייטלעך זיינע אויף פלייש צו פערקויפען. אַ שפּאַס, וויפיעל ער האָט שוין איבערגענומען, און פלוצלים נאָך אַ הוספה!

ר׳ יוחנצע. און אונזער ר׳ טודרוסעל וויל אָנשטאָט אַ האַלבער מאַקי אַ גאַנצע קאָפּיקע פון דער אָקע.

שמחה. פאַר וואָס, פאַר די פינף הונדערט קערבלעך, וועלכע ער האָט אויסגעליהען, אַזוי הייסט עס, צורעכט מאַכען די באָד מיט דער מקוה! די באָד איז עד־היום מאַקי אַ חורבה און די מקוה שטינקט, מחילה, ווי פריהער, איין עיפּוש... אַזוי פיעל יאָהר נעהמט ער, נעהמט און פלוצלים גאָר אַ הוספה! עס גרוילט דאָך דאָס לייב הערענדיג. מיר קומט דאָך אוים מאַקי צוצולעגען דעם קאָפּ און צוואַרפען די טאַקסע. ר׳ יוחנצע, איך בעט אייך, מאַכט, עס זאָל בלייבען ווי פריהער. לאָז מען נישט שרייען.

ר׳ יוחנצע. און אגב מאַקי האָב איך אַליין צו אייך אַ שטי־קעל בקשה. איהר זאָלט מיר ניט אָבזאָגען.

שמחה. אָך, אַלסדינג פון אייערטוועגען, אַלץ וואָס נאָר מעגליך.

ר׳ יוחנצע. אוי, אַ שווערער, ביטערער גלות!—מיין חאַצקעלע, אוי, בעדאַרף געהן צום היינטיגען פריזיוו. אַז אָך און ווערה, צו וואָס מיר האָבען זיך דערלעבט, אַז אַ חאַצקעלע, אַ זיידען קינד, פון אַזאַ הייליגער משפחה, דערצו נאָך אַ מטופל, נעבעך, מיט ווייב און קינדער מוז בעוונותינו הרבים זיך שטעלען! מאַקי גאָר משיח־צייט. מילא האָב איך געוואָלט אייך בעטען — אוי, לא עליכם.... מיינע שטעבעניש אויף די שונאי ישראל—בעטען איבערצורעדען מיט דעם דאָקטאָר און נאָך צועלבע. פאַרשטעהט איהר?

שמחה. אַ, שווערליך און דערצו אויף מאַקי עפּים פריקרע.... איז חאַצקעלע אייער ער געזונט?

ר׳ יוחנצע. מכּח געזוגט איז, צווישען אונז גערעדט, בעוואָהרענט. די לעצטע צייט איז ער נישקשהדינג פּונ׳ם פּנים אַראָב, נישט צו דערקענען איהם... אָט מכּח דעם בעדאַרף איך ווייטער אייער טובה. זלמן, אייער מחותּן, מאַכט אַ מורא, באָם ביים פּריזיוו וועט נישט צוגעהן כּשר, וועט ער אויסגעבען... פאַרשטעהט איהר מיך... זיין בּן יחיד, דער חתן אייערער, שטעהט אויך אויפ׳ן פּריזיוו. איהר פאַרשטעהט?

שׂמחה. ווילט איהר, הייסט עס, איך זאָל רעדען מיט זלמנען. אָט דאָ האָט איהר מיר פאַרגעבען אַ שווערען לייענען! איהר ווייסט דאָך, ווי שטאַרק מחולק מיר ביידע זענען. איך געה מיר אויף מיין דרך און ער אויף זיין ווייטען דרך.

ר׳ יוחנצע. און דער חתן אייערער, משטיינס־געזאָגט, איז פערקראָכען העט, העט אויף נאָך אַ ווייטערן דרך. אי, אי, ר׳ שׂמחה׳לי! ווי קומט צו אייך אַזאַ שעטנז? (ער סמארעט מיט דער נאָז) אלכּסנדר! עפּיס, רחמנא־ליצלן, גאָר דייטשעריש. ווערמען מען האָט דאָ צו פערהיטען!... אוי, ר׳ שמחהלי, זייט איהר דערפאַר ווערטה...

שׂמחה. פייניגט מיך נישט, ר׳ יוחנצע! לאָמיר דערפון, איך בעט אייך, נישט רעדען.

ר׳ יוחנצע. (אויפהייבענדיג זיך) וואָס זשע, האַ, ענטפערט איהר מיר מכּח יענעם?

שׂמחה. וואָס, מכּח אייער בקשה?

ר׳ יוחנצע. אי... איך מיין מכּח די פריהערדיגע ענינים.

שׂמחה. ווי גאָט איז אייך ליב, ר׳ יוחנצע, רייבט עס אָב! מאַכט, עס זאָל בלייבען ווי פריהער. מכּח אייער בקשה וועל איך מסתּמא שוין זעהן...

ר׳ יוחנצע. טאַ. איך וועל מיך פּריווען... (ער לאזט זיך געהן צו דער טיר און קעהרט זיך פלוצלים אום) גוט, כ׳לעבען, איך האָב מיך דערמאָנט. עט. איך געניייטיג מיך אַצינד, גענייטיג איך מיך אין אַ גמילות חסד. אַזוי, עטליכע קערבלעך.

שׂמחה. וואָס זשע האָט איהר לכתחילה דאָס נישט געזאָגט! עפּיס דאָס ערשטע מאָל איז מיר צו געבען אַ גמילות חסד. (ער שטעקט ר׳ יוחנצען אין דער האַנד אריין) זעהט זשע, ר׳ יוחנצע, איך פערלאָז מיך שוין אויף אייך.

ר׳ יוחנצע. נו—נו. האָט זשע אין זינען מכּח... (ער קוּשט די מזוזה און נעמט ארויס).

שׂמחה. (שטארק אויפגעבראכט) נישט אויסצוהאַלטען, תּמיד איז נאָר גיב, גיב, גיב! יענעמס מקורבים, אָרמע קרובים גיב שטעלען אין דער טאַקסע, דעם גיב בעשטימטע קצבה, אָדער קלאָמפּערשט גמילות חסדים. היינט לא־יחרץ־געלד עזות־פּנימער, אָנחאַפּער, זאָגטערס, קאָכ־לעפעל, שטאָדטפּעטערס, פאַקטוירים, דרעהקעפּלעך, הענטשקע־לשון־ריידער, פאַטשערקעססמאַכער, עצות־געבער, וועלכע מען בעדאַרף פער־שטאָפּען די מיילער און מען מוז נאָך שווייגען. געה דערצעהל דעם עולם מעשיות און רייץ אַקעגען דיר אויף אַ וועלט מיט פיינע, לייטישע מענשען... גנבים, בלוטצאַפּערס, ווערט פערכאַפּט אינאיינעם מיט דער טאַקסע!... (שפּרינצע און רייזעלע קומען אריין).

זעקסטע סצענע

שמחה, שפּרינצע, רייזעלע, דערנאָך אלכּסנדר.

שפּרינצע: איך זוך דיך שוין, שמחה. צייט איינהאַנדלען דעם קינד חתונה־קליידער. גיב געלד!

שמחה: נישט אויסצוהאַלטען. איין קול: גיב, גיב, גיב!

שפּרינצע: הערט נאָר אַביסעל, ווי ער האָט זיך צושריגען! גזלנים זענען איהם איבערגעפאַלען

שמחה: זאָלסט די טאַקי ויסען, שפּרינצע, גזלנים!... לאָז מיך, כ׳לעבען, צו רוה. איך בין, אַסור, נישט משוגע, און ווייס וואָס איך שריי.

שפּרינצע: געווהנט שוין דיינע שטעכווערטלעך. מען ווייסט, מען ווייסט, אַז דיר געפעלט נישט... ציה מיך נישט ביי דער צונג. נאָר וואָס וועט עס דיר אָבער העלפען... מיר פעהלט דייז קאָפּ, רייזעלע,

דו ווינסט? שאַ, נישקשה! מעגסט זיך, כלעבען, שעמען, שמחה. אַזוי רעדט אַ מאַטע!

שמחה. אַי, אַי, שפּרינצע!

שפּרינצע. וואָס זאָל איך דאָ מיט איהם טענהן. קום, רייזעלע, קום און לאָמיר לאָזען צורוה דעם טאַטען.

רייזעלע (צופאַלענדיג צו שמחה'ן) טאַטעניו, דו ביסט דאָך אַזאַ גוטער, ליבער טאַטעניו! קרענק מיך נישט, איך בעט דיך, און זיי אויף מיר נישט אין כעס.

שמחה. נישט אויף דיר, רייזעלע, חלילה! ס'איז דאָ אויף וועמען אַנדערש אין כעס צו זיין.

שפּרינצע. דאָס, טאָכטער, איז איין אָנצוהערעניש מיר. מיך מיינט ער... האַ, וואָס פאַרט האָב איך דיר, מיין מאַן, אַזוינס געטאָן?

שמחה. דו? גאָרנישט... ביסט אַ גאַנץ עהרליכע יודענע, הרייסט נאָר אַמאָל איידער דו ווייסט פאַר וואָס. אפשר האָב איך שיינט געהאַט אַ קרענקונג, עגמת-נפש און בין דעריבער אַביסעל אויפגעבראַכט.

שפּרינצע. בעט איך דיך הונדערט מאָל מחילה. דערצעהל זשע מיר, שמחהניו, וואָס איז אַזוינס? דערצעהל.

שמחה. איין אַנדערש מאָל, שפּרינצעלע. אַצינד מוז איך נייטיג אויף אַ ווייַלע אַוועקגעהן. — נאַ דיר דאָס שליסעלע און נעהם פונ'ם קעסטעלע דאָרט אַליין אַרויס, וויפיעל דו בעדאַרפסט. (ער געהט).

שפּרינצע, נעבעך. ער האָט נאָך היינט אין מויל נישט געהאַט.

רייזעלע. (זעצט זיך און נעהמט אויסצייכנען נאָטיכלעך) און דו מאַמעניו, האָסט איהם נאָך אַביסעל... ער איז דאָך צו דיר אַזוי גוט.

שפּרינצע. מיין ראָליע ביי איהם אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט געוואָרען. איך האָב די דעה, פונדעסטוועגען מוז מען אַמאָל — האָטש נאָר לפנים — זיך מאַן אַ בייזער. שטענדיג גוט טאָר מען אפילו מיט דעם בעסטען מאַן נישט זיין... די מענער זענען פייער און מיט פייער בעדאַרף מען וויסען ווי אומצוגעהן,

רייזעלע (האַלט אַ אויסגעצייכענט טיכעל שפּרינצען פאַר די אויגען) קוק אָן, מאַמעניו, .P. K. מזל טוב מיר מיט דעם נאָמען! אונטער דעם

לעצטען אות וועל איך אַריינטרעטען אין אַ נייַ לעבען, מיט אַ נייער פאמיליע און אַ נייַ מזל. איך בין איבערגליקליך.

שפרינצע. גליקליך, טאָכטער, זאָלסט דו טאַקי אייביג זיין. דאָס מזל זאָל דיר לייכטען און שיינען ווי דער ליכטיגער מאָרגענשטערען.

רייזעלע. איך בין איבערגליקליך. און דאָך פיהל איך אין האַרצען מיך עפּיס... ווי זאָל איך דיר זאָגען... עפּיס אַביסעל ווי בע־ליידיגט. לעב אַזוי פיעל יאָהר מיט דיין נאָמען און פלוצלים פאַרענדער איהם. עס קומט אויס, עפּיס זענען מיר חפצים, מיר בייטען תמיד און טראָגען דעם נאָמען פונ׳ם בעל הבית, וועלכען מיר געהרען. פריקרע!.. וואָס זאָגסט דו, מאַמע? די מענער זענען פּייער. (אלכסנדר קומט אריין).

שפרינצע. שווייג שוין, שווייג, ווייס איך וואָס איהר פעלט איין!

רייזעלע. (מיט א געלעכטער) דו הערסט, אלכסנדר, וואָס די מאַמע זאָגט, מען בעדאַרף וויסען ווי מיט פּייער אומצוגעהן.

אלכסנדר. פּייער איז אַ גנב, אָבער אַקעגען וואָס?...

רייזעלע. האַ־האַ־האַ, דאָס ווייס איך שוין אַקעגען וואָס, נאַז וואָרום אָט טהו איך מיך אַ בייזער.

שפרינצע. (טייטענדיג מיט דעם פינגער אויף דער נאָז) אַי, רייזעלע, ביסט דו אַ שפּעטערין! (צו אלכסנדר׳ן) ווייס איך, וואָס זי וויל דיר דאַרט אביסעל פאַרדרעהען דעם קאָפּ. (זי נעהט ארויס).

יבעטע סצענע.

רייזעלע, אלכסנדר, דערנאָך דוואָסיע.

אלכסנדר. נייעס, רייזעלע! זעהר וויכטיגע נייעס.

רייזעלע. עפּיס גוטס, האַ? שאַ, נישט קיין וואָרט! דיין בנים זאָל מיר פריהער זאָגען. נעהענטער צו מיר מיט דעם פנים!

אלכסנדר. (שטעלענדיג זיך נעהענטער) ע״ע, רייזעלע, דו הויבסט

אָן בּייצייטענס מיך צומושטירען; עס פּאַסט, כּ׳לעבען, נישט פאַר אַ רעביצין.

ר ײ ז ע ל ע, וואָס איז דאָס פאַר אַ נייער טיטעל?

אַ ל כּ ס נ ד ר. גאַנץ פשוט. אַז דער מאַן איז אַ רב, איז דאָס ווייב אַ רביצין.

ר ײ ז ע ל ע. און אַז דער מאַן הייסט שמעריל, הייסט דאָס ווייב שמערעליכע, עס פערשטעהט זיך, אַלץ דער מאַן. נו, זאָג שוין, וואָס איז אַזוינס די מעשׂה?

אַ ל כּ ס נ ד ר. מען וויל, בשעת די וויבּאָרעס, מיך וועהלען דאָ פאַר רב. און ווייסט דו, וועמענס אויפטהו דאָס איז? ר׳ יוחנצעס! ער האָט עס היינט געלאָזט זאָגען דעם טאַטען מיינעם. וואָס זאָגסט דו. דערצו, רייזעלע?

ר ײ ז ע ל ע. און דו, וואָס זאָגסט דערצו?

אַ ל כּ ס נ ד ר. ס׳איז דאָ צוזאָגען אַזוי און אַזוי. וויל מען, איז אַ רב עפּיס נישט אַזאַ חשיבות. זאָג נאָר, איך בעט דיך, דו קענסט פּנהס חאָרט, בעריל טאַראַראָם, פּייביל פּאָנפּע, חייקיל קאָכלעפּעל און זאַיציק פּאָלגע מיט דער גאַנצער כּנופיא?

ר ײ ז ע ל ע. אָ, זעהר גוט. זיי זענען שכּורים, ארץ־פּיאַסקע, עזות־פּנימער, שקצים, אָנהאַפּערס, וואָס אין דער קאָרט. נאָר צו וואָס מישט דו זיי פּלוצלים דאָ אויף?

אַ ל כּ ס נ ד ר. אָט ווער עֶס וועֶהלט געוועהנליך בּיי אונז, יודען, זיין אונטער וועמען אַ רב איז אונטערגעוואָרפען!

ר ײ ז ע ל ע. נו, אַלכּסנדר, אויב אַזוי, רעד זשע נאָר נישט דערפון, ס׳איז דאָך גאָר אַ חרפּה.

אַ ל כּ ס נ ד ר, וויל מען אָבער צוריק שמועסען, קען אַ רב, אויב ער פערלאַנגט נאָר, זעהר פיעל ווירקען. בּיי אונז יודען זענען דאָ גוזמאות־זאַכען, וואָס מען בעדאַרף און וואָלט געקענט פאַרבּעסערן. איך בעריהם מיך נישט, רייזעלע, אַז איך בין אַ געלערענטער מיט אַלע מעלות, נאָר איך האָב אַ יודיש האַרץ. איך בין יונג, מיט פרישע קרעפטען און וויל מיט דעם גאַנצען לעבען אַרבּייטען און בּריינגען עפּיס נוצען.

ר ײ ז ע ל ע. אַצינד פערדינסט דו אַ הייסען קוש. (זי קוּשט אַלכּסנדר׳ן) דו וועסט אין מיר האָבען אַ רביצין, וואָס וועט, נישקשה, פערדינען צו־בּרענגען דעם נאָמען...

אַלכּסנדר. הײנט װײטער, רײזעלע, לאָמיר רעדען צװישען אונז װי פּראָסטע בשׂר ודם, גאַנץ פּראַקטיש. ליב האָבען מיר זיך בײדע טאַקי זעהר שטאַרק. אָבער די בערעכענונג בעדאַרפען מיר דאָך האָבען אַזױ: װי לעבט מען נאָך דער חתונה? קעסט עסען, װי אַ יודיש פּאָר=פאָלק, דאָס איז נישט גוט, נישט רעכט, נישט שײן, אַ דערנידריגונג פאַר זיך און אַ אומגליק פאַר די קינדער אויף שפּעטער. לעבען=זשע פונ׳ם נדן, װאָס דײן מאַמע גיט, עפּיס אויך נישט אַזױ גוט... (ער לענט אַרויף די הענד אויף רײזעלעס אקסלען) װאָס קוקסט דו, רײזעלע, מיה עפּיס אַזױ שאַרף אָן? דײנע אויגען בליצען װי פלאַם=פײער.

רײזעלע. איך שעם מיך, נאָר עס העלפט נישט... מען מוז מודה זײן, מיר, װײבער, זענען שװאַכער, װײכער און נישט בערעכענט. בעהערשט אונז אײנמאָל דאָס האַרץ, הערשט עס שױן אָהן אַ שיעור און מיר לאָזען זיך פיהרען העט, העט... איך קען דער פּראַקטיקע, דעם רײנעם אמת קאַלט אין די אויגען אַרײן נישט קוקען אַזױ װי דו.

אַלכּסנדר. אין דײנע רעד איז דאָ אַ שאַרף שטעכװערטעל, װאָס שטעכט מיך װי מיט שפּילקעס. איך פאַרשטעה, נישקשה, װאָס דו מײנסט. פאַרשטעה=זשע אויך, װאָס איך האָב מיט מײנע פריהער=דיגע רעד געמײנט. איך האָב עס געזאָגט אַקעגען דעם, צו בעװײזען דיר גאָר, אַז די ראַבינער=שטעלע, װעלכע ר׳ יוחנצע האָט פאָרגעלעגט, איז אַצינד פאַר אונז װי געװאונשען... אַי, רײזעלע, רײזעלע, נאָך װײסט דו נישט, װאָס פאַר אַ שטאַרקע שליטה דו האָסט איבער מיר!

(ער נעהמט רײזעלען ארום און בײדע שטעהען ארומגענומען אַ היבשע צײט שטיל.— דװאָסיע קומט פּלוצלים אַן מיט אַ טישטוך און טעלער אין די הענד).

דװאָסיע. די בעל הבית׳טע האָט מיר געהײסען גרײטען צום טיש.

רײזעלע. (ארויסהאפּענדיג זיך פון אלכסנדרס הענד) שױן מיטאָג, אַזױ פריה!

דװאָסיע. אַ זאָג אַביסעל, פריה! אײך פליהט די צײט און מיר דאַכט זיך אַ שרעק װי זי קריכט. ר׳ אליקום חיריק איז שױן גע=גאַנגען מנחה דאַװנען, טעמצעס קוה איז שױן געקומען פונ׳ם פעלד, די היהנער פאַדען זיך שױן זעצען אויף דער סידעלע, ליפּשע שרײט שױן: הײסע באָבקעס, יודעלעך! אויפ׳ן פריפּעטשיק איז שױן קײן פונק פײער נישטאָ און בײ לײטען טראַכט מען שױן אַרום דער װעטשערע.

רײזעלע. שאַ, דװאָסיע, עפּיס האָט איז דיר זיך געעפענט

אַ קוואַל רעד, דו שיטסט ווי פון אַ זאַק. שאַ, לאָז זיין מיטאָג און לאָז מיך געמאַך! (זי נעהמט מיט אַלכסנדר'ן אַרוים).

אכטע סצענע

דוואָסיע און מענדיל

דוואָסיע. (אויסגעצוואָגען, פאַרקעהמט יום-טוב'דיג, אין אַ קליידעל מיט אַלע מיני מאָדעס אויפגעפוצט) און אַז ס'איז אַביסעל פריה, מה רעש!... ווען אַביסעל נישט דערקאָכט, עפּיס אויך נישט אַזאַ אומגליק. איהר האָט צייהן, וועט איינבייסען, נישקשה... זיי מעגען אַלסדינג. שטעהען זיך ביידע אַרומגענומען, קאָשקען זיך, ליובען זיך, טשמאָק, טשמאָק! און דו, דוואָסיע, היניע, פלאַץ, גנאַ, שונא-ציון, אוים. בין איך אַ מענש, אַזוי שמייליג ווי איהר!... ווי דערלעב איך שוין פטר'ען דעם שענעם מיטאָג, פערשטאָפּען זיי די מיילער און בייצייטענס אַרויסחאַפּען זיך אַהינצו... צו עלקען. אוי — זיסער גאָט, לאָמיך שוין אויך עפּיס אויפגעריכט ווערען! (זי קוקט זיך אָן אין שפּיגעל, טאַפּט זיך ביי די האָר מיט אַ שמייכעלע) נישקשה, דוואָסיע איז נאָך קיין מעשה נישט און וועט אַנדערע אין די פאַטרעבעס פאַרשטעקען... איך וועל איהם געפעלען, נישקשה, היינט ביי דער נאַכט... מזל טוב! וועלען מאָרגען פריה, נעבען דער יאַטקע, מיר עס זאָגען מיינע חברת'עס, דו ביסט למזל אַ כלה געוואָרען, און אַליין בשעת מעשה האָבען די גאַל. — אַ שענעם דאַנק וועל איך ענטפערן, מיט מזל זאָלט איהר לעבען! און דערביי טראַכטען: געגרט, ווערט צוועצט פאַר קנאה. לאָז זיך יענער פוקען, עפּיס גאָר מחיה, כ'לעבען. עס הייבען מיר זיך אַזש די פיסלעך פאַר פרייד. (זי זינגט אונטער, אָנגעהמענדיג זיך ביי'ם קליידיל און טאַנצט אקעגען שפּיגעל, וואַרפענדיג מיט'ן קאָפּ אין אלע זייטען).

אבינו מלך,
ס'האַרץ איז מיר פרעהליך,
פרעהליך וועלען מיר זיין,

טרינקען וועלען מיר וויין,
וויין וועלען מיר טרינקען,
קרעפּלעך וועלען מיר עסען,
(האַ, וואָס גערט דאָרט נאָך, נאָכ'ן עסען? יאָ אַזוי:)
און נאָך עפּיס נישט פאַרגעסען.

מענדיל. (קומט אריין, בלייבט שטעהן נעבען דער טיר און פּליעסקעט־צו מיט אַ העוויה'לע) אַזאַ מזל! אַזאַ יאָהר! טאַניץ דוואָסעניו!... אם ירצה השם, אויף חתונות, איך בריתן, מיט מיר אינאיינעם ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

דוואָסיע. בעקום די נכפה, ימח שמוניק איינער! אַט איז ער שוין דאָ, דאָס אָנשיקעניש. בראַש צאַטעוועט ער מיך, געהט מיר נאָך אויף שריט און טריט ווי אַ קוה אַ קעלביל.

מענדיל. גראַפינע, פּרינצעסין, רביצין, בת מלכה! אַ צאַפּ נאָר אַ פּורים־קוילטיש. אַ פּאָר באַקען נאָר אַ פּערדרבּרוינטער עפּיל־קוגעל. געשמאַק מחיה, עס גלוסט זיך אַ ביס טאָן (ער טהוט זיך אַ לאָז) אַט וועל איך, דוואָסעניו, דיך... אַזש נו!...

דוואָסיע. (שוין ווייכער) נו, געננוג, דו אָנשטעלער, חן־מאַכער! האָרך בעסער, איך האָב צו דיר אַ בקשה.

מענדיל. פון דיינעט־וועגען, דוואָסעניו, אין פייער, אין וואַסער!

דוואָסיע. אַ ברודער מיינער איז געקומען צופאָהרען, איך בעדאַרף היינט ביי דער נאַכט צו איהם געהן. פאַרשטעהסט דו? און אפשר אויף לאַנג. בעט איך דיך, מענדעלי, צובלייבען אין שטוב און אָבטאָן פאַר מיר אַלע מלאכות.

מענדיל. (טהוט זיך אַ האַפּ און קראַצט דעם קאָפּ) אַי־אַי־אַי! אַט האָסט דו דיר שענס, גראָד איז מיינע אַ שוועסטער אויך געקומען. דו היינט ביי דער נאַכט צום ברודער און איך צו דער שוועסטער! פאַרשטעהסט דו?

דוואָסיע. דיין שוועסטער וועט דער גוטער יאָהר נישט צונעהמען מאָרגען אויך. אַ ברודער איז עפּיס אַנדערש. אַט איז ער דאָ, אַ מאַנספּאַרשוין, און מאָרגען... ווייס איך?

מענדיל. קלוג ווי דער טאָג!... אַזוי, דוואָסעניו, בעט מיך, בעט

דוואָסיע. מענדעלי, סערדצע, ליובעניו, טאַטעניו, נשמה'ניו!

מענדיל. ליובע, ליובע מיך, דוואָסעניו. אַט אַזוי פון היינט

בײ דער נאַכט ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר! גײה, דוואָסעניו, צום ברודער. זײ רוהיג, איך וועל שוין טאָן, פון מיר וועט קײן מניעה נישט זײן.

דוואָסיע. עס וועט דיר, מענדעלי, זײן אָבגעגעבען ברויט... אָט העלף מיר טאַקי גרײטען צום טיש. לאָמיר זײ שוין פערשטאָפען די מײ־לער און וויסען דערנאָך פון אַ לעבען צוזאַגען. (זי זינגט אונטער „אָבינו מלך" און געהט טאַנצענדיג אַרויס פון דער שטוב).

מענדיל. חאַ חאַ חאַ. „און וויסען דערנאָך, מאַכט זי, פון אַ לעבען צוזאָגען". אָמן, דוואָסעניו, אָמן! הײנט בײ דער נאַכט, מיר בײדע דאָרט בײ עלקען...

צווייטער אַקט

אַ גאַס. רעכטס די וואָאינבקע פּריסוטסטוואָ, רעדלעך מענשען. ווייבער חליפען, ווינען, מאַנסבילען שמועסען צווישען זיך, אַ טייל פּערדרייסען די קעפּ אַרויף, שטעהען און קוקען. כּמעט אַלע מיט שטעקעלעך און איטליכער האַלט דאָס שטעקעל אויף איין אַנדער מאַניר: בּיי איינעם היינגט עס אויפ'ן אָרם, בּיי'ם אַנדערען אויפ'ן אַקסעל; דער דרעהט עס פון פאָרענט אין דער לופט, יענער האַלט עס מיט בּיידע הענד פון הינטען און שפּאַרט זיך דערויף אָן. לינקס שטעהט אַ קלייטעל מיט אַ איבּערגע-צויגען דעכיל איבער דעם גאַניקעל. נישט ווייט דערבּיי זיצט אַ חלפן נעבען אַ טישעל.

ערשטע סצענע.

אַ יודענע (אויף אַ וויינענדיג קול ווי בּיי תחינות-לייענען): אוי, אַ לאַך אין האַרצען!... מיין בּערעלע, איי!.... מיין בּערעלע אוי-אוי-אוי!

שמואליק (אַ אַלטער אויסגעדינדער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, נאָר הויט און ביין. אַ ביסעל פערכּוס'עט, קרימט זיך דער יודענע נאָך מיט אַ לעבעלע פון אַ שכור): מיין בּערעלע, בּערעלע!... טפו, ווייסינטרע, וויסנאָפּרע להי-עולמים! אויך מיר אַ פּריאָם, אַ היינטיגסמאָדישער פּריאָם! בּערילע, שמע-רילע שפּאַצירען זיך אַהינצו מיט די פּוסעלעך אַליין... אוי וואָלט

איהר געוואוסט אין יענע יאָהרען „אַליין!״ רוקען זיך מיט די רגלים אַליין... מיר, וויסניטרע, וויסנאפרע, זענען געגאַנגען, הע־הע! מיט אַ גאַנצער חאָפּטע אונטערפיהרער, געפּענטעט מיט בראַסליעטען. אַ קאַפּעליע פון קייטען האָט צוגעצימבעלט זום־זום־זום־זום, עס האָט געקלונגען די וועלט, געהאַט אַ פּנים מראה־כהן. און פאַר דער חתונה איז געווען אַ לאַנגער, אַ ברייטער פאָרשפּיל מיט כבוד. חדשים לאַנג איז מען אַוועקגעזעסען ווי די גענז אין שטייג פערשפּאַרט. אָט וואָס האָט געהייסען אַ פּריאָם בגעלע־בגרינע בשמחה רבה ואמרו כלם!

חינקע. (וויינענדיג אויף אַ קוויטשיג קולכען מיט אַ ניגון) וועה איז מיר, ווינד איז מיר, האַסקיל מיינער, אַ טאַטע, נעבעך, פון קליינע קינדער!

שמואליק (קוקט זי שארף אן שאקלענדיג מיט דעם קאָפּ) פּישׁשׁשׁ, האָט זיך צו־יוּ־מ־רט: אַ טאַטע, נעבעך, פון קליינע קינדער! . . . און קליינע קינדער, נעבעך, פון אַ טאַטען, וויסניטרע, וויסנאָפּרע, אָט וואָס אין מיינע צייטען! בעהעלפערם אַזוינע מיט מעשׂענע קנעפּלעך האָבען זיי אויף די פּלייצעס געטראָגען. עוזר דלים הושיעה נאָ! מאַרש צאַן קדשים, מאַרש אַהין, אַזש וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט דאָרט ערגיץ און געפּאַסעט חזירים, געשוואָלען פאַר הונגער, געחאַפּט אַ שמיצעל. קליינטשקע, גרעסערע אַביסעל—יעמוד עם כל הנערים!

הערשעלע (אַ יונגער סאָלדאַטיל. מיט גוטען צו שמואליקען) אַלטע מעשׂיות, זיידע! גענוג, מען האָט שוין געהערט, זיידע, אַלטע מעשׂיות!—

שמואליק (נעהמט זיך אין די זייטען, אויסציהענדיג זיך גלייך ווי אַ סטרונקע און טהוט אַ פּייף)

אַלטע מצבות פון פּאַרצייטען!

סמירנאָ! ווייסט איהר וואָס זיי בעטייטען?

זאָגט יזכור און סמירנאָ!.... טפו, אַ סאָלדאַטיקעל, אַ היינטיג־מאָדיש סאָלדאַטיקעל! אַ צוציקעל מיט קליינע ווענצעלעך. נעכטען ערשט אָנגעהויבען צו דינען און איבערמאָרגען שוין פאַרטיג, זיך אויס־געדינט. אָב הרחמים! דוואַדצאַט פּיאַט ליעט סלוזשיל באָגו אי צאַריו און געגעסען בערעזעווע קאַשע. פּיט, פּיט, פּיט!.... סמירנאָ, מיינע וואָנצעס זענען גרעסער פון דיר אינגאַנצען. האָסט נישט אַזויפיעל האָר אין קאָפּ וויפיעל עס ליגט אין זיי חלב׳דיגע ליכט מיט סאַזשע. (אָנ־נעהמענדיג זיך מיט בײדע הענט בײ די וואָנצעס) אויף אַ סמאָטרע, או־אוך! איז געווען אַ מורא אָנקוקען אונזערע וואָנטשועס, אָנגעשמירט און פערדרעהט אַגיל ואָשמח מיט לאַנגע און דינע שפּיצען. — מאַלאָ־

דעך שמואל! האָט דער קאָמאַנדיר אַ זאָג געטאָן און בשעת מעשה מיר דערלאַנגט, גלאַט אַזוי פון פרעהליכקייט ווענען, טראַך, טראַך אונטער דער מאָרדע. — ראַד סטאַראַטסיאַ, וואַשע בראָדיע! האָב איך געענטפערט און אַראָבגעשלונגען אַ צאָהן בשמחה רבה ואָמרו כלם!

הערשעלע. אַ היים, זיידע, זיך אַביסעל צולעגען! ווען נישט, גייע איך און שיק גיסיען, מיין גיסיען. גיסיע, נעבעך, מוז שוין אוודאי איבערטראַכטען, וואָס דו ביסט אַזוי לאַנג נישטאָ. קום זאָג איך דיר, קום.

שמואליק. זאָגט יזכור, אוב פּאַחאָד דעם אַלטען זיידען!... (ער צמאַקעט מיט די ליפּען) צוציקעל, ער מוסטירט! — אַ היינטיגער מושטיר, משטיינס־געזאָגט, אַ שפרינגען, אַ דראַפּען זיך אויף די גלייבע ווענט, האַלטען ביקסלעך און שיסען, שיסען... היי סליש! קענסט דו אין פאַרחתמעטע אַרום און אַרום תחתונים מיט אַ היטעל ווי אַ בלינע אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ זיך אויסשטרעקען ווי אַ דרענגיל אַ לאַנגע צייט אויף איין אָרט? און אויף איין פוס קענסט דו אוועקשטעהן אַ שעה, אַט אַזוי, אַזוי (ער הויבט אויף אַ פוס און ציהעט זיך אויס גלייך) ראַ־אַ־אַז (גיט זיך אַ פּאַטש הינטען און מאַכט אַראָבלאָזענדיג דעם פוס) פיט!... (ער פאַלט שיער אַנידער, הערשעלע כאַפּט איהם אונטער׳ן אָרם און פיהרט איהם אוועק)

חינקע (ווייזט זיך אויף דער גאַס שוין אויף איין אנדער אָרט, חליפעט און ווישט מיט׳ן פאַרטוך די אויגען) וואָס וועל איך, נעבעך, טאָן, אַ לעבעדיגע אַלמנה? רבונו של עולם! ווי קענסט דו עס צו־זעהען אַזאַ וועהטאָג, אַזאַ בושה? האָט מען עס אַ מאָל געהערט, געזעהען, אַז אַזאַ חאַסקעלע פון אַזאַ משפחה זאָל זיך געהן שטעלען פאַר אַ סאָלדאַט!... אַליין איז ער, נעבעך, דאַר ווי אַ חאָרט און זעהט אויס ווי אַ טויטער.

אַ יוד (נעבען אַ רעדיל מענשען) חאַצקעלע האָט אַ קענען אַ האַלב יאָהר פריהער פאַר׳ן פריזיוו אָנגעהויבען צו פאַסטען הפסקות און איז, נעבעך, אַראָב פון׳ם לייב... דאָך האָט ער זיינס נישט געשיינקט און חינקע האָט היינטיגס יאָהר, אם ירצה השם, ווייטער אַ קינד.

חינקע. אַזאַ וועהטאָג, אַזאַ בושה.

ר׳ יוחנצע (צוקומענדיג צו הינקען) שאַ, טיפשאַ איינע, שאַ! וואָס זאָל מען טאָן, אַז מען איז בעוונותינו הרבים אין גלות.

חינקע. אָבער גוואַלד, רבונו של עולם, ווי קענסט דו אַזוינס צוזעהן, אַזעלכס צולאָזען? ס׳איז שוין טאַקע גאָר אַיין עק פון דער וועלט... שווער, וואו זענען די נגידים, אייערע נגידים? עפּיס זייט

איהר דאָך מיט זיי אינאיינעם אַ טהוער, אַ גאַנצער מאַכער אין שטאָדט-זאַכען. זיי זאָלען װעלען, װאָלט גאָר אַנדערש געװען. מײנע צרות אויף זיי!

ר׳ יוחנצע: שאַ, זאָג איך דיר, טיפּשא, נישקשה! אַזוי גראָב מיאוס איז נאָך די װעלט נישט פּערדאָרבען געװאָרען. ר׳ יוחנצע דעם רב׳ס זוהן װעט מען נאָך אַזוי גיך אין געװאַנד נישט אַריינשטעקען. יודען, נישקשה, בלייבען יודען... (אָנבייגענדיג זיך צו חינקען) מיינע נגידים, נישקשה, אַרבייטען אין דעם עסק, גלויב מיר, ס׳איז רעכט נישקשה!... (ער טהוט זיך פּלוצלינג אַ חאַפּ) שאַ, אַט איז, דאַכט זיך, דאָרט חאַסקעלע אַליין!

צװייטע סצענע.

חאַסקעל לויפט פון דער פּריסטטוא אַרויס מיט אימפּעט.
חינקע און ר׳ יוחנצע לאָזען זיך צו איהם געשװינד
הענדוב-פּענדוס.

חאַסקעל (סאָפּעט, האַלטענדיג זיך ביים הארצען, און קאָן נישט חאַפּען דעם אָטהעם): הו, אוי, אוי, אוי!..

חינקע (אויף אַ קװיטש): אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען!.. דאָס איז דער גוטער אוי, דאָס גוטע אויעלע!

ר׳ יוחנצע (צמאַקעט מיט די ליפּען און מאַכט מיט די הענט שטאַרק פּער־װאונדערט): נו-נו-נו! היתכן הא?

חאַסקעל (בלינצעלט מיט די אייגעלעך, סאָפּעט װי אַ גאַנז און לאָזט קוים אַרויס זיפּצען): אוף... אוף... אוף...

חינקע (ברעכט די הענט): אוף, װעה איז מיר! בוף, װינד איז מיר! דאָס גוטע זיפּצעלע... (צו ר׳ יוחנצע) אַט האָט איהר אייך פּאַר אייער מיה, אַלץ אין מצוה-זאַכען, אין שטאָדט-זאַכען.

איינער פון עולם (אין דער זייט) מאָלט אַייך, צו מצוה־זאָגען לעגט ר׳ יוחנצע קיינמאָל נישט צו. הערט בעסער, וואָס איך וועל אייך זאָגען: איז חאַצקעלע צוגענומען געוואָרען, איז אַיין עק מיט דעם נאָכאָר. (צו איינעם נעבען איהם) מזל טוב, ר׳ זלמן, איהר מעגט זיך שוין פרעהען, אַייער בן יחיד איז פריי.

חאַסקעל. טאַ־טאַ־טאַ... טאַטע!

חינקע (אויף אקוויטש צו ר׳ יוחנצען) אוי־טאַטע, פאָטער, פערהאַפּט זאָלען זיי אייך ווערען אַייערע פיינע לייט, רבונו של עולם, אין דער ערד מיט׳ן קאָפּ אַלע אַייערע נגידים׳לעך, גלויבט זיי פון היינט אָן ווי דעם הונט.

ר׳ יוחנצע. שאַ טיפּשאָ; לאָז מען הערען אַ וואָרט. חאַסקעלע וויל עפּיס זאָגען.

חאַצקעל. טאַטע... אָבגעלאָזט!

ר׳ יוחנצע (פערגלאָצט די אויגען) געלויבט השם יתברך! — נו, חינקע, וואָס האָב איך געזאָגט? דו מיינסט, טיפּשא, ס׳איז הפקר אַ וועלט? גלאַט מען נעמט און גיט אָב!...

חינקע (פרעהליך) דאָ האָבען זיך טאַקי נאָר געמיהט זכות אָבות, זכות אָבות.

חאַסקיל (אַ מאַך מיט׳ן גראָבען פינגער) דו מיינסט, טאַטע, מען האָט מיך פשוטו־כמשמעו אָבגעלאָזט? גלאַט אַזוי זיך געגמען און מיך אָבגעלאָזט! ניין...

חינקע (פערוואָרפט מיט׳ן קאָפּ און ברעכט מיט די הענט) איך חלש, איך בין פאַרביי!

ר׳ יוחנצע. אַ פירוש, חאַסקעלע, אַ פירוש!

חאַסקיל (מיט אַ גמרא־ניגון) ניין!... דו מיינסט, מען האָט געזאָגט גלאַט: געה דיר, מיינסט דו? ניין, דאָס איז דאָך נישט קיין רבותא. וואָס־זשע וואָלט מען מיך דאָ געלאָזט הערען? אַ פּאָר דאָר־מען האָט מען טאַקי געזאָגט: געהט אַייך דאָס איז אָבער געווען על מנת להחזיר טאַקי תוך־כדי דבור האָט מען זיי צוריק גערופען. איינעם האָט מען אָהן שיהות טאַקי אָבגעגעבען. און דעם אַנדערען געהייסען געהן, מחילה, אין ספּיטאָל, ווי הייסט עס ביי זיי דאָרט אויף זייער שענעם לשון, עפּיס אויף ספּיטאַניע. מילא איז דאָך „געה דיר" דאָרט עפּיס נישט אַזאַ חשיבות, אַז דערנאָך זאָל נישט זיין דערצו קיין פּתח־חרטה. אלא וואָס דען־זשע? ניין, מען בעדאַרף הערען דעם שפּיץ.

ר' יוחנצע (מיט חינקען אין איין קול) גיכער, גיכער, חאַסקעלע, ציה נישט ביי דער נשמה:

חאַסקיל. די גאַנצע רבותא ליגט אין דעם שפּיץ. ער האָט געזאָגט, יענער אָדון, מיט די עפּאָלעטען דאָרט, האָט געזאָגט... לאָמיך נישט זאָגען קיין ליגען, ניין, נישט געזאָגט, נישט געזאָגט... אַ געשריי האָט האָט ער געטאָן. האַ? ניין, האָט ער אַ שפּיי געטאָן, ער האָט פריעהר אַ שפּיי געטאָן.

ר' יוחנצע. למאַי נפקא מינה, אַזוי צו אַזוי? עפּיס אַ גביות עדות? דאָ געהט דאָך נישט אין דעם געשריי. אין דעם שפּיי. — אין תוך אַריין, חאַסקיל, אין תוך אַריין.

חאַסקיל. ניין, לאָז זיך דינען, ס'איז אַ גרויסע נפקא מיניה, מען בעדאַרף עס האָבען צום פּשטיל. דרינען ליגט דער גאַנצער קוועטש, דאָס גאַנצע בעוואָהרעניש. יאָ, טאַקי אַזוי, פריהער אַ שפּיי און דערנאָך אַ געשריי. ער האָט אויף יונית אַהיק געטאָן: פּאַשאָל וואָן, זשיד פּאַרחאַטי! דער פּשט דערפון איז נישט גלאַט, גייה דיר! עס זאָל נאָך אַ סברא זיין דיך ווידער צו רופען, אלא ווי דען זשע, פּאַשאָל וואָן אויף לעולם ועד, גייה אויף דער דעה, אַז אייביג זאָל מען דיין פּרצוף פּנים מעהר נישט אָנקוקען!.... „זשיד פּאַרחאַטי!" הייסט אַזוי פּיעל, אַז אַלע דאָרט זענען מודה, איך טויג לחלוטין נישט, און האַלטען נאָך פאַר אַ טרפה'ן גליק, וואָס זיי זענען מיינער פּטור געוואָרען. וואָס הייסט אָבלאָזען, מיט אַ קוועטש, מחיה נפשות! ביי זיי, להבדיל, מעגען אפשר אַזעלכע דבורים גאָר זיין עפּיס נישט אַזעלכע שענע, נאָר פון וועמען, משטיינס־געזאָגט, מען האָט זיך דאָ צובעליידיגען?... אדרבה, גאַנץ גוט, מחיה, ס'איז דאָך אויסגעקומען מיט'ן קנאַק.

ר' יוחנצע. אַבי חאַסקעלע דו בינסט אויף דעם עולם, אין אַ גוטער מזלדיגער שעה! אַ פּנים, עס האָט גאָר געקענט זיין, חלילה, אַנדערש?! עפּיס שפּילט מען זיך מיט צדדים, מיט מיינע זכות אָבות!... און די טיפּשא דיינע האָט שוין פערלוירען דעם בטחון, געמיינט: עט־שמעט, הפקר אַ וועלט...

חינקע (אויפהייבענדיגביידע הענט אין דער הויך) אַ שבח צו דעם, וואָס איך האָב די הענט ניט געוואַשען! אַ געפונענער חאַסקעלע, אַ געפונענער! גומל בעדאַרפסט דו, חאַסקעלע, בענשען, וואָס דו ביסט אויסגעקומען, אַרויס פון זייערע הענט...

חאַסקיל. חינקע, דו האָסט געמווזט שלוקערצען, מען האָט דיך דאָרט דערמאָנט. ביים באַדקעווען מיך און בעקוקען פון אויבען ביז אַראָב האָט איינער מיט אַשמייכעלע מיך אַפרעג געטאָן, אויב איך האָב אַ ווייב? — פע, עפּיס אַזעלכע נאַרישקייטען! נאָר מילא, בו — איך האָב, זאָג איך, אַ ווייב, ווי דער אמת איז, און קינדערלעך. די זאַך, אַ פּנים, איז אויטליכען דאָרט געפעלען, ווארום אַלע האָבען קוקענדיג אויף מיך עפּיס געלאַכט און אויסגעלאָזט צום סוף כהאַי לישנא: האָ־אָ, מאַלאָדעץ! געה צום ווייב און גלייך דיר אַביסעל אויס די ביינער.—פע, עפּיס אַזוי משונה גראָב.... זייער באָבעם עסק! — עס חלשט מיר בעסער דאָס הארץ. קום אַהיים. עסען! אויף וואָס די וועלט שטעהט עסען. שוין צייט, דאַכט זיך, מיר צו ע̇סען... אַי, וויל איך עסען! (ער וויל געהן און קען נישט פּלאָנטען מיט די פיס)

חינקע (מיט אַזיפץ) אַריהרען זיך אַביסעל! אַ קאַטאָוועס אַזאַ צייט זיך פּייניגען . . . בלייב, חאַסקיל, דאָ מיט דעם טאַטען און איך וועל אַשפּרינג טאָן ברענגען אַ וועגעלע. (זי פערשווינט גיך).

דריטע סצענע.

רבי יוחנצע און חאַסקיל שטעהען נעבען עולם אין דער זייט, אלכסנדר געהט פון דער פּריסוטסטוואָ אַרוים פּער־טראַכט. זלמן און זעלדע לויפען איהם אַקעגען. שמואליק.

זעלדע (אין איין אָטהעם) אַבי דו ביסט שוין דאָ, אלכסנדר, אין אַ גוטער מזלדיגער שעה. איך זאָל דיך שוין זוכה זיין פיהרען אונטער דער חופה. האַ? דו שווייגסט... וואָס שווייגסט דו. אַלכסנדר? דאָס בעטייט עפּיס נישט קיין גוטס, בעטייט עס. וועה איז מיר, זאָג גיכער, זאָג וואָ־רום...

זלמן. וואָס איז אַלץ אין איין אָטהעם? האָב אַביסעל צייט, זעלדע.

ז ע ל ד ע. ניין, ער שווייגט, דאָס איז נישט קיין גוטער סימן, אלכסנדר, סערדצע, דו ביסט בלייך.

א ל כ ס נ ד ר. מאַמע, איך בעט דיך....

ז ע ל ד ע. איך זעה שוין, זעה, פינסטער איז מיר!.... זלמן, טיר האָבען געפיהרט אונזער איינציגען זוהן צו דער עקדה! (זי לאָזט אַרוים אַ קלאָג)

ז ל מ ן. איהם מקריב צו זיין אָנשטאָט אַ באַראַן (ער טייט אַקעגען מיט אַ פינגער) אָנשטאָט אַ חאַסקעלען! אַיאָ, מיין זוהן, דו ביסט אַ קרבן?!

א ל כ ס נ ד ר. צו וואָס, טאַטע, אַזעלכע שרעקליכע ווערטער? שאַ, בּרח זנות, נעבעך, אויף דער מאַמען!

ז ע ל ד ע (ברעכט די הענט) אַ וועהטיג איז דער מאַמען.... פינסטער איז דער כלה.... זי וועט עס היינט בעקומען די ויסטע, פינסטערע בשורה.

א ל כ ס נ ד ר. (האַפּענדיג זיך בּיי'ם האַרצען פערציטערט) אך, בערוהיג דיך אַביסעל, מאַמע, שפּאַר זיך אויף מיר אָן און שטעה אַ ווײַלע ביז דו וועסט צו זיך קומען. (ער נעהמט זי אונטער אָרם. צווישען דעם עולם הערט זיך אַ געַרויש. שמואליק ווייזט זיך ווידער, שטאַרק פערבוסעט, דאָס היטעל אויף דער זייט)

ש מ ו א ל י ק. כמירנאָ, וויסניטרע, וויסנאָפרע לחי עולמים, נאָך שחרית געהט מוסף און צווישען אַ כוס, אַ קידוש מיט טרעהרען לכבוד דעם היינטיגען יום הדין.

זעלדע (מיט אַ געוויין אָנשפּאַרענדיג זיך אויף אלכסנדר'ן) אָך, ווי גליקליך מיר זענען ערשט נישט לאַנג אַלע געוועזן....

ש מ ו א ל י ק (פייפט און זינגט מיט א אומעטיג ניגונדיל)

אויף אַ ביימעל, אין אַ נעסט,
זיצען טויבען צופרידען,
זיצען, פיקען, עסען קעסט,
פיהרען דאָרטען אוים פלידען.
טראַלאַלאַ, טרילילי,
ראַז, דוואַ, טרי!

ז ל מ ן (אָנווייזענדיג דעם עולם אויף ר' יהנצען און חאַסקילען) אָט זענען די זיילען פון דעם יודישען גלות!.... אָט פון וואַנען עס נעהמען זיך

אונזערע אַלע צרות, מכּות, ליידן און פּורעניות! איין עולם יודען האָרעװעט, דאַרבט, װערט פערשװאַרצט און בעדאַרף אויסהאַלטען פיילע מיוחסים בטלנים, צבועאַקעס, װאַנצען, כּנים, װאָס קריכען, בייסען, שטינקען און פרעסען. קאַרג װאָס אַזעלכע גיט מען אַװעק דעם לעצטען ביסען, ברענגט מען נאָך זיי קרבּנות — קינדער, בני יחידים!

שמאליק. פּיטום הקטורת, שטאָפּט קעלבער יודישע קינדער! פּיטום הקטורת נפשות צו דער עבודה זרה, נפשות צו די ר׳ געצעלעך! ביי אימליכען געצעלע איז בנים אַ זעצעלע און איטליכער שמייליגער ר׳ גען האָט געשלאָגען כפּרות מיט אַ קליין יתומ׳ל, מיט איין אָרם, בידנע קינד. ונסכּיהם כּמדבּר, דריי איימער טרעהרען פון איין אָרמער מאַמע, אַ װיסטער אַלמנה!....

זלמן (אַלץ אָנװייזענדיג אויף די פּריזהערדינע) קען מיט סאַמעטענע לאַפּקעלעך און שאַרפע שפּיצעבדיגע נעגעל! און אַזעלכע רעדען פון גאָט, פון יודישקייט, פון פרומקייט, עהרליכקייט און רחמנות...

איינער פון׳ם עולם! מען װיל רחמנות פון אַנדערע, אַז ביי אונז אַליין איז איינער אויפ׳ן אַנדערען נישטאָ קיין רחמנות. מטופּל׳ס מיט קינדער טהוען אַלע מיטעל זיך אויסצודרעהען, ניט קוקענדיג דערויף אַז דערמיט קיילען זיי אַנדערע.

אַ יודענע. געקיילעט זאָלען זיי װערען אָהן אַ מעסער, װי זיי האָבען מיך פאַר אַ יאָהרען געקיילעט! מיט פיל מיה און גרויסע צרות האָב איך אויסגעהאָדעװעט מיין קינד, מיין איין איינציג קינד, מיין טרייסט און מיין לעבען. פלוצלים גיט מען איהם אַרים מיר אויס דעם האַרצען... איך יאָמער און קלאָג ביז אַ צינד. אוי, יודישע קינדער! אַזאַ װעהטיג, װאָס אַ בּהמה אַפילו קען עס נישט אויסהאַלטען, רעװעט, שרייעט נאָך איהר קינד, אַז אַ שטיין קאָן צוגאַסען װערען.

זעלדע (אויף אַ ביטער קול) איין אויג אין קאָפּ, און דאָס איינציגע האָט מען צוגענומען!

שמואליק (קרימט זיך נאָך) פלאַנבעט!... אַ קאַטאָװעס איין אויג אין קאָפּ! מיר האָבען שוין געזעהען אי ביידע אויגען—זיבען קינדער ביי אַ מאַמע צונעהמען. שבעה אני יודע, שבעה כּוסות בּבמחזה! (ער פּייפט צו אין זינגט)

דראַפּעט צװישען טאָג און נאַכט
שטיל אַ קעציל זיך אַרויף,

צו די טייבלעך מיאוי געמאכט,
טשיק-טשיק, האפ-לאפ, פרעסט זיי אויף.
טראַלאַלאַ, טרילילי,
ראַז, דוואַ, טרי!

זלמן שענע נפשות, וואָס ציטערן נאָר פאַר זייער הייטיל! אַבי זייער נפשיל—מעג פון זייערט וועגען כל ישראל אפילו די כפרה ווערען. אין אַזעלכע הייסען נאָך רחמנים בני רחמנים, אוהבי ישראל! און אויף אַזעלכע עפּענט זיך נאָך שונאים אַמויל צוזאָגען, אַז אַלע זענען מיר איין קהל, יד אַחת... אוי, אונזערע ר׳ יוחנצעס, אונזערע פיהרער, אונזערע תכלית-פערזאָרגער און דאָס גאַנצע יודישע רחמנות!

חאַסקיל (טאָרעט ר׳ יוחנצע׳ן) קום, טאַטע! חינקע האָט שוין געבראַכט אַ וועגעלע. דו הערסט וואָס ער רעדט?

ר׳ יוחנצע (מאַכט מיט אַ פינגער און רעדט צוצווינגען) ווער האָרכט אַזאַ מענשיל, אַזאַ אַפּיקורוס! יודען האָבען שוין געגוג אַזעלכע איבערגעהאַט און זיי אַלע געהערט ווי גאָרנישט (ביים אוועקגעהן מיט האַסקילען צום עולם) פאַלט פונדעסטוועגען ביי איך נישט אַראָב. יודען, נישקשה, בלייבען יודען...

שמואליק. חי וקים, שרייט חי וקים, יודישע קינדער!

זלמן (מיט אַ זיפץ) יאָ, יודען בלייבען טאַקי יודען... ביי אַזעלכע אין גלות. — (צו אַלכסנדערן און זעלדען) קומט! די זאַך איז נאָך נישט פערלוירען, נישקשה. אַלסדינג וועל איך דערוויזען און חאַסקילע וועט נעהן אַ גאַנג און שמעקען פולווער... שאַ, זעלדע, נישקשה, כ׳לעבען! גלויב מיר, וועסט עס אין פריידען דערצעהלען גיך און באַלד ביי דיין זוהן צו דער חופה. קומט אַ היים!

זעלדע (אַוועקגעהענדיג מיט אַלעקסאַנדרין) זוי, חרב-חיסט איז מיין היים.

שמואליק (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, טהוט אַ פייף און דנגט טרויעריג)

ניש׳טאָ אין נעסט קיין טייבלעך מעהר,
ניש׳טאָ מעהר דאָרט קיין פרידען.
צולעבען איז די אַלטע שוועהר
אַליין אָהן זיי׳רע פלידען.

טראַלאַלאַ, טרילילי,
ראַז, דוואַ, טרי!

שרייסט חיי וקים. געשמאַיע איך פּאַר־פול, יודישע קינדער!...
(דרעהט זיך איבער אויף אַ פוס און געהט, סאַכענדיג דערביי ראַז דוואַ, טרי. דער עולם צוגעהט זיך אין פערשידענע זייטען)

פערטע סצענע.

איציק דער קרעמער שטעהט ביי דער טיר פונ'ם קלייטעל.
ר' אליה זיצט אויפ'ן נאַניקעל, אויף אַ ביינקעל מיט'ן פּנים
צו דער גאַס. ליפּע דער חלפן זיצט נעבען טישל.

איציק (שאַקעלט מיט'ן קאָפּ, שאַרף אָנקוקענדיג ר' אליה'ן, און גיט אַ מאַך מיט דער האַנד) ער רעדט עפּיס אַזוינס, אַז מען קען אויסגעהן הערענדיג! גלאַט מען נעהמט דעם תוגר און וואַרפט איהם אַרוים אויף אַ שפּענדיל! און ענגלאַנד, וואו איז ענגלאַנד? איהר שפּילט זיך עפּיס מיט ענגלאַנד!

ר' אליה. און וואו איז קירה? דו שפּילסט זיך, איציק, עפּיס מ'ט קירה!

איציק (טהוט ביז אַ שטייכעל) קירה מאַק!

ר' אליה (ווערט אונטערגעטראָגען) הרעסט דו, איציק, דיין וויקטאָריע איז אַ יודענע מיט אַ יאַמפּערקע!

איציק (הויבט אויף דעם פוס און קלאַפּט מיט אַ פינגער אויפ'ן קנאַפּעל) וואָס ביי דער יודענע מיט דער יאַמפּערקע ליגט אין קנאַפּעל, האָט עם אייער קירה נישט אין קאָפּ. קירה מאַכט געוועהנטליך נאָר פוילע תנועות, דרעהט זיך, דרעהט זיך אין ראָסעל.... און שטעהט תמיד אויף איין אָרט.

ר' אליה. תרבות! איך קען בעסער קירה ווי דו (נעהמט זיך ביים בערדיל) איך בין, ברוך־השם, אין מיין לעבען, ווי דו קוקסט איך אָן, שוין צוויי מאָל געוועזען אין בראָד און איינמאָל אויש איז לעמבערג.

פארשטעהסט דו מיך? אין לעמבערג!... מען בעדארפט קענען יענס לעבען. טע-טע-טעט! ס׳איז גאָר עפּיס אנדערש. וואָס בעדאַרף מען מעהר, למשל, אַביסעל בראַנפען, ס׳איז גאָר אַ אַנדער ביסעל בראַנפען. ביי אונז איז בראַנפען—בראַנפען, קירה׳ס אַביסעל בראַנפען איז אַביסעל בראַנפען, טאַקי וואָס אַביסעל בראַנפען הייסט, מען פיהלט, אַז מען נעהמט אַביסעל בראַנפען, עד היום ליגט מיר אין טעם קירה׳ס אַביסעל בראַנפען.

איציק (פערקרימט זיך) פּישששש! און פּאַנש איז, כ׳לעבען, גאָר שלעכט, פּאַנש מיט ענגלאַנדם אַביסעל ראָם. קירה, זאָג איך אייך בפירוש נאָך אַ מאָל, דרעהט זיך און שטעהט אַלץ טאַקי אויף איין אָרט ער האַפּט נאָר ביי די מלכיות שיריים ווי אַ מקבל.

ר׳ אליה. (שטארק אויפגעבראכט) דער תוגר איז אַ קבצן!

ליפע (דרעהט אוים דעם קאָפּ צום גאניקעל) וואו איז, ר׳ אליה, די פערציג קאָפּיקעס, וואָס איהר האָט ביי מיר גענומען אַ גמילות חסד אויף שבת?

ר׳ אליה. הרגעט מיך פאַר אַ גראָשען. נישטאָ אַצינד, נישט פאַר אייך גערדאַכט, ביי מיר קיין פּרוטה, אָח-חאָ-חאָ! שלעכטע צייטען.—(צו איציקען) יאָ, איציק, זאָלסט דו טאַקי וויסען, דער תוגר איז אַ קבצן.

ליפע. נעהמט נישט פאַר אומגוט, ר׳ אליה. מילא דער תוגר איז אַ קבצן. גאַנץ רעכט, איז ער זיך אַ קבצן, לאָז ער זיך זאָרגען אַליין פאַר זיך. אָבער איהר, ר׳ אליה, פאַר וואָס זאָלט איהר אַרום אייך עפּיס נישט טראַכטען? איהר זיצט דאָך, נעבעך, אָהן פּרנסה און האָט נישט אַ טאָג מיט וואָס איבערצוקומען. איך בעט אייך, פאַר וואָס זאָל אייער שמחה מאַריאַשעס, אַ שטייגער, נישט לאָזען אַזא יודען ווי איהר, דרעהען זיך אַרום איהם אין דער טאַקסע? למאי פּוּפציג אַנדערע, וואָס דרעהען זיך דאָרט אַרום. ווייס איך וואָס זיי טהוען? זיי קוקען, דרעהען זיך, מאַכען באָם, לאָז אַזאַ ר׳ אליה זיך אויך דרעהען, קוקען, האַ!

ר׳ אליה (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד) עט.... דברים בטלים. לאָז נאָר זיין מלחמה, וועל איך מיט גאָטס כח מיך אַוועקלאָזען אויף דער מלחמה! נישקשה.... (צו איציקען) דער שפּיץ איז, איך וועט מיך אין וויפיעל מעז וויל קוואָרט משקה, אַז עס וועט זיין ווי איך זאָג

איציק. במזומנים, ר׳ אליה! איך לעג אויך איין אקעגען, אז זיין וועט ווי איך זאג.
(פייבוש קומט צו צום קלייטעל, דאס היטעל איז איהם פעררוסען אויפ׳ן עפין קאפ און דאס שטעקיל הענגט איהם אויפ׳ן אָרם).

פינפטע סצענע

די פריהערדיגע און פייבוש גאסטוואנדער

פייבוש. א גאט העלף, יודען! פון וואס שמועסען עס יודען?
ליפע. גוט, כ׳לעבען, וואס איהר האט זיך אונטערגעהאפט, ר׳ פייבוש, זיי האמפערען זיך דא שוין אוודאי א קעגען א שעה, אלץ וועגען דער מלחמה מיט דעם טערק, אויך וועגען די קאמפאניעס פון די קיסריות, און קענען זיך בשום אופן נישט אויסגלייכען.

פייבוש, למאי נפקא מיניה? מסתמא וועלען דאך יודען נישט משוגע זיין, רעדען איבער איין ענין, און וועלכען עס זאל נישט ליגען עפיס א שטיקעל כונה.
ליפע. א קרעפלעך זאלט איהר, ר׳ פייבוש, עסען. איהר גטהס טאקי אויף א דרך. אנגעהויבען האט זיך עס פון שמחה מאריאשעס חתן, וואס איז היינט צוגענומען געווארען אין דער דינסט. ר׳ אליה זאגט, אז כ׳מוז ווערען אוים שידוך. ער זאגט עס נאך מיט א קוועטש פון דער פאליטיקע, מיט זיין קיימא לן, אז מלחמה מיט דעם טערק מוז זיין און טאקי בקרוב, און א גיכער צייט זיין. (צו ר׳ אליה׳ן) פיהרט, זייט מוחל, אליין אוים אייער גערדאנג, בּיי אייך וועט עס אויסקומען שפיצעבדיגער. זאגט, ר׳ אליה, זאגט!

ר׳ אליה. ממילא וועט דאך שמחה׳ס חתן אין דער מלחמה אריין מחויב זיין צו געהן. ווארום, אויך די אייגענע מעשה, בּיסט דו א זעלנער, שמעק זשע פולווער, און ווי באלד פולווער! איז שוין גאר אנדערע דינים... נמצא וועט שמחה לכל הדעות האבען א מגו אויפ׳ן

שידוך חרטה צו האָבען. אָט וואָס איך זאָג. אַי, איציק זאָגט גאָר קאַפּויער? נו, בע... איציק ווייסט נישט, מאי דקאמרי רביצין!

איציק: און אליה אינאיינעם מיט קירה ווייסט נישט מאי דקאמרי אַחשתּרנים! (ער געהט אַ־יין אין קלייטעל).

ליפּע: היינט פאַרשטעהט איהר שוין, ר' פייבוש? און פון דער מחלוקת איבער דער מלחמה איז נולד געוואָרען דער סיכסוך וועגען די צדדים פון די קסריות, ווער מיט וועמען וועט האַלטען. היינט ילמדנו ר' פייבוש אייער הסברא. עפּיס זייט איהר דאָך אַ לאַנד־שדכן.

פייבוש (רייבענדיג דאָס בערדיל מיט אַ קנייטשיל): על פּי סברא איז טאַקי אַזוי... אַדרבה, האַ? (ער טייט מיט אַ פינגער אויפ'ן שטערען) איז דאָך טאַקי עפּיס אַ פּלאַן. יאָ, אי וואָס?..

ליפּע: איך ווייס פּין אַ זיכער אָרט, אַז מלחמה וועט געוויס זיין אין פריקאַז האָב איך אַ בעקאַנט שרייבעריל, האָט ער צליין מיר עס געזאָגט, אַזוי ווי אַ יודישע צייטונג—טפו! ווי הייסט זי דאָרט?— שרייבט אויך אַזוי פון אַ זיכער אָרט... הערשעלע דער סאָלדאַט האָט מיר עס אויך געזאָגט. ניסיע, זיין ווייב, האָט צובייטענדיג היינט ביי מיר אַ קערביל עפּיס שטאַרק געזיפּצט, מיין איך, ס'איז, אַפּנים, נישט גלאַט.

פייבוש (שטאַרק פערטראַכט): מילא איז שוין איין צד דאַ... און דער צווייטער? דער צווייטער?... (ער רוקט אַרויף שטאַרק דאָס היטעל, שטעקט אריין טיעף הינטער דעם קאָלנער און טהוט זיך אַ געשמאַקען קראַץ) אַז מען זוכט, געפינט מען!... ס'איז רעכט! מען בעדאַרף אַרום דעם טאָן און זיי צונויפפיהרען?

ליפּע (אָנקוקענדיג פייבוש'ן פערוואונדערט): וואָס?! וועמען, ר' פייבוש, צונויפפיהרען?

פייבוש: עט... מיר איז אַגב אַרויף אויף דעם מוח מיינס עפּיס אַ עסק'יל... נישטאָ קיין צייט. אַ גוטען! (ער פליהט געשווינד אַוועק).

ליפּע: עפּיס איז מיר היינט מיין פייבוש שטאַרק צוטראָגען: איהר האָט בעמערקט?

איציק (שטעהענדיג אין דער טיר פונ'ם קלייטעל און אויסשטרעקענדיג דעם קאָפּ צו דער גאַס): אוי־אוי האָב איך בעמערקט, ווי ער האָט פון ר' אליה'ס גערדאַנג ויך פאַרקנייטשט, גלייך ווי ער וואָלט איינגענומען ריצענאייל. אַ גוט אַבפיהרונגס־מיטעל, כ'לעבעו! ער איז טאַקי באַלד צוטלאָפען.

ר׳ אליה (א צמאק-געבעגדיג מיט די ליפצן): אַ חכם פון דער מה-נשתנה אַרויס, בע!... פרעגט איהם בחרם, וואָס ער בעבעט, אַבי געבעבעט!...

איציק (לויפט אַרויס צום עק גאַניקעל און רופט אויף א קול האַלטענדי-די הענד איבער די אויגען): מענדיל! (צו ליפען) טהוט אים נאָר, זייט מוחל, דאַרט אַ רוף ר׳ ליפע

ליפע: מענדיל, מענדיל! — בראָש איז ער טויב — א, מענ-דיל, מענדיל, מענדיל!

זעקסטע סצענע.

די פריהערדיגע און מענדיל.

מענדיל (צוקומענדיג צום קלייטעל? גרויסע נסים, כ׳לעבען, וואָס איך בין נישט מעוברת. מען קען מפיל זיין פון אַזאַ געשריי!

איציק (מיט א פינגער אויף דער נאָז) צו מיר ווילסט דו שוין נישט שמעקען? אַז מען שיקט דיך עפּיס קויפען, לויפסט דו ערגיץ אַנדערש, אָדו כלבוניק! וואָהין ביסט דו עס ערשט נאָר אָהן אַ נשמה אַזוי געלויפען?

מענדיל. טפו, איך האָב היינט דאָס גוטע לויפעניש! פון פריהמאָרגען אָן טראָגט עס מיך ווי אַ רוח אַ מלמד. לויף און מוז באַלד טאַקי ווייטער לויפען.

איציק. ניין, כלבוניק! אַבי איך האָב דיך שוין דערטאַפּט, וועסט דו ביי מיר אַזוי גיך נישט אַרויסדרעהען זיך. זאָג, וואָס בעטייט אַזוינס דאָס לויפעניש? זאָג, מענדיל, זאָג מיט פּיסקעס!

ליפע. זאָג, מענדיל! איך בין דאָך שוין טאַקי ציקאַווע: זאָג שע, זאָג!

ר׳ אליה. אַז צוויי יודען זאָגען: זאָג! איז נישט דער דרך ארץ זיך אָבצוזאָגען. מ׳לא וואָס קען עס דיך אַרען צוזאָגען? זאָג שוין, זאָג, אַז דו וועסט זאָגען.

מ ע נ ד י ל (אנהאַפּענדיג זיך בײם קאָפּ מיט אַ העװיהילע) אַי—אַי—אַי, האָט רחמנות, יודישע קינדער! פון אַלע זײטען אַ זאָג—זאָג—זאָג! אַז עס רײסט מיר אויף דעם מוח. שאַ! איך װעל מיך אויסקויפען פון יודישע הענט און אַלסדינג, װי איך בין אַ יוד! אין אײן אָטהעם אָבזאָגען.—שלום עליכם!—עליכם שלום!—מה שמיכם?—מענדיל, נאָך אַ בחור. ר׳ שמחה׳ס אַ משרת.—לויף היינט פריה כלחוך השור אין דער באָינע. לויף פון דאָרט אַ היים און האָב אַ באַרג אַרבײט.—אָמנם חטאתי! פערגלוסט זיך פון אַלע מלאכות מיר אין דער קיך, קוצוניו=מוצוניו מאַכען מיט דװאָסיען.—איך איהר: דװאָסעניו, ליובעניו, און זי מיר: װער פאַרברענט!—גיב איך זי אַ קלײן ציהעלע און מײנע אין אײן כעס מיט אַ געפילדער . . . בלײבט נעבען מיר זיצען אויפ׳ן טאַפּטשאַן.—לויפט פלוצלים אַרײן די בעל=הבית׳טע.—צולויפען מיר זיך װי די פערסמטע מײז.—מײנער פוץ אין שטוב אַרײן,—װאַרף אין אַײלעניש, לויפעניש עפּיס אַראָב, טראַך, טראַך!—געשװינד אַ לויף אין אַנדערען חדר.—לויפט אַרײן די בעל הבית׳טע, בטל׳ט חלומות.—חאַפּט זיך אונטער דער שנײדער מיט רײזעלעס חתונה=קלײדער.—אַ לויפעניש צו רײזעלען אין חדר.—מײנער אַ פליה צוריק אין שטוב אַרײן.—טראָגט דער רוח אָן דאָס גוטע מוהמעניו חאָלצע אין שלײער.—מאַכט אין אײן אָטהעם: שפּרינצע . . . האַ, נישטאָ... מענדיל, װאו די בעל=הבית׳טע?—לויפט אָן די בעל הבית׳טע און רײזעלע אין אַ חתונה=קלײד. גאָר אַ פריצה.—פערניץ געזונט! װינשעװעט=צו חאָלצע, נאָר מיט מעהר מזל. אָבגעגעבען דײן חתן!—רײזעלע פוץ אויף דער קאַנאַפּע, קאַלט װי אײז.—אַ געשרײ, אַ לויפעניש!—דער בעל הבית לויפט, װערטעלט זיך מיט דער בעל=הבית׳טע.—לויפט די בעל=הבית׳טע פאַרװײנט אַרויס.—לויפט דער בעל=הבית צוקאָכט אַװעק.—אַ געשרײ: לויף, מענדיל, אין דער אַפּטײק!—נעהמט מײנער די פיס אויף די פלײצעס און לויפט.—שרײעט ר׳ איציק: מענדיל!—קװיטשעט ר׳ ליפע: מענדיל מענדיל!—אַ גערײדערײ, אַ געזאָגערײ! זאָג=זאָג=זאָג!—חאַפּ איך אָב אין אײן אָטהעם װי די עשרת בני המן ביז ויזתא.—האָט איהר שוין אָבגעהערט די מגילה, װײסט איטליכם פיצעלע, האָט=זשע רחמנות, יודען, אויף אַ יודישער נשמה! לאָזט אונז לאָמיך לויפען װײטער!

א י צ י ק. נו, צו אַלדי גוטע יאָהר, ממזר אײנער! אַ שענער תכשיט, נישקשה, אַ פאַרשלעפּטע קרענק פון זײן ליבען נאָמען

(ער נעהמט אױן גיט מענדלען אין דער האַנד) נאַ, משלחת, אַ שטיקעל מאַנ־דעל־זייף פאַר דיין דוואַסיען.

מענדיל. זי זאָל האָבען, מיט וואָס מיך צוזייפען. אַזױ זייפט זי מיך, יודישע קינדער! (ער געהט אַוועק. צום קלייטעל קומט צו אַקונה, איציק געהט מיט איהם אַריין).

ר׳ אליה (צו זיך אַליין) טע־טע־טעט... נו, וואָס וועט ווייטער זיין? (גענעצט אויף אַ קול) אַהו־הוך! (נעהמט פונ׳ם בוזעם אַרוים אַ צוקנייטשט פּאַפּיריל, טרעסעט אַרוים אַ קאַפּ צוריבענעם טאַבאַק און פריוווט מאַכען אַ פּאַ־פּיראָם) אָח־חאָ־חאָ! עס וועט דערפון גאָר נישט ווערען. מען בעדאַרף געהן אַבעט טאָן ביי יענעם אַ ציגאַר טיטון. (ער הייבט זיך אויף פונ׳ם ביינקעל, גלייכט זיך אוים די ביינער, און געהט אַריין אין קלייטעל).

זיבעטע סצענע

שמחה מאַריאַשעס און פייבוש וויזען זיך אויף דער גאַס, האַלטענדיג אין אַ שמועס.

פייבוש. איך זאָג עס אַקעגען דעם, ר׳ שמחה, נאַט אייך אַדרייער פאַר מענשענס שכל! אַלץ השם־יתברך... ס׳איז דאָך בע־שיינפערליך אַ חידוש נפלא! אדרבה טאַקי, לאָמיר זיך נישט נאַרען. האָט מען דען אייך נישט אָנגעשלאָגען לייטישערע, אין אַלע אופנים גלייכערע שידוכים פאַר אייער בתולה? עפּים איז ר׳ שמחה גלאַט אַזױ זיך אַוועקצומאַכען, האַ? — פאַר וואָס זשע, איז דאָך די קשיא פייבושעס שידוך מיט אַ זלמן קריסטאַל אָנגענומען געוואָרען?

שמחה (נישט אָנקוקענדיג פייבוש׳ן). ווייל ר׳ פייבוש, זאָל געזונט זיין, איז...

פייבוש. ניין־ניין־ניין, לאָזט זיך דינען, שאַ!... נישטמעהר, דער תירוץ איז גאָרנישט... קשיות איז גאָר נישטאָ. אָט דאָס גופא טאַקי, דאָס גופא האָט איהר דעם בעסטען בעווייז, אַז פיהרען די וועלט

פיהרט דער רבונו של עולם. בעדאַרף גראָד פייבוש, ווי אויף קאַטאַ־וועס, זיך אַרויסחאַפּען: זלמן קריסטאָל. בעדאַרף גראָד אייער בתולה דאָס הערצן און בעקומען חשק. בעדאַרף זי גראָד זיין אַ ציטערדיגס ביי דער מוטער. בעדאַרף די מוטער, אייער שפּרינצעלע, זאָל געזונט זיין, פאַר דער טאָכטער זיך אַרויסשטעלען און ר׳ שמחה, מאַריך ימים ושנים זאָלט איהר מיר זיין, בעדאַרף אַלסדינג, וואָס דאָס ווייב וויל, פאָלגען... אָט אַזוי האָט זיך עס געדרעהט, געדרעהט, געדרעהט ביז עס האָט זיך אויסגעדרעהט.

שמחה. נו, האָט דאָך שוין זיך אויסגעדרעהט! וואָס זשע...

פייבוש. ניין־ניין־ניין!... און אינגאַנצען—לאָזט זיך נאָר דינען!— ווער האָט אין דער זאַך דעם ערשטען דרעה געגעבען? טאָקי איהר, ר׳ שמחה! אַז דער מאַן לאָזט זיך פונ׳ם ווייב פיהרען ביי דער...

שמחה. איך בעט אייך, לאָזט מיך צורוה און געהט...

פייבוש. לאָזט זיך דינען! מילא זאָג איך עס אַקעגען דעם, ווי גאַטעניו דרעהט זיין וועלטיל... וואָס זשע טהוט גאָטעניו, אַז זיינע דריידלעך האָבען שוין זיך אויסגעדרעהט? דרעהט גאָטעניו ווידער צוריק, אַזוי אַז, פאַרשטעהט איהר מיך?....

שמחה. נו נו! ער פּאַסט מיר צו מיינע צרות. לאָזט מיך געהן מיין וועג!...

פייבוש. (נעהמט שמחה׳ן ביים אַרבעל) נישקשה, ר׳ שמחה! מעהר קיין צרות זאָלט איהר נישט האָבען. (ער רוקט אַריין די האַנד הינטער׳ן קאָל־ער און דערלאַנגט זיך אַ קראַץ) אַז מען זוכט, געפינט מען. פייבוש געפינט... ס׳איז דאָ חתנים......

שמחה. געזונט!.... (ער רייסט זיך אויס פון פייבושעס האַנד און ווערט נעלטרונגען)

פייבוש (שטאַרק פערטראַכט) שווערליך!.... נאָר עט.... נישט דאָס ערשטע מאָל, נישקשה, איך וועל שוין געפינען אַ רעדיל! (ער געהט).

אכטע סצענע.

אליה זיצט אויפ'ן גאניקעל מיט פערלייגטע הענט און
נעניצט, ליפע דערנאך פייבוש.

ר' אליה (קוקענדיג אין דער וועלט אריין) אכט, צוועלף, צוואנציג, פערציג, פופציג, הונדערט!....

ליפע (אויסדרעהענדיג דעם קאפ צו ר' אליה'ן) וואס צעהלט איהר אזוינס, ר' אליה? די קאסע?!

ר' אליה (טהוט א גענייץ) אהו־הוך! א שרעק, וויפיעל סאראקעס האבען אויפ'ן שפיץ דאך דארט זיך אויסגעזעצט! אוודאי אקעגען א ת"ק שטיק. דאס ווייזט אויף גוטער פאגאדע.

ר' ליפע. וואס שרייבט, ר' אליה, עפים דער לוח?

ר' אליה (אונטערהייבענדיג זיך א ביסעל אויפ'ן ביינקעל) א, קונדעס איינער! זעהט נאר דארט, א קונדעס האפט דארט א ציג פאר די הערנער. זי וועט איהם נאך דורס זיין. (נאכדעם ווי ער שווייגט א רגע שטיל) אט, אזוי, האפ־האפ־האפ! זי האט איהם גוט געטראפען. א מצוה! —

ליפע. מען זאגט, דער לוח טרעפט היינטיגס יאהר זעהר גוט.

ר' אליה (גיט זיך א הייב אונטער, מאכענדיג מיט דער האנד) וואן, וואן, בשאל וואן!

פייבוש (צוקומענדיג צום קלייטעל) וואס איז, ר' אליה? אויף וועמען שרייעט איהר עס אזוי?

ר' אליה. א הונד, ר' פייבוש! א הונד לויפט צו און דרעהט א יודיש קעלביל דארט ביים אויער, דרעהט ער.

פייבוש (פערדוקט דאס היטעל און רייבט דעם שטערען שטארק פערטראכט) יא, אזוי טאקי, אזוי!... דער דרעה געהט דורך איהם...

ליפע. עפים רעדט איהר, ר' פייבוש, נישט צו דער זאך! איהר זייט מיר היינט עפים גאר צודרעהט.

פייבוש. אך א שווערע פרנסה דאס שדכנות, מיט הונדערט ספרוזשינקעלעך, שרייפעלעך, קליינע און גרויסע רעדלעך, עפים א גאנצער „אשר יצר"—דראט־ארבייט, דריידלעך־דריידלעך, פייפעלעך־פייפעלעך.

ליפע. גלויבט מיר, אַלע יודישע פּרנסות זענען איין „אשר יצר“. לויטער דריידעלעך, פייפעלעך. ומפליא לעשות איז דער, וואָס קען גוט אָנפּייפען...

פייבוש. דרינען האַלט איך טאַקי מיט אייך, ר׳ ליפע. [illegible] מען פאַלמעסען אַ יודען, וועט מען ביי איהם אין אַלע רמ״ח אבריו זיינע געפינען רעדעלעך, דריידלעך. אָדער זאָל מעגליך זיין, אַ שטייגער, אַ סוחר, אַ פּאָדראַטשיק וכדומה אין דעם קאָפּ אַריינצוקוקען, וואָלט אַזש אָנגעחאַפּט אַ שווינדעל זעהענדיג, ווי עס דרעהט זיך דאָרט פאַר ריר עפּיס בוידעם-פּאָליצע, קאָטשערע-לאָפּעטע, לאָקשענברעטיל, אינדיקזוימען, קאַטשקעפוטער, סכּה שער אַלע אינאיינעם... אַפילו די נעגעל שניידט אַ יוד מיט אַ דריידעל, עפּיס לסירוגין, געשפּרונגען [illegible]און געדרעהט.

ליפע. נישקשה, איהר מעגט אַריינשטעלען אין צעטעל צו די פריהערדיגע אויך למדנים, מחברים, דרשנים און חזנים. די גאַנצע קונץ בעשטעהט ביי זיי אין דעם דרעה, אין די [illegible]ת און די תנועות...

פייבוש. אַז ס׳איז שוין יאָ אַזוי, שטעלט זשע אַריין אי בעלי-תפלות אויך. אין חאַנדריקעוו, אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל ימים נוראים געדאַווענט מוספים, איז דער עולם פון מיין דאַווענען נישט קאָנטעט געווען, ווייל איך האָב אויף אַ קול געזאָגט פּשוט עברי. הערסטו, האָט מען געטענה׳ט, דאָס איז דאָך קיין שׂכל נישט! גלאַט גראָב זעצען ווערטער--בעדאַרף מען דערצו גאָר קיין גרויסער בעל-תפלה נישט זיין. אַ בעל-תפלה בעדאַרף מאַכען עפּיס מיט אַ צוק, אַ דרעה אויף די געמבע אַהין און אַהער... נו, האָב איך דערפאַר דאָס צווייטע יאָהר שוין אַנידערגעלעגט אַ דאַווען מיט הוילע שטייגער, דרעהעלעך און תנועות, אַז מען איז אויס דער הויט געשפּרונגען און געלעקט די פינגער פאַר מתיקות. (צו ר׳ אליהין) מילא דאָס אַלסדינג איז הבל-הבלים... אַ שטיקעל גמרא איז דאָ, וואָס דרינען וואָלט גוט געווען, דאַכט זיך, אייערם אַ דרעהעלע. קומט, ר׳ אליה! וואָס זיצט איהר אַזוי אַלץ אויף דעם אייגענעם אָרט און ווילט זיך נישט ריהרען?

ליפע. ר׳ אליה האָט אויף דעם אָרט שוין אַ חזקה. ער וועט עס נישט אָבלאָזען, סיידען עס זאָל, בעהיט גאָט, נישט זיין אַ ערדציטערניש.

ר׳ אליה. אָה-האָ-האָ! די היינטיגע גילדענע פּרנסות! צו וואָס אַרומדרעהען זיך אומזיסט און רייסען שיך? (ער טהוט אַ געניץ) אַהו—

הוך!.. ווייס איך, ר׳ פייבוש, וואָס איהר ווילט פון מיר האָבען? גלאַט געה און רייס שיך. — נישט מעהר, וואָס זאָל מען טאָן מיט אייך, האַ? (ער הייבט פאַמעליך זיך אויף פונים בײנקעל, קוקט אים מיט אַ נעניץ די ביינער און געהט מיט פייבוש׳ן אין דער גאַס).

ניינטע סצענע.

פייבוש און ר׳ אליה.

פייבוש. (נאָכדעם ווי ער קוקט אן ר׳אליהן אַ רגע שטיל) אַזוי, ר׳ אליה, אַזוי..... אַ מלחמה, דרינגט איהר, מוז זיין.

ר׳ אליה (כאַפּט צו איין אויגעל האַלטענדיג דאָס קעפּיל אין דער זייט) בכן?

פייבוש. בכן וועט אם־ירצה־השם זיין וואָס צוטאָן.

ר׳ אליה. דאָס ווייס איך אַליין, אַבי נאָר מלחמה, לאָז איך מיך, מיט גאָטס כח, באַלד אויף דער מלחמה אַוועק, נישקשה, בין אַזא בריה ווי אַנדערע, בין איך..

פייבוש (מיט אַ שמייכעלע) אויב איהר זייט אַ בריה! דרינגען איז, חלילה, קיינער נישט מסופק. — נאָר אייך ליגט אַלץ אין זינען פּאָלי־טיקע און איך מיין גאָר בפשטות אַ שידוך. איהר קענט מיר אַ ביסעל צואַרבייטען און דערווייל, איידער איהר לאָזט זיך אויף דער מלחמה, דאָ חאַפּען אַ שען פאַרדינסטיל. נישט לאַנג געטענה׳ט, אַ שידוך פאַר שמחה׳ס בתולה מיין איך

ר׳ אליה. וואָס הייסט! דער פריהערדיגער שידוך איז דען שוין טאַקי אָבגעלאָזט געוואָרען?

פייבוש. גלייך ווי אָבגעלאָזט. מען בעדאַרף נאָר אונטעררוקען אַ נייעם, וועט דער אַלטער ממילא אויס ווערען.

ר׳ אליה. אַ שטיקעל חידוש, כ׳לעבען! איהר זייט דאָך געווען דער גאַנצער שדכן!...

פייבוש. נו, דעריבער זאָל איך שנײַ'ן ווי אַ גולם און וואַרטען ביז אַנדערע וועלען זיך פערחאַפּען און אונטעררוקען! און וואו שטעהט עס געשריבען, אַז מען שייט זיך בײַ איין בתולה דאָס צווייטע מאָל אַ שדכן זיין? אין צוואת ר' יהודה החסיד האָב איך עס נישט בעגעגענט און קיין חרם דרבינו גרשון איז דערויף אויך נישטאָ.

ר' אליה. אין קלייטעל דאָרט האָט ערשט איינער געזאָגט: זלמן פּילדערט, ער מוז די אַלע פּסלנות דערוויזען. שפּרינצע איז אַרויף אויף שמחה'ן מיט פייער, אַלע מיטעל זאָל ער אַיינווענדען און דעם חתן בעפרייען. שמחה יאָגט זיך אַצינד אַרום, ר' יוחנצע האַפּט אַ ציטער און איז שטאַרק אין כעס. שמחה מיט דער טאַקסע ליגט בײַ איהם אין דער האַנד און ער קען איהם דערקוועטשען ווי אַ פליג. כ'איז אַ רעש, אַ קאָכעניש.

פייבוש. אַזוי?... אַ קאָכעניש? אַחאַ! נאָר אויך די אייגענע מעשה, אָבהענדיג בעדאַרף מען נישט ווערען. עט... כ'לעבען! אַ היןאַהער, ווי דער שטייגער איז, און צום שפּיץ מוז אויסקומען, טאַקי פּאָרט ר' יוחנצע!... מיך קוועטשט נאָר אַבּיסיל, אָט דאָס, זעהט איהר, וואָס שמחה איז עפּיס אויף מיר אָנגעבלאָזען און בין בײַ איהם, ווי איך פאַרשטעה, אַ שטיקעל פּסול. דעריבער איז מיר אַיינגעפאַלען אײַך, ר' אליה, אַריינצורעדען אין דעם ענין. פאַרשטעהט איהר?

ר' אליה. אָט דאָס איז אייער שטיקעל גמרא! (מיט גדלות) איהר מוזט וויסען, אַז בײַ שמחה'ן בין איך אַ חשוב. ער לאָזט אַמאָל זיך צו מיר קענען. מיין שטאָט איז נעבען איהם אין שוהל. אין די ניין טעג מאַך איך איהם געוועהנטליך אַ סיום. דערצו נאָך איז מיין פלוניתטע מיט איהם עפּיס אַ קנעפּיל. פאַרשטעהט איהר מיך?

פייבוש. דעריבער טאַקי נעהם איך דאָך אײַך פאַר אַ שותף, איהר זאָלט זיין כלה צד און איך חתנ'ס צד.

ר' אליה קיין בלינדען אתרוג קויף איך נישט. צו בעטראַכטען האָב איך ליב דעם פּטום. ווער איז דער מחותן?

פייבוש אָבער ר' אליה, חי מיר שטעהען דאָ תחת כפּת השמים, עס זאָל בלייבען בסוד. איך בעשווער אײַך בײַ אייער לעולם הבא: אַנדערע קענען עס נאָך אויסחאַפּען. — ר' יוסיל פינטשעווער, האַ, קענט איהר?

א' אליה. (מאַכט פערקרימענדיג זיך מיט דעם פינגער) יוסיל פינטשעווער און שמחה מאַריאַשעס!!

פייבוש. אָבער דער קרן, זיין בחור׳ל מאַרקיל! אַ יאָ, קפּריסין? אַקאַרפּירער אתרוגיל, אַ פיטומיל גאָר אַ חידוש. טאַקי וואָס מען רופט אַ צאַצקעלע, אַ יידען קינד! נו?

ר׳ אליה. טאַ, איך וועל מיך פּריוועני.

פייבוש. אַ הקדמה מוז איך אייך זאָגען איידער איהר טרעט מיט מיר אין שותפות אַריין, אַז דער ענין פון שדכנות האָט ליב אַ דריי־דיל (מאַבענדיג מיט דער האַנד אַרויף און אַראָב) אָט אַזוי, אַהין, אַהער, אין אַלע זייטען. מען בעדאַרף אַ מאָל אַריינפּהאָרען עפּים הינטען אַרום. עס זאָל אויסזעהן, מען פאָהרט, דאַכט זיך, קיין יהופּעץ און פלוצלים זאָל גאָר אויסקומען בויבעריק. פאַרשטעהט איהר?

ר׳ אליה. אין פּאָליטיקע מעגט איהר, נישקשה, אויף מיר זיך שוין פערלאָזען. דרינען האָב איך, ברוך השם, אַ געפיהל.

פייבוש. נאָר, למען השם, נישט אייער קירה׳ס פּאָליטיקע — זיך דרעהען, דרעהען און שטעהן אויף איין אָרט. אין דער שדכנישער פּאָליטיקע איז איין כלל: אַ דרעה און ווייטער. קשיות איז גאָר נישטאָ.

ר׳ אליה. עפּים, רחמנה ליצלן, גאָר טערקיש!...:.

פייבוש. טערקיש צו שמערקיש, אַנדערש קען עס נישט זיין, אָט איז די גאַנצע פּאָליטיקע. לאָדען קען מען דאָ נאָר צום ונתנה תוקף און אין ערגסטען פאַל דיך רופען קנאַקניבעל....

ר׳ אליה (מיט אַ קנייטשעל) און נאָך אַלע זאַכען, הערט איהר, איז נייטיג אין דער גיך מלחמה. מיין געדראַנג אַקעגען דעם ענין איז דאָך זעהר וואויל. וואָרום, פאַרשטעהט איהר, ווי באַלד פולווער, איז אַיין עק, שוין גאָר אַנדרע דינים.... (אויף דער גאַס ווייזט זיך הערשעלע דער כאָלדאַט און זיין ווייב גיטע).

פייבוש. גוט, כ׳לעבען, אָט איז הערשעלע! מען וועט איהם בעדאַרפען טאַקי אַ פרעג טאָן. (פלוצלים קומט אָן צולויפען די בהמע אָהן אַ נאָז מיט א נאַבער האָפּטע).

צעהנטע סצענע.

די מוהמע אָהן אנאַז, דאָס קליינע כּלי־זמריל, ווייסע חברה און אַ האָפּטע ווייבלעך, מיידלעך און מאנסבילען, צווישען זיי הערשעלע, גיסיע, פייבוש און ר׳ אליה.

די מוהמע (מיט אַ ייפּע אויף איין ארבעל, און פאַנטעפעלעך. האלט אַ טעלעריל, פּאָנפּעט און העצקעט זיך) אויף אַ מיידעל, יודישע קינדער! אַ יתומה, אָרם, עלענט.... (צו פייבוש׳ן מיט׳ן טעלעריל) אויף הכנסת כלה, ר׳ פייבוש! — וויוואַט!

פייבוש (באַברעט זיך מיט דער קעשענע) נישטאָ, אָוואַ! — טאָמער זייט איהר רייך אין אַ פּאָר גראָשען, ר׳ אליה?

ר׳ אליה. קיין צרות! — איך האָב שוין געוואָלט בּיי אייך אַ בעט טאָן.

דאָס כּלי־זמריל (ריפּעט אויף עפּיס אַ מין פידעלע, צווינגענדיג אויף אַ ביי־קילכען און לאזט אוים מיט אַ קוויטש)

אַ נדבה, יודען, זאָלט איהר געבען,
אַ נדבה, יודען, אויף אַ בתולה!
אַ גרויסע זינד, בּנאמנות, כ׳לעבען,
אַ מיידעל זיצען לאָזען, חלילה!
ניין איילען פייבוש קלעקט אָהן שאלות
אויף אַלע רייכע מאַכען חופּות,
און צו פאַרשלייערן אָרמע כּלות
העצקען מוהמעניום זיך אין ייפּעס.
אַשריכם ישׂראל, יודישע קינדער!
אַזאַ מוהמע, אַזאַ פייבוש גאָטסווינדער!

די ווייסע חברה (קרימען זיך נאָך, זינגען, שפּרינגען און טאַנצען)

ניין איילען פייבוש אויף אַ חופּה,
צאָן קדשים מע! אַ טאַנץ, אַ טופּע!
דריפּע, ריפּע, שקאָץ, דריפּע, ריפּע,
העצקע, מוהמע, זיך מיט דעם ייפּע!
(אין דעם עולם איז אַ געלעכטער)

די מוהמע (מיט׳ן טעלעריל צום עולם) דערקוויקט א אָרם מיידעל, יודישע קינדער! א יתומה, נעבעך, וויל חתונה האָבען. גאָט זאָל אייך דערקוויקען די יאָהרען און איטליכענם וואונש דערפילען.

א ווייבעל. גיט מיר, מוהמע, א גראָשען, נאַט אייך א דרייער. אוי, לאָז גאָט מיר פעררעכטען מיין פינסטערע דאָליע...

א דינסטמיידעל. נאַט אייך א גראָשען, לאָמיך, זיסער גאָט, אויפגעריכט ווערען...

גיסיע, איין דרייער פאַר מיר און איין דרייער פאַר הערשעלען! בעט גאָט, מוהמעניו, פאַר מיין מאַן, ער זאָל בשלום צוריק קומען פון דער מלחמה.

ר׳ אליה. איהר הערט?... נו, ר׳ פייבוש, וואו נעהמט מען אצינד אהער איציק׳ן!

פייבוש. אהער, הערשעלע! אויף א וואָרט, נאָר אויף איין וואָרט.

הערשעלע. נישטאָ קיין צייט!

דאס כלי־זמריל (ריפעט און זינגט מיט א קוויטש ווי פריהער)

א חופה גיך א יודען שטעלען.
א יודען גיך און באַלד בעגראָבען,
צוויי מעלות טובות, נאָר אָנצוקוועלען,
וועלכע מיר נאָר יודעלעך האָבען.
גיבער, יוד, זיך פרוכפערן, מעהרען!
גיבער גט זיך, פעריל, ריקעל, פייגעל!
א, בעגראָבען גיבער זאָלסט דו ווערען,
ליג אין דר׳ערד און באַק דאָרט בייגעל!
אשריכם ישראל! נישט צוצעהלען
אַלע אייערע שענע צרות:
אי מוהמעס אי פייבוש ניין איילען,
אי יודען, וואָס שרייבען צוועלף שורות..

(די מוהמע מיט דעם כלי־זמריל און דער גאַנצער עולם צוגעהען זיך געשווינד, די וויסע חברה פערשווינדען שפרינגענדיג מיט רעש און געשריי).

פייבוש (אויף א קול מיט אימפעט, נאָבדעם ווי ער שטעהט א ווילע שטיל, צומישט) מכשפה׳טע!.... שייגעץ.... מפו זאָלט איהר ווערען מיט אייער הכנסת כלה!.... (ער נעהט אוועק געשווינד און ר׳ אליה נאָך איהם).

דריטער אַקט

ביי שמחה מאַריאַשעס אין הויז.

ערשטע סצענע.

שפּרינצע, רייזעלע און מענדיל.

(רייזעלע זיצט שטאַרק צוטראָגען, האַלטענדיג אין דער האַנד אַ בריעף, אין וועלכען זי קוקט צו־ווײלען אַריין. אַקעגען איהר זיצט שפּרינצע, אַרבייטענדיג אַ זאָק און דערלאַנגט הינטערוויילעכם אַ בליק אויף רייזעלען מיט אַ זיפץ).

שפּרינצע. גענוג שוין, רייזעלע, געטראַכט, איך בעט דיך!

רייזעלע. אַלכּסנדר זאָל שווייגען! — אָט איז זיין לעצטער בריעף און מעהר קיין וואָרט אַזאַ לאַנגע צייט! — ניין, ס'איז נישט אומזיסט!

שפּריצע. אָט וועסט דו זעהן, מענדיל ברייגנט באַלד אַ בריעף. — די פּאָטשט דאָרט אין בולגאַריע געהט נישט אַקוראַט. — מלחמה־צייט!...

רייזעלע (אָננעהמענדיג זיך ביים קאָפּ) עס קלינגט, שיסט, שיסט מיר אין די אויערען.... הונדערט האַרמאַטען שיסען דאָרט אַצונד און עס גיסען זיך טייכען בלוט.... בלוט פון מענשען, טייערע, ליעבע, טיעף איז האַרצען איינגעבאַקטע.... אוי, אַלכּסנדר!....

שפרינצע. (טאפּט רייזעלען ביים קאָפּ) מיר פאַר דיין קאָפּ, טאָכ־טער, אַזוי יונג און שוין אַ געבראָכען האַרץ. פאָלג מיך, רייזעלע, און נעהם נישט אַזוי צום האַרצען. מען מוז קענען אַראָבשלינגען צרות, וועהטיגען.

רייזעלע. אָבער אַזעלכע וועכטיגען, אַז דאָס האַרץ ציהט, ציהט און דו פיהלסט... מאַמע, איך בעט דיך, דו האָסט פערזוכט אַ מאָל אַזעלכע וועהטיגען?

שפרינצע. אַזעלכע?... ניין, די צייטען זענען נישט גלייך, אַנדערע צייטען, אַנדערע וועהטיגען; מיר האָבען געהאַט אונזערע וועהטיגען, אַזאַ וועהטיג ווי דיינער, ניין, האָבען מיר נישט געוואוסט און גאָר טאַקי נישט געקענט וויסען.

רייזעלע. לאַכען, כ׳לעבען, מוז מען פאַר צרות! אין דיינע צייטען זענען געווען העלצער. נישט קיין מיידלעך.

שפרינצע. זאָלסט דו טאַקי וויסען, מיידלעך, יונגע מיידלעך זענען אין אונזערע צייטען כמעט גאָר נישט געווען, עס זענען געווען יונגע ווייבלעך, כלות און קינדער. איך, אַ שטייגער, בין נאָך גאָר אַ קינד שוין געווען אַ כלה פאַר דיין טאַטען. אונזערע עלטערן זענען זיך געפעלען און ביידע זיך משדך געווען. ביז דער חתונה האָב איך מיינעם אין די אויגען נישט אָנגעקוקט, און דערנאָך אפילו פלעג איך איהם זעלטען נאָר זעהן, מיר האָבען זיך געשעמט איינער מיט׳ן אַנדע־רען פאַר מענשען אַ וואָרט צו רעדען. — אָט אַזוי, רייזעלע, האָט מען חתונה געמאַכט קינדער. נאָך דער חתונה איז געגאַנגען אַ סדרה קינדער, צרות, פּרנסות, קאָפּדרעהעניש און ווען איז אין זינען געלעגען זיך צוצוהערען צו אַזעלכע זאַכען, וואָס מען רופט עס היינט עפּיס ליעבעס... אַנדערע צייטען, אַנדערע וועהטיגען.

רייזעלע. מען איז געווען, נעבעך, דערנידעריגט, דערשלאָגען, אַליין נישט צופאַרשטעהן די מיאוסע לאַגע, די וועהטיגען האָבען זיך אָנגעהערט נאָר מיט דעם מאָגען, מיט די בעדערפעניש אין דעם בעל־הבתישקייט, בידנע ווייבער! (זי געהט צו און גיט א קוק אין פענסטער) וואָס זאַמט זיך אַזוי מענדיל?... אוי, וועהטיגען—אַז ס׳טהוט וועה דאָס האַרץ, די נשמה!...

שפרינצע. שאַ, רייזעלע! דאַבט זיך, מען געהט, אַ ודאי מענדיל, אָט וועסט דו זעהן, ווי ער ברענגט אַ בריעף.

רייזעלע (צוהערענדיג זיך) האַ? יאָ, מענדיל! איך לויף אַקעגען

זי לויפט צו דער טיר און האַפּט זיך באַלד צוריק) און ווי אָבער, אַז נישטאָ?... לאָמיך וואַרטען, בעסער נישט פרעגען, לאָז מיר זיך אַלץ דאַכטען טאָמער... הער איך נישטאָ, אָ, איז אַיין עק!... (זי שטעלט זיך איבערנאַנד אין ווינקעל, מענדיל קומט אריין אין שטוב)

מענדיל. נו האָט זיך עס דאָרט געטאָן! אַצוויי שעה בין איך אָוועקגעשטאַנען אין דעם רעש און נישט אויסאָרענדיג זיך דעם סוף האָב איך געטאָן אַשפּיי און אַוועקגעגאַנגען

שפּרינצע. וואָס איז היינט אויף דער פּאָטשט אַזוינס מעהר ווי תמיד?

מענדיל. וואָס פּאָטשט! די קלויז מיין איך, אַחאָפּטע איז זיך אַהין צונויפגעלויפען, נישט געלאָזט אויסנעהמען. איין געשריי: טייער פלייש, מען בערייסט דעם עולם! דער בעל־הבית איז צוקאָכט ווייזט אויף די נגידים. די נגידים שושקען זיך, און ווייזען אויף ר׳ יוהנצען, ר׳ יוחנצע וויל ניט מפסיק זיין, פּאַטשט אויפ׳ן שטענדער און מאַכט אי, אי! דם צפרדע כנים איהם, די אַלע עשר מכות!

שפּרינצע. פאַר וואָס גראָד איהם?

מענדיל. פון מיינטוועגען מעג ער דערפון אַראָבגעבען אי די נגידים, נאָר דער גרעסטער חלק מכות קומט פאָרט איהם, גלויבט מיר, ס׳איז אינגאַנצען זיין אָנשטעל, ער מיינט שוין, מסתמא, ווייטער עפּים... ס׳איז דאָ אַפּניה׳לע... אוי קען איך דעם שענעם יודען, פול מיט פלייי אין דער נאָז! ער איז אי אַהין אי אַהער, אין אַלע זייטען און פיהרט אַלע אין באָד אַריין. — אַצינד האָב איך שוין גאָר אַניי לויפעניש (ער וויל געהן).

שפּרינצע. און אַבריעף, מענדיל?

מענדיל. אַבריעף? הערסטו, עיקר שכחתי, אַלץ דער שענער יוד, טפו זאָל ער ווערען, יאָ...

שפּרינצע און רייזעלע (ביידע אין איין קול) האַ?... אַבריעף, בריעף!

מענדיל. יאָ, אַבריעף — איז נישטאָ. (ער נעהמט ארויס, רייזעלע גיט זיך אַווארף אויף דער קאַנאַפּע און בלייבט זיצען שטיל, פאַרדעקט דעם פנים מיט ביידע הענט).

שפּרינצע (צוקומענדיג צו רייזעלען) רייזעלע, דו ווײנסט!... אָך, האָב רחמנות אויף דיר, אויף דער מאַמע!

רייזעלע. מאַמע, נישט גוט! עס ליגט מיר אַ שטיין אויפ׳ן הארצען . . .

שפרינצע. איך גלויב דיר, טאָכטער! איך בין טאַקי אַ יודענע פון דער אַלטער וועלט, אָבער אין מיר ליגט נאָך אַ האַרץ פון אַ מו־טער, (זי וויינט) איך פיהל, מיין קינד, דיין שווער ביטער געמיט, דאָס העליש פייער דאָרט אין דיר ברענט און בראָט און צוקאָכט דאָס בלוט איך מיר... נאָר וואָס קען מען אָבער טאָן? (זי נעהמט ארום רייזעלען ביים קאָפ) מיר פאַר דיין קאָפּ! קום בעסער און לעג זיך אַביסעל צו ביי דיר אין חדר. (איינע דער אנדערער טהוט א קוש און געהעןביידע אוועק).

צווייטע סצענע.

פייבוש און שפרינצע.

פייבוש (אריינפליהענדיג אין שטוב) אַ גוטער פורים! (ארומקוקענדיג) נישטאָ קיינער?.... גלייכער! דערוויל בעטראַכט איך מיר דאָס גאַנצע דריידיל. — חאַסקילעס פלונית׳טע האָט מיט איהר שטאַרק מיך מהיה געווען. — וואָס מיר ר׳ אליה? וואָס מיר יוסיל פינטשעווער? אַ דולעניש נאָר! חאַסקיל איז גין־גאָלד.... אַלסדינג איז דאָ צום רימעל. טאַקסע, ר׳ יוחנצע, נגידים. שטאָדט־שקצים.... טאַ־טאַ־טאַ, אַ דריידעל מיט אַלע פישטשעוועקעס!—ר׳ יוחנצע האָט עס היינט געמאַכט די שפיל ממזריש, ווי אַ גוטער פורים־שפילער! שמחה׳ן גענומען אויפ׳ן דראָנזשיק, האַלט די בייטש אָנצוטרייבען: וויאָ, שמחהלע, וויאָ! דער שידוך, אם ירצה השם, ועט פאַהרען.... (שפרינצע קומט אָן).

שפרינצע. אָ, אַ אָנגעלעגטער גאַסט! זיך פאָרט אויסגעריסען גמאָל צו קומען. זיצט־זשע, ר׳ פייבוש! עפּיס איז דאָך היינט שושן־פורים, קומט דאָך אַביסעל בראַנפען מיט קישעלעך, פאָרט אַ געוועזענער שדכן, אַ גוטער פריינד!...... (זי געהט צו דער שאַפע).

פייבוש (אריינשטעקענדיג די האַנד הינטערן קאָלנער) איך זוך הײנט אַלץ ביי מיר און זוך: רבונו של עולם, וואָס בייסט מיך, פיקט מיר אַזוי אין קאָפּ? (טהוט זיך אַ קראַץ) און טאַקי געפונען! מען בעדאַרף, זאָג איך, אַריינגעהן צו שפּרינצעלען...

שפּרינצע (אַנידערשטעלענדיג אויפן טיש אַ פלעשיל בראנפען מיט קישע־לעך) גוט טאַקי האָט איהר געטאָן. — אַי האָב איך אַ האַרץ פול מיט מכות, יסורים!.... מאַכט ברכה, ר׳ פייבוש!

פייבוש (אָנגיסענדיג אַ קידוש־גלעזעלע) געה פרעג גאָטעניו קשיות, אַז ער דרעהט זיין וועלטיל! אָט דרעהט ער אַהער און פלוצלים גאָר אַ דרעה צוריק. — לחיים! אַבי געזונד, שפּרינצעלע. און וואָס ווייטער איז בע.... מסתמא וועט זיין רעכט. (ער טרינקט) אָ, בראַנפען, גאָר אַ חידוש!

שפּרינצע. לאָזט זיך נישט בעטען, טרינקט נאָך געזונטערהייט.— אמת טאַקי, גאָטעניו, ווי איהר זאָגט, טאָר מען קיין קשיות ניט פרעגען, נאָר אַ וועהטיג איז עס אַ גרויסער. פון אַזוי פיל קינדער קוים דער־לעבט מיין רייזעלען און געמיינט, פון איהר אָט, אָט נחת האָבען, פלוצלים.....

פייבוש (פאַלט איהר אריין אין די רעד אויסטרינקענדיג דאָס גלעזעלע) לאָזט זיך דינען, שפּרינצעלע! מילא קומט דאָך ביי אייך אויס, אַז רבונו של עולם מאַכט זיך זיין דרעהעלע גלאַט אַזוי, עט.... גאָר־נישט! (אַ קראַץ הינטערן קאָלנער) ניין, אַז מע זוכט, געפינט מען! דער ביס איז דעם זינדיגען מענשען אַ אָנצוהערעניש, ער זאָל זוכען גאָר אין דער אַנדערער זייט, וואָרום דער אמת איז, אין אַזעלכע ענינים מוז מען צומאַכענדיג די אויגען לאָזען פיהרען, מען פריווט, טאָמער געהט עס אַהער, געהט עס נישט אַהער, בעדאַרף מען זיך נישט מצער זיין און פריווען אַהין, פאַרשטעהט איהר מיך? אַ דרעה אַהין... ר׳ שמחה אייערער פאַרשטעהט די זאַך אַוודאי בעסער און זינדיגט ניט מיט די רעד. וואָרום ר׳ שמחה איז אַ ווילדער חכם און האָט אין זיך דאָס פינטעלע יוד

שפּרינצע. ניין ר׳ פייבוש, דאָ איז גאָר נישט דאָס פינטעלע. שמחה מיינער קוקט פשוט אויף דער זאַך ווי אונזערע טאַטעס, מאַמעס אַמאָל, אַ שידוך איז נישט חתן־כלה׳ס עסק, נאָר די עלטערנס. הײנטיגע קינדער טענה׳ן אָבער אַזוי:—

פייבוש. איך וויל גאָר נישט הערען יונגעלשע טענות. עט! שטות׳עריי׳ען. וויים איך, וואָס קינדער דאָרט פלוידערען! (ער גיבט אַ

האָט גלעזעלע) ר׳ שמחה קוקט דערויף טאַקי ווי אַ ווילדער חכם. (ער טרינקט.)

שפרינצע. אַ וואונדער, כ׳לעבען! ביים שידוך מיט אַלכסנדר׳ן האָט איהר, ר׳ פייבוש, גערעדט גאָר אַנדערע ווערטער!

פייבוש. אַ, דערלעבען זאָלט איהר משיח׳ן! איהר האָט דאָך מיך טאַקי, איך בעט אייך איבער ווי איין אייגענע מוטער, נישט פערשטאַנען. הערסטו, דרינען טאַקי ליגט דאָך דאָס גאַנצע שפּיצעל! דרעהט גאָ־טעניו אַהער — איז אַהער, דרעהט זיך אָבער דאָס רעדעל איבער, מוז עס בהשגחה פּרטית, זיך דרעהען גאָר אַהין.... אַי וואָס, פון לכתחלה?.... דער תירוץ איז גאָרנישט... קשיות איז גאָר נישטאָ, צוקייעט עס נאָר גוט, שפּרינצעלע, ס׳איז זעהר אַ טיפער ענין. — אייער ר׳ שמחה, זאָג איך נאָך אַמאָל בפירוש, איז אַ ווילדער חכם.— איהר מעגט עס איהם פון מיינטוועגען אָבזאָגען. פאַרקעהרט, אַדרבה— ר׳ שמחה זאָל וויסען, ווי איך האַלט פון איהם עולם ומלואה, וואָלט פייבוש ביי איהם געוועזען, פאַרשטעהט איהר? נאָר טע־טע־טע!...., עיקר הדבר, געדענקט זשע, איז דאָס פינטעלע, וואָס ער איז אַ יוד, טאַקי מיט׳ן פינטעלע. — אַ גוטען!

שפרינצע. אַזוי גיך! עפּיס האָט איהר מיך דאָך גאָר מבייש געווען נישט געטרונקען, נישט פאַרביסען!

פייבוש. נישקשה, עט.... באַלד אפשר קום איך נאָך ווידער, אַצינד איז זיך גלאַט אַזוי.... (ער געהט אַוועק).

דריטע סצענע.

שפרינצע, שמחה, דערנאָך דוואסיע.

שפרינצע (קלייבט צו פון׳ם טיש און שטעלט אריין אין שאַפע) פייבוש, פאַרשטעה איך, מיינט טאַקי, זיינע שבחים זאָלען צו שמחה׳ס אויערען

קומען, און וועלען, פון שלום וועגען, טאַקי קומען. לאָז מיינער, כ׳לע־בען, טאַקי אויף איהם זיך נישט אַזוי בלאָזען... (זי זעצט זיך נעבען דער קאָבאָדע און זעהט איבער דאס וועש. נעהמט זיך דערנאָך אריינציהען א פאדים און טרעפט נישט אין לעכעל) אַ קעפיל אַביסעל, גאָר אַ פינטעלע!—עפּיס פינטעלט מיר היינט, פייבוש, אַלץ פינטעלע, מיט דעם פינטעלע!—(צילעט) געה טרעף אין פינטעלע!... היינטיג־מאָדישע קעפּלעך, משטיינס־געזאָגט... נו, צו וואָס טויגען די אַלע פינטעלעך, יענעם נאָר צו פאַרבלענדען די אויגען! (לעגט אוועק די נאָדעל) נאָר אַ שווינדעל, אַ קאָפּדרעהעניש, טפו!... (שמחה קומט אריין מיט׳ן טלית־און תפילין־זאַק אונטער׳ן ארם) אַ שענער שושן־פורים, מען זאָל אַזוי שפּעט דאַוונען און ביז אַ צינד אין מויל נישט צוהאָבען!

שׂמחה (לעגט אנידער דעם תפילין־זאַק און זעצט זיך אקעגען שפרינצען) אוי, האָט מען מיט מיר היינט געדאַוועט!

שפרינצע. איך וויים שוין, וויים! גוטס לאָזט זיך הערען. — נאָר אַ אָנשיקעניש, כ׳לעבען!

שׂמחה. אוי, אַ אָנשיקעניש! הלואי עס זאָל זיך גוט מיט אונז אויסלאָזען. אַלע אויף מיר: אַ הויטשינדער, אַ בערייסער! נאָר אַ צוועי־צעניש, וויסענדיג, אַז מיר קומט פונ׳ם טייַערען מקח גאָרנישט אַרויס, אינגאַנצען נאָר זיי, זיי, די פיינע בריות, און דאָ טהאָר מען נישט אַרויס מיט אַ וואָרט! — אַז זיי זענען די שטאָדט און פאַר אַ פיפס נאָר, ווערט פון דיר תּל. — אוי דער ר׳ יוחנצע, ר׳ יוחנצע! ער זאָל זיך עס היינט אָברופען פאַר מיר איין וואָרט, גלייך ווי אַ יודישער גראָשען איז איהם אָסור חזיר. ער האָט נאָך געמאַכט עפּיס אַזאַ מינעלע, ווי ער האָט הנאה, וואָס דער עולם שרייט. וואָס ער מיינט דערמיט, ווייס איך לעת עתה נאָך נישט. נאָר מסתמה וועט זיך עס אַרויסווייזען.

שפרינצע. פאַרט וואָס איז בּאַ אייך דאָרט געבליבען?

שׂמחה. געבליבען? די אַלטע קאָמעדיע, פורים־שפּיל — איין אַסיפה!... די נגידים וועלען היינט אין אָוועגד זיך דאָ צונויפקומען. זיי מיינען אַ קערמישעל. זאָל זיין אַזוי! נאָר אָן דעם איז דאָך עפּיס אויף שושן־פורים!

שפרינצע. אַי, ס׳איז אַ גאַנצע אַרבייט!

שׂמחה. מילא וואָס קען מען טאָן. אַז מען ליגט בּיי זיי אין די הענט, (ער שטעהט אויף) קיינער איז דאָ היינט נישט געוועזען?

שפרינצע. האַ?... וואָ? פייבוש איז היינט אַריינגעקומען. — וואָס האָסט דו זיך אַזוי פערקרימט, שמחה?

שמחה. מילא, עט.... פייבוש־שמייבוש !.........

שפרינצע. דו זאָלסט וויסען, שמחה, ווי פייבוש האָט דיך ליב און לויבט דיך אין טאָג אריין: ער זאָגט: דו ביסט א יוד מיט דעם פינטעלע, א ווילדער חכם. — נאָר נעהם זיך פונדעסטוועגען נישט איבער, שמחה!

שמחה (שמייכלענדיג מיט אַ שיינענדיג פּנים) ביים ווייב איז דער מאַן אין די אויגען קיינמאָל קיין חכם נישט. אונטער די אויגען איז איטליכער מאַן, דער גרעסטער שוטה אפילו, ביים ווייב א שטאַרקער חכם. — נעהם זיך, שפרינצעניו, פונדעסטוועגען אויך נישט איבער מיט דיין מאַן, וועלכען מען לויבט אַזוי.... האַ, אַזוי? איז דאָ היינט, זאָגסט דו, פייבוש געווען.... אַז פייבוש האָט מיר שוין יאָ ביי דיר דאָס מזל פערדרייט, גיב זשע מיר, סערדצע, אַ רישעלע מיט אביסעל בראָנפען:

דוואָסיע (אריינלויפענדיג מיט איבּרעט) אַ שאלה! ביי דער הוהן איז אַ שפילקע אין פופיק.

שפרינצע. אָט האָסט דו דיר פון אַלע מלאכות!.... דוואָסיע, גרייט צו אַ וועטשערע. היינט וועלען דאָ זיין די נגידים.

דוואָסיע. מזל טוב דיר! נאַ דיר נאָך נגידים אויף דיין קאָפּ! אַי, אין דער ערד אַריין, כ׳לעבען!

שפרינצע (צו שמחה׳ן) גיעה, מיין חכם, אריין צו דיר, דאָס שטעהט שוין אַלסדינג אָנגעגרייט. (שמחה געהט אוועק)

פערטע סצענע.

שפרינצע, דוואסיע, ר׳ אליה און פייבוש

שפרינצע (צעהלט אויף די פינגער) פיש געלע מיט ראָזינקעס. זיין זיך, מיין איך, בעדאַרף מען נישט.

דוואָסיע. וואָס דען! נאָך אַ מאָל לאָקשען!

שפרינצע. אַ טאָפּ געבראָטענס פון קאָפּ קיסליצע, אַ לעדוועצע.
דוואָסיע. אפשר איין עסיגפלײשיל מיט אַ גריינשיל אײנגע־האַקטע קוילען פון זאַדיק־פלייש אין זויערען.
שפרינצע. מלינצעס, סרח׳ס־קניידלעך, וואַרעניקלעך מיט קאַשע און גריווען,
דוואָסיע. אַזוי פיעל! אפשר טאַקי שוין גאָר אַלע מאכלים: זראַזע, אַ ראָסעל־פלייש, לעבערלעך מיט ציבעלע, פעטשע, קוגעל, אָנגעפילטע העלזלעך, חרעמזעל, פוילע וואַרעניקעס — פוילען זאָלען זיי! וואו וועלען זיי דאָס אַלסדינג לעגען?
שפרינצע. אונזערע נגידים האָבען ליעב צו עסען, בפרט ביי יענעם, אַז ס׳קאָסט זיי קיין געלט נישט.... נו, פלאָדען איז דאָ, טאָרט איז דאָ, פאַנקוכען איז דאָ, סטרודעל איז דאָ, מלכות־ברייטלעך — דאָ, גענוג איבערגעבליבען פון פורים, פלוימענצימעס איז אויך דאָ. נישט צו פאַרזינדיגען! פאַר נויט קען מען נאָך צומאַכען אַ קאָמפּאָט פון עפּעל. לאָזען זיי עסען! אויף יענעמס חשבון עסען זיי מיט אַפּעטיט.
דוואָסיע. צוזעצטערהייט, רבונו של־עולם! אַ פרעסען אַביסיל!... גאָר הײשרעקען, טפו! (זי לעפּט ארוים).
שפרינצע. משקה—דאָס איז שוין שמחה׳ס זאַך. ני און ווייטע גאָרנישט... (ר׳ אליה קומט אריין, דערלאַנגט אַ שמיר די מזוזה מיט אלע פינגער און קושט זי דערנאָך מיט אַ זופצעלע).
ר׳ אליה. אַ, גאָט העלף! (בעטראַכט פון פאָרענט און פון הינטען די בּאַלעם פון דער קאַפּאָטע) נו, גוט פאַרדריפּעט!
שפרינצע (צוקוקענדיג זיך צו ר׳ אליה׳ן) נאָך אַ נעכטיגער אַ פורים׳דיגער שלומפער?
ר׳ אליה. אַי! ערשט נולד געוואָרען היינט, געהענדיג אַהער.. און לסוף, אײערען, אפנים, ווייטער נישט געטראָפען. אָוואַ, אַ מעשה אַ מעשה... האָב שוין אַזאַ מזל עפּיס, האָב איך. לויף און, מעשה שטן געראָטה מיר נישט צו חאַפּען אײערען, טיפליך אַריינלאָזען זיך מיי איהם מכח איין ענין, טרעף איך איהם אַ מאָל שוין יאָ און נעהם מי צום שמועס גאַנץ ברייטליך, טראָגט דער רוח אָן דעם, יענעם אַ. בלייב אַלץ פון פאָרענט, בלייב איך. אָוואַ אַ מעשה, אַ מעשה.
שפרינצע. מײנער איז אַ ביסעל פערנומען. נאָר איך ווע

איהם זאָגען. זיצט דערווייל, ר׳ אליה, אויב איהר האָט צייט (זי געהט).

ר׳ אליה (אַליין זיצענדיג זיך אויף א בייטקעל) אויב איהר האָט צייט?— אַ שאלה אַביסעל! מיינע קאַנטאָרען די גרויסע! (ער גניצט) אַהוי־הוך!... יאָ, גערעכט פייבוש! פאַר שפּרינגען איז חיות מיט אַ וואָרט... היינט בלי נדר מאַך איך שוין קיין הקדמות, הויב גלייך אָן דעם עסק: איהר ר׳ שמחה און ר׳ יוסיל פינטשעווער — יוסיל פינטשעווער. זאָל זיין מיט מזל!... (ער הייבט זיך אויפ׳ן בייטקעל) איך זיץ ווי אויף שפּילקעס. אָח־חאָ־חאָ, די זאַך זאָל שוין האָבען אַ סוף! נישטאָ ביי מיר קיין גראָשען... (ער שטעהט אויף און הערט זיך צו) דאַכט זיך, ווי עמיס טריט, האַ? (ער געהט און שטעלט זיך הארט נעבען דער טיר צוהערענדיג זיך) געלויבט איז גאָט! פאַרט אויף שמחה׳ן מיך אויסגעוואַרט.

פייבוש (גיט ביים עפענען פלוצלים די טיר אַ שטופּ ר׳ אליה׳ן אויף עטליכע טריט ווייטער) אָוואַ, ר׳ אליה!

ר׳ אליה (פערגאַפט) עמיס גאָר אומגעריכט! ווי קומט איהר אַהער?... איך האָב, נישקשה, אין זינען מיין זאַך.

פייבוש. גיכער, ר׳ אליה! שוין אַ פּאָר שעה זוך איך אייך, גיכער צו יוסיל פינטשעווער! עמיס מאַכט ער פוילע תּנועות. מען בעדאַרף צו איהם האָבען אייער פה קדוש.

ר׳ אליה. וואַרט דאָך שמחה׳ן, וואַרט איך. אָט קומט ער, הויב איך גלייך אָן עסק.

פייבוש. טענה׳ט נישט און געהט. שמחה׳ן לאָזט שוין איבער אויף מיר.—באָם איהר טרעפט איהם נישט אין דעם היים, זאָלט איהר זיך אַנידערזעצען אויף אייער חזקה־אָרט ביים קלייטעל און וואַרטען... (צופיהרענדיג ר׳ אליה׳ן צו דער טיר) אָט אַזוי, אַזוי. — עמיס סווישטשעט ביי אייך אַ שוך און מיאוס געעפּענט אַ מויל, דאָס סווישטשעט ער אויף נייע. גאָט וועט העלפען... געהט, זייט מוחל, געזונטערהייט.

ר׳ אליה (קראַצט זיך אין קאָפּ) אָוואַ, עס געהט אַ שלאַקס־רעגען, נאָר אין ברירה. (ער געהט ארויס).

פייבוש (מאַכט מיט אלע צעהן פינגער א לאַנגע נאָז) פישששש, קירה, אַ גרויסער פלאָקענשיסער!... אוים שותפות, ר׳ אליה.

פינפטע סצענע.

שמחה, פייבוש, דערנאָך מענדיל

שמחה (בֵּיים אריינקומען שטאַרק פערוואונדערט) ווייס איך וואָס זי־זאָגט דאָרט... ר׳ אליה!

פייבוש. איהר מיינט פייבוש! . . . ר׳ שמחה, אַ היבּשע צייט טאַקי דאָ נישט געווען, וואָס זשע מאַכט איהר, ר׳ שמחה׳ניו? איך האָבּ שוין נאָך אייך געבּיינקט, בּנאמנות! עס גלוסט זיך אַמאָל הערען אַ קלוג וואָרט און ריידען מיט אַ גוטען, עהרליכען מענשען. אוי, איז היינט אַ וועלט! דורך שקר.

שמחה. זעהט איהר, דאָס גראָד זאָגט איהר אַיין אמת.

פייבוש. וואָס דען? — איך קען קיין עולות נישט ליידען. דאָס היינטיגע שרייען אין קלויז איז דאָך גאָר געווען פע, חולשה־חלשות! אינגאַנצען איז דאָך עס אַיין אָנגעשטעלטע זאַך, איינער האָט אונטער־געהידעט. איך ווייס, נישקשה.

שמחה. (זעצענדיג זיך) זיצט, ר׳ פייבוש! זעהט איהר, דאָס איז דאָך מיר טאַקי שטאַרק געלעגען צו וויסען.

פייבוש. (פארבּייגט די פאלע און זעצט זיך פאמעליך נעבּען שמחה׳ן) מילאָ וואָס מאַכט עס אויס, אַז יענער טאַראַראַמט דאָרט, ר׳ שמחה, נישקשה, וועט בּלייבּען ר׳ שמחה. פאַרקעהרט. יענער דרעהט לרעה און גאָטעניו דרעהט דווקא נאָר לטובה... מיר האָבּען מכח דעם גענוג געשמיעסט בּיי ר׳ יוחנצען, זאָל לעבּען. — איך בּין געווען דאָרט מנחם אָבל זיין, איהר ווייסט דאָך, ר׳ חאַסקילעס ווייבּ איז, לא עליכם, גע־שטאָרבּען פון אַ קינפעט מיט אַ צווילינגעל. — וואָס פאַר אַ כלי שלמה דער ר׳ חאַסקילע איז, טאַקי ר׳ יוחנצעס אַ זוהן און דעם אַלטען רבּ׳ס אַ אייניקעל. אַ קאַטאָוועס אַזאַ משפחה. לויטער בּערען . . . וואָס פאַר אַ גזע, אַזעלכע צווייגעלעך. דאָס ווערצעלע מאַכט זעהר פיעל אויס. האַ?

שמחה (פערטראַכט מיט אַ זיפץ) אוי מאַכט ער מיר אויס, מאַכט דאָס ווערצעלע אויס, ווען ר׳ יוחנצע זאָל ווילען — הע־הע.

פ ײ ב ו ש. בהן שלי, ר׳ יוחנצע איז אײך זעהר גוט און וויל... הויל אײער טובה גאנץ שטארק. נאר, לאזט זיך דינען, ר׳ שמחה, אביסעל געוועגדעט זיך עס אבער אין אײך.... יא, האבען מיר מכח דעם געשמועסט. מכח דעם, פארשטעהט איהר, ווי גאטעניו דרעהט זיין וועלטיל. עס דרעהט זיך אמאל אוים גאר להפך... אין דעם טיפען שמועס איז ארויף גראד דאס, אשטײגער, ווי גאטעניו קען מען קיין קשיות נישט פרעגען. דאכט זיך, איהר האט דאך געטאן אשידוך און לסוף... איז גאר אין הימעל אויסגערופען געווארען עפים אנדערש. בת שמחה לבן פלוני...

ש מ ח ה. פערקריכט נישט, ר׳ פײבוש, אין זײטיגע זאכען. ענדיגט בעסער מכח דעם שמועס דארט בײ ר׳ יוחנצען. וואס פארט זאגט ר׳ יוחנצע? עד מתי, געוואלד, וועט מען מיך אזוי קוועטשען?— אוי, ר׳ יוחנצע זאל וועלען!...

פ ײ ב ו ש. ער וויל, ווי איך בין א יוד... אט וואס מיר האבען געשמועסט. לאזט זיך נאר דינען, ר׳ שמחה. מיט עטליכע יאהר צוריק האט איהר געהאט א אויג אויף א חאסקעלען. וואס מאכט זיך אבער? קומט אײנער און חאפט איהם פלוצלים אוים. ער האט חתונה, און אײער רײזעלע ווערט א כלה פאר א אנדערען. וואס זשע טהוט גאטעניו? נאר א קלײן דרעהעלע, אזוי: דו, רײזעלעס חתן, זײ א כפרה פאר ר׳ חאסקעלען, און דו, ר׳ חאסקעלעס ווײב — א כפרה, נעבעך, פאר רײזעלען. ווארום אויבען איז בעשײנפערליך אנגעחתמעט געווען: ר׳ חאסקעלעס ווײב זאל אין דעם יאהר געלעגען ווערען מיט א צווילינגיל און שטארבען. נמצא, ווען עס זאל זיין, ווי אײך האט אין דער התחלה זיך געגלוסט, וואלט דאך רײזעלע געווינען דאס צווילינגיל און גע־שטארבען!... אצינד זעהט מען טאקי קלאר ארוים דעם נס, די חידושים הבורא... גאנץ קלאר ווי דער טאג, ס׳איז א זיווג משמים. פארשטעהט איהר, ר׳ שמחה?

ש מ ח ה. אצינד הויב איך שוין אן אביסעל צו פארשטעהן. אהא!... נאר וואס העלפט עס אבער, עפים איז דאך דא א ווײב אויך, א טאכטער, וואס... (מענדיל קומט אריין) מענדיל! מאך אין שטוב א שטיקעל סדר צו דער הײנטיגער אסיפה.

מ ע נ ד י ל. איהר הײסט מיר אין שטוב און די בעל הבית׳טע — זיין קיך. זאל איך מיך צורײסען?

פ ײ ב ו ש. כ׳לעבען, ר׳ שמחה, איך וועל דא בלײבען און

אביסעל צוהעלפען. דאנקט נאָר נישט, דאנקט נישט, ר׳ שמחה, וואָס מאַכט עס אויס... עט, נישקשה... היימישע מענשען. הלואי אויף שמחות, ביי אייער טאָכטער אויף דער חתונה.

ש מ ח ה (מאַכענדיג מיט די אַקסלען) : הים־הום... טאַ... קום, מענדיל, נעהם זיך צו דיין זאַך. (שמחה און מענדיל געהען אַרויס).

זעקסטע סצענע.

פ י י ב ו ש, מ ע נ ד י ל, ד ע ר נ ע ך ד ו ו אָ ס י ע.

פ יי ב ו ש (אַרומקוקענדיג זיך): איך בין דאָ... דאָ, ברוך השם, מיטביידע פיס!... היום הרת עולם, אויף היינט שטעהט די וועלט. מיין טויט זאָל דאָ זיין, געה איך פון דאַנען נישט אַוועק ביז מיר אַרבייטען עס נישט אָב מיט׳ן קנאַק.—שמחה, נישקשה, איז גוט איינגעשפּאַנט און ר׳ יוחנצע, זאָל לעבען, איז אַ גוטער שמייסער... הכלל, ס׳איז רעכט. און קודם כל, מיין איך, וואָלט אפשר נישט קרום געווען חאַפּען בינתים אַ מנחה. (ער רייבט די פינגער אויף די פענסטער. די טיר עפענט זיך דערוויל פלוצלים אויף אין קאָרידאָר אריין, פון וואנען עס זעהט זיך אַ לאַנגער טיש).

מ ע נ ד י ל (שטעהענדיג אין דער טיר) : זייט־זשע מוחל, ר׳ פייבוש! וואו זייט איהר ערגיץ?

פ יי ב ו ש: תיכף, מענדיל, די רגע. האָב נאָר אביסעל צייט (ער פאַרשטעקט די פאָלעס און פאַרקאַשערט די אַרבעל) נו, אַצינד בין איך פאַרטיג. דו, מענדיל, געה אין קאָרידאָר פון יענער זייט און איך וועל אַ נעהם טאָן דאָ. געהט עס ווי אַ מזמור.

מ ע נ ד י ל (שטופּענדיג דעם טיש מיט כח) : אַ בייג אַ ביסעל אין דער זייט, ר׳ פייבוש! נו, גיט איהר דאָרט אַ דרעה?

פ יי ב ו ש (שפּריגגט אַהין, אַהער, קוועטשענדיג זיך, ווי ער ריסט אין דאָס

נעװינט) אַ שאלה אַביסעל, אויב איך גיב אַ דרעה! אַי דרעה איך... עס גערט אָבער עפּיס נישט. פּריװ נאָר דו דאָרט געבען אַ דרעה!

מענדיל. און איהר האַלט נאָר בּיי אײך דאָרט שטאַרק מיט בּיידע הענט! (דער עק טיש הייבט זיך הויך אויף און דער טיר און פאַלט באלד טאַקי אראב) פאַר וואָס זשע פאַלט עס בּיי אײך, ר׳ פּייבוש, אַראָב?

פּייבוש (קוועטשענדיג זיך קלאַמפּערשט ווי ער טהוט) אַוודאי פאַלט בּיי מיר אַראָב! ס׳איז גאָר האַרב דאָס אויפהייבען. פּריװ נאָר נאָך אַ מאָל, אָבער מיט אַלע כּוחות. אָדער ווייסט דו גאָר וואָס, גייע דו אַהער און שלעפּ, איך וועל געהן אַהין אונטערשטופּען. (פּייבוש געהט ארויס און מענדיל קומט אריין).

מענדיל (שלעפּענדיג מיט אַלע קרעפטען) איין בּייג, האָטש איין בּיינעלע אין דער זייט! (פונים קאַרידאָר הערט זיך אַ קוועטשעניש, ווי פּייבוש סאָפּעט און ניט אונטער חשק. פּלוצלים רוקט זיך דער טיש אריין מיט אומפּעט און װאַרפט מענדלען אום).

פּייבוש (אריינקומענדיג) אָוואַ! איך בּין אָסור נישט שולדיג. דאָס איז זי... בּיי מיר האָט זיך עס געריקט גאָר מחיה, בּעדאַרף זי זיך אַריינמישען און דערלאַנגען אַזאַ שטופּ.

דוואָסיע (ווייזענדיג זיך אין טיר מיט אַ געלעכטער) האָסטו געהערט, אַ שעה זאָל מען זיך בּאַבּרען אַרום אַ טיש! רעכט אויף דיר, רעכט, בּרעך פון מיינטוועגען דעם קאַרק.

מענדיל. גלויבט איהר נישט, ר׳ פּייבוש! ווייבּער האָבען ליב תּמיד זיך פאַרשטעלען. לאַכען קלאַמפּערשט, ווען עס ווייגט זיי דאָס האַרץ. — דוואָסעניו, איך האָב דערקענט דיין שטופּ! שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. געה האָטש הייב מיך אויף און טהו מיך אַ קוש!

דוואָסיע. אָט צו יאָג איך מיך! אַזאַ גרויסע מכּה זאָל דיר זיך זעצען ווי גרוים דו וועסט דערויף וואַרטען.

פּייבוש. נו מענדיל, טהו איהר היינטיגס מאָל צוליב און שטעה אַליין אויף. בּיי׳ם אַנדערען וואָרף טאָן דיך וועט זי שוין מיט איהרע אייגענע כּשרע הענט דיך אויפהייבען.

מענדיל (אויפשטעהענדיג) הלוואי פון אַייער מויל אין דוואָסיעס אויערען אַריין! זאָג, דוואָסעניו, אמן! — זעהט איהר, זי שווייגט, אַז איהר ווילט זיך נאָר אַ יחוס־שידוך. אַ בּחוריל מיט אַ אויסגעווייקט פּניציל.

דוואָסיע. איך שטעה מיר דאָ און קוק, ווי ער מאַכט זיך משוגע

און דערווייל קען דאָרט דאָס טעפּיל איבּלויפען! אויסלויפען זאָל דיר די נשמה, ימח־שמוניק איינער! (זי לויפט ארוים).

זיבּעטע סצענע

פייבוש, מענדיל, שפּרינצע אשמש און שמחה.

פייבוש (האלטענדיג זיך אין די זייטען מיט פּערקאַטשעטע ארבעל און פּערשטעקטע פאלעס) נו, האָבּען מיר שוין, בּרוך השם, דעם טיש אויך אַריינגעטראָגען, האָבּען מיר.

מענדיל (בּאַפּרענדיג זיך ארום דעם גרויסען טיש) נעהמט, ר׳ פייבוש, אָט דעם טישעלע פון מיטען שטוב און שטעלט עס אין ווינקעל דאָרט.

פייבוש (צולויפענדיג צום ווינקעל) האָסט אַ טעות, מענדיל, עס וועט נישט געהן. פּריוו אדרבה, וועסט דו זעהן. — הערסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען, דוואָסיע איז גאָר דאָס וואוילע מיידיל.

מענדיל (אנידערשטעלענדיג דאס טישעל אין ווינקעל) עס שטעהט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט.

פייבוש. טאַקי באמת גאָר נישקשה׳דיג, ווי איך בּין אַ יוד, — נו, האָבּען מיר שוין דעם טישעל אויך אַנידערגעשטעלט. — מען בּע־דאַרף זיך אַ נעהם טאָן צו דוואָסיען.

מענדיל (אויסדרעהענדיג דעם גרויסען טיש פון איין זייט) דאַכט זיך, ד׳ זייט שטעהט גלייך. — אדרבה, פּרווט זיך, ר׳ פייבוש.

פייבוש (אַרוק געבּענדיג דעם טיש נאר באלכסון) אַצינד, מענדיל, אַביסעל אַרוק פון דיין זייט. — פון דוואָסיעם זייט, זאָג איך דיר, וועט שוין, אם ירצה השם, זיך אָנהויבּען צו רוקען.

מענדיל (אויסגלייכענדיג אן פייבושעס זייט) אַבּי נישט קרום, חלילה, הי דער טיש.

פייבוש (אַטמוס געבּענדיג אומגערן דעם אנדערען עק טיש) קרום, חלילה,

קען גאָר בײַ מיר נישט זײַן. איך האָב שוין דערצו מײַנע מיטעל.
(א קראַץ הינטערן קאָלנער) אַז מען זוכט, געפינט מען.

מענדיל. דאָס וואָס איהר, ר׳ פײַבוש, געפינט, איז אײַער סוד, בײַ אײַך בלײַב עס. איך אָבער געפין, אַז בײַ אײַך, מחילה, איז אין דער הווער, מיר שפּאַרען שוין אָן נעבען דער טיר. (שפּרינצע קומט אַרײַן).

שפּרינצע. אָ, ר׳ פײַבוש, ווי איהר אַרבײַט, נעבעך, און זיך אַזוי מַבריח!

פײַבוש. עט... נישקשה, מילא?... הלוואי אויף שמחות אײנער צום אַנדערען!

שפּרינצע. אָמן, רבונו של עולם,—פּאַרט אַ אַלטער גוטער פרײַנד... עפּיס רופט אײַך רײַזעלע.

פײַבוש. תיכף, איך וועל נאָר גוט שטעלען דעם טיש, (דרעהט זיך אהין, אהער טאַפּענדיג זיך בײַ די פאַלעס בשעת מענדיל אַרבײַט דײַן זאַך) נו, גע׳פּטר׳ט, ברוך השם, נאָך אַ שווערע מלאכה. דער טיש שטעהט בײַ מיר אײַזענפעסט. (ער נעהט אַרויס און באַלד דערויף קומט דעם רב׳ס שמש אַרײַן).

דער שמש. צו ר׳ שמחה׳לען! וואו איז ר׳ שמחה׳לע?

שפּרינצע. גיכער, מענדיל, געה שיק אַרײַן דעם בעל הבית! (מענדיל געהט).

דער שמש (קרימענדיג זיך) טע... יחוד מיט אַ נקבה (ער קריכט אַרויף זיך אויבענאָן, קעהרט זיך אום צו שפּרינצען מיט דעם רוקען און מיט דעם פּנים צום פענסטער).

שמחה (אַרײַנקומענדיג) וואָס וועט איהר, שמש, זאָגען עפּיס גוטס?

דער שמש (קעהרט זיך אום און נעהמט פונ׳ם בוזעם אַרויס אַ פּאַקעט) נאַט, ר׳ שמחה׳לע! דער רבי שיקט אײַך אָט דאָס און געלאָזט שען בעטען, מוחל צו זײַן פון זיך שוין אַ ידיעה געבען וועמען מען, בעדאַרף האָט געלאָזט זאָגען אַזוי דער רבי. (שמחה רוקט דעם שמש אין דער האַנד אַרײַן אַ מטבע, ער בעטאַפּט זי מיט דער האַנד און געהט).

אכטע סצענע.

שמחה, שפרינצע. דערנאך פייבוש מיט.
ר׳ יוחנצען און די נגידים.

שמחה (נעהמט, זעצענדיג זיך, ארויס פונ׳ם פאקעט א בריעף, און ווערבען ער קוקט מאכענדיג מיט די אקסלען) דאָס איז עפּיס גאָר צו רייזעלען אַ בריעף.

שפרינצע (א האפ געבענדיג זיך) אוודאי פון אלכסנדר׳ן! געלויבט איז גאָט, איך לויף אָנזאָגען רייזעלען! (זיך האפענדיג באלד צוריק) זאָג נאָר גיכער, איז ער געזונד? — גיכער!

שמחה. שאַ, אָהן רעש! וואָס איז דאָ אויף דיר אַזאַ פרייד? אַי, שפרינצע, שפרינצע, האָסט־דו מיר געקויפט מפטיר!...

שפרינצע. געננג גערעדט. מען האָט שוין געהערט! אַצינד קומט איהם אוים צו דרשהנען בשעת איך חלש הערען אַ וואָרט. אָט לייען, לייען בעסער.

שמחה. אַי, שפרינצע, דו זאָלסט וויסען מיינע ביטערע... נאָר לאָמיך בעסער שווייגען. (ער גיט אַ מאך מיט דער האַנד און לייענט איבער־היפּענדיג): „אַצינד, מיין רייזעלע, איז האַלבע נאַכט... מיט געוועהר אין די הענט שלאָפט איצט די קאָמאַנדע אויסצוּרוהען אביסעל נאָך אַזוי פיעל טעג מיה... קוילען זענען געפלויגען... אין דונערען און בליצען פון פייער־שפייענדיגע האַרמאַטעס האָט דער מלאך־המות... שוועבענדיג אויף פליהענדיגע באָמבעס געקיילעט... מאָרגען געהט די גרויסע מלחמה פאַר שיפקע! און נישט איינעם נאָר פון די דאָזיגע שלאָפענדיגע אַצינד וועט מאָרגען... רייזעלע! איך רעד איצט אין דעם דאָזיגען בריעף מיט דיר, אין דער האָפנונג, אַז ווען די קויל טרעפט מיך, וועט ער דיר דערצעהלען ווי שטאַרק ליעב״. — מילא נו, עס געהער נישט צום ענין. — „אין די לעצטע מינוטען פון מיין לעבען האָב איך געדענקט נאָר פון דיר...״

שפרינצע (ווישט די אויגען) רייזעלע וועט, נעבעך, צוגעהן הער־רענדיג. אַבי גאָט האָט איהם ביז אַהער אויסגעהיט... נו, ווייטער, שמחה! וואָס שרייבט ער ווייטער.

שמחה. ווייטער איז שוין זייערע זאַבענישען, נאַרישקייטען... צו דיר איז אויך דאָ אַ גערוס גאָר פריינדליך. פרעה זיך, מאַמע!

(ער נעהמט נאך א בריעף פונם פאקעט און בשעת מעשה פאלט פון דארט ארויס א פאטאגראפיש בילד).

שפרינצע. הא, רייזעלע'ס בילד... שמחה, דו ביסט בלייך, וועה איז מיר! לייען נאר הויך, וואס לייענט ער עם עפים שטיל פאר זיך!

שמחה. בערוהיג דיך, שפרינצע! האב נאר אביסעל צייט!

שפרינצע. שמחה, לייען!... לייען, ווארום אט חלש איך אויפ'ן ארט.

שמחה. איך לייען. נאר שא, למען־השם, שא! — דאס שרייבט דער רישטשוקער רב פון בולגאריע צו אונזער'ן, אזוי: „איך שבא, נעקומען לקהילתנו א זעלנער מאחינו בני ישראל, א יונגער מאן און רחמנא ליצלן חרב געווארען, היהודים פון מיין קהילה רחמנים בני רחמנים האבען איהם אריינגענומען אין ביקור חולים, ושם איז ער געלעגען, לא עליכם אין א היציגער חולאת אהן לשון און מטושטש...“

שפרינצע (נישט מיט איהר קול) דאס גוטע בריוועלע, וועה מיינע יאהרען! — ווייטער, שמחה, לייען, ביז דעם סוף.

שמחה. אבער איך בעט דיך, שפריצעניו, שא!... (ער לייענט און שטאמעלט) „ואחר פטי־טירתו האט מען געפונען אצלו בריעף, פון וועלכע מען זעהט בחוש, אז ער איז מבני קהילתכם, האט דארט פאטער און מוטער וגם א כלה, וואס איהר בילד איז רצוף בזה, לכן זהו איך הכל, וואס אויף מיר איז מוטל און שיק לכבודו אלסדינג אריין, בכדי כבודו זאל מצדו א ידיעה געבען לקרוביו און וויסען איך להתנהג“...

שפרינצע (ברעכט די הענט) א שלאק האט מיך געטראפען, רייזעלע! — פערשפילט א זא טייערע נשמה! שמחה אוי, נישט גוט!...

שמחה (האפט ארום שפרינצען) שפרינצע, א שפרינצעניו, לאז דיך נישט אב! אין שטוב, ווילסטו זאל ווערען א צונויפלויפעניש און רייזעלע זאל זיך דערוויסען פלוצלים?

שפרינצע. אוי, איך וועל מיך איינהאלטען, זיך ווערגען, שטיקען אין מיר!... (זי חליפעט אין געהט גיך ארויס).

שמחה (מיט א זיפץ) ברוך דיין אמת!... גאטעניו דרעהט זיין וועלטיל, ווי פייבוש זאגט. (פערטראכט) אוי, דרעהט פייבוש זיין וועלטיל! און קלאמפערשט אליין ווי גאט זאגט... (ער וויל געהן און בטגעגנט זיך נעבען דער טיר מיט ר' יוחנצען און פייבוש'ן) א, ברוך הבא, ר' יוחנצע! דער ערשטער און דער בעסטער. — זיצט, זייט מוחל, איך וועל נאר אויף א ווילע ארויסגעהן. עפים קרימט זיך מיין ווייב און איז, לא עליכם, אביסל לא־עליכם'דיג. (ער געהט).

פ ײ ב ו ש : אַי, װאָס פאַר אַ פאַנטאָפּעל-מאַן דער שמחה איז, דאָס װײַב, אַ געלעכטער, כ׳לעבען, האָט בײַ איהם אַ דעה...

ר׳ יוחנצע: בײַ אַלע עמי-הארצים איז דאָס װײַב אַ גאַנצע חשובה... שמחה, דער עם הארץ, זאָגט איהר, קװײנקעלט זיך נאָך, — װער איז ער און װער — איך? (ע׳ מאַכט אַ קולאַק) אָט דאָ ליגט ער בײַ מיר! װײל איך, װערט מאָרגען פון איהם תל. פאַרשטעהט איהר?

פ ײ ב ו ש : דאָס טאַקי, מײן איך, זאָלט איהר איהם הײנט דאָ גוט אָנצוהערעניש געבען, אַז ער זאָל פּיהלען און צאַפּלען צו טאָן. אויף דער אסיפה בעדאַרפט איהר זײן אַהין—נישט אַהער, אַהער—נישט אַהין, עפּיס מיט אַ דרײדיל, פאַרשטעהט איהר?.. (אונטערװאַרפענדיג ר׳ יוחנצען) ר׳ חאַסקעלע אײערער װעט אין אַ שמאַלץ-גרוב זיך אַרײנחאַפּען און אויסגלײכען די בײנער נאָך אַזױ פיעל דחקות, נעבעך, שפּרינצע איז אַ װאױלע בעל-הביתטע. אַ שטוב איז איהר בײַ איהר פון אַלעם גוטען און איהרע װאַרעניקעס שמ׳ען די װעלט... ר׳ חאַסקעלע, נישקשה, װעט האָבען גוטע קעסט! (שמחה קומט אַרײן און בעהמט זיך אָנצינדען ליכט אין זילבערנע לײַכטער. פײבוש האַפּט זיך העלפען און װאַרפט אַראָב אַ לײַכטער. באַלד דערויף קומען אַן די נגידים).

שמחה (לויפענדיג זײַ אַקעגען): אַ, ברוך-הבא, ר׳ שמעלקע! ברוך-הבא, ר׳ טודריסיל! ר׳ העניך, ר׳ סענדעריל, ר׳ לײבעלע! ברוכים הבאים, ברוכים הבאים!

נײַנטע סצענע.

די נ ג י ד י ם, ר׳ י ו ח נ צ ע און ש מ ח ה זיצען אַרום טיש
פ ײ ב ו ש דרעהט זיך אַרום װי ער איז שטאַרק בעשעפטיגט,
װאַרפט זיך אין אַלע זײַטען און טהוט לחלוטין גאָרנישט

ר׳ ס ע נ ד ע ר י ל : הבה נתחכמה, רבותי! װאָס טהוט מען מיט די עזות-פּנימער.

ד י נ ג י ד י ם (אַלע אין אײן קול אין איטליכער רעדט זײַנס): מען קען

נישט אראבלאזען! — מיר קומט אויף דער באד!! — צוויי שוחטים בייע מוז מען צונעהמען! — פארקערט, מען מעג נאך דעם מקח, נישקשה, ארויפציהען! — וואס מיר-עולם? ווען מיר עולם!—נארישע זאכען, כ׳לעבען! — פישש!—לאזט זיך דינען! — וואס טויג מיר דא המצאות! — צוויי קאפיקעס איז, כ׳לעבען, ביושר! — פאלגט מיך! — ניין, ניין — פארקעהרט, אדרבה, דריי.

שמחה: בעטראכט, רבותי, מיין לאגע. דערוויל לייד איך און אינגאנצען לאזט זיך עס אויס צו מיין קאפ.

די נגידים: איז אייך שלעכט, זאגט זשע זיך אב.

שמחה: חאטש מארגענדיגען טאג! בעפרייט מיר נאר מיין זאלאג. (צו ר׳ יוחנצען) ר׳ יוחנצע, איהר פארשטעהט דאך יא א עסק, בעטראכט אדרבא די זאך ארום און זאגט, איך בעט אייך

ר׳ יוחנצע (קנייטשט זיך): בע... א שווערע הלכה...

שמחה: מיר איז שלעכט פון אלע זייטען. עס קומט דאך מיר אויס בדלות צו ווערען. — איך לאז אייך דא איבער, איהר זאלט אייך גוט מיישב זיין (ער געהט ארויס).

ר׳ שמעלקע: נישקשה, לאז ער זיך טאקי אבזאגען, וועלען זיין, פארשטעהט איהר מיך, פאפעטשיטעלעס. ווי מיינט איהר, ר׳ יוחנ׳צע?

ר׳ יוחנצע (נעהמענדיג זיך ביים בערדעל): בע... שמיעסט מען אין תוך אריין, זייט איהר פאפעטשיטעלעס זעהר, זעהר, גוטע. מהיכא תיתי... נאר לאמיר שמיעסען פארקעהרט, איז דאך די קשיא גאר פון אויבען אויף: זאלט עס אנדערש זיין אזוי... ווי זשע ווערט מען פטור שמחה׳ן! אלא וואס דען וועט איהר ענטפערען: עולם, — לאז דער עולם טאקי שרייען גוואלד, וועט ער שוין מוזען... פארשטעהט איהר מיך, בלייבט דאך צוריק די קשיא: ווי איז דער דין, אז ער ווערט א כופר בעיקר, דאס הייסט, ער זאגט דער שטאדט, איהר פארשטעהט דאך וועמען איך מיין, גאר גראב: געשמייע אייך פאר פול, וואס פאר א מחותנים זייט איהר מיט דער טאקסע? — איז דאך טאקי נישט קיין גוטער משא ומתן... נישטמעהר, מען בעדארף זיך גוט מיישב זיין. מיר וועלען זעהן (צווישען די נגידים ווערט א געזשוזשעריי. פייבוש געהט צו פאמעליך צו ר׳ יוחנצען, רוימט איהם איין אין אויער און געהען ביידע צו דער טיר).

פייבוש: שמחה רופט אייך אויף א ווארט. זעהט זשע, ר׳ יוחנצע

אצינד איז די רעכטע צייט. ווייזט איהם דאָרט דאָס בייטשעל און גיט איהם אַ קוועטש, וועט ער זיך אָנכאַפּען מיט הענט און פיס. — לאָז ר׳ האַסקיל זיך אַריינכאַפּען אין אַ שמאַלץ-גרוב. (ר׳ יוחנצע געהט אַרויס).

ר׳ טודרוסיל (אָבפּיהרענדיג ר׳ שמעלקען פונ'ם טיש אין דער זייט): באַם עס וועט בלייבען פּאָפּעטשיטעלעס, בעט איך אייך אין זינען צוהאָבען, מיך אויך אין דעם צעטעל אַריינצושטעלען. (זיי געהען צוריק צום טיש).

ר׳ סענדעריל (אָבפּיהרענדיג ר׳ לייבעלען אין דער זייט): פאַרגעסט נאָר נישט, איך בעט אייך, אז איך בין שוין אַמאָל אויך געווען פּאָ-פּעטשיטעל און בין דער שטאָדט שטאַרק צוניץ געקומען. מיין גאַנץ לעבען אַרבייט איך אַלץ לטובת הכלל, לטובת הכלל... (זיי געהען צוריק צום טיש, שמחה און ר׳ יוחנצע קומען אריין, פייבוש געהט צו זיי נאָהענט צו).

שמחה: לאָז עס נאָר בלייבען בסוד, ר׳ יוחנצע ביז איך וועל פאַרטיג ווערען מיט מיין ווייב, אונזער תקיעת כף איז הייליג.

פייבוש: מזל טוב. ר׳ יוחנצע!... איהר האָט ביידע, כ'לעבען, געטראָפען. אַזעלכע צוויי לייטישע מחותנים! (ר׳ יוחנצע ווינקט צו שמחה'ן. שמחה געהט אַרויס און ער געהט אין זעצט זיך ביים טיש).

ר׳ יוחנצע: מסתמא בין איך גערעכט! איך האָב אַ טאָפּ געטאָן דאָרט שמחה'ן און זעה אַרויס, ווי באַלד מען ציהט איבער דעם בויגען, איז ער מוכן ומזומן אייך ענטפערן קוממיות...

די נגדים (אין איין קול): אַזוי... ער וויל געהן אַ קעגען אַ שטאָדט.

ר׳ יוחנצע: שטאָדט, זאָגט ער, הייסט ביי מיר דער עולם, נישט עטליכע נגידים...

ר׳ סענדעריל (קנייטשט דעם שטערען): ווי באַלד אַזוי... נישט איבערציהען... מוז מען אצינד, פאַרשטעהט איהר? שוין זעהן עפּיס אַ מיטעל, ווי דעם עולם לעת עתה איינצונעהמען. און אַ סגולה צום עולם קען נאָר געבען איין ר׳ יוחנצע.

ר׳ יוחנצע (דרעהענדיג דאָס בערדיל): מיין זיידע, זכותו יגן עלינו, פלעגט אַלץ מאַכען, געדענק איך, כהאי לישנא: בע... עולם—גולם.— בוקייעט מען די דאָזיגע הייליגע ווערטער, פיהלט מען, ווי זיס זיי זענען. ר׳ ליב שרה'ס גולם, אַ שטייגער, איז געגאַנגען, געטאָן זיינע שליחות. האָט ער זשע דען געוואוסט, וואָס ער טהוט? ניין, אין איהם

האָט געאַרבייט דעם שם המפורש. קוים אַוועקנעהמענדיג דער שם המפורש, איז ער געבליבען ליגען ווי אַ שטיק ליים. — דער עולם, פאַרשטעהט איהר מיך, איז אין תוך אַריין אַ ליימענער, אָנגעמאָלטער גולם. ער שרייעט, פילדערט און פרעגט איהם בחרם וואָס... אין איהם אַרבייט עפּים אַ שד, לצים אַזוינע, נפשות, וואָס דרודלען איהם אָן. ס'איז נאָר אַ האָקוס־פּאָקוס. מען בעדאַרף, פאַרשטעהט איהר, די עטליכע לצים אַוועקנעהמען, ווערט שאַ. און צו יענע לצים איז דאָ אַ שפּרוך, גוטע באַבּסקע מיטעל—ממתקים מיין איך.

די נגידים. אָ, דרינען מוז מען זיך שוין ווענדען טאַקי צו שמחה'ן. נעהמט, ר' יותנצע, ביי איהם על חשבון. נישקשה...

פייבוש (צוגעהענדיג צו די נגידים) דער בעל הבית בעט דעם עולם אַריינגעהן אין אַנדערען חדר. מען בעדאַרף דאָ גרייטען צום טיש. (אלע געהען אין צווייטען חדר).

צעהנטע סצענע.

דוואָסיע (גרייט צום טיש) מיט איהם איז גוט די הענט זיך צו־צופיהרען! וואו איז דער ימח־שמוניק ערגיץ מיט די טעלער?

פייבוש (דרעהענדיג זיך ארום דוואָסיען) מיט איהם וואָלסט דו דאָך געוואוסט פון אַ לעבען צו זאָגען. דאָס טעלעריל פונ'ם הימעל וואָלט ער דיר אַראָבגענומען.

מענדיל (אנקומענדיג אויף די רעד. מיט טעלער) און צוגעטראָגען דיר, דוואָסעניו, פון פייגעלמילך.

פייבוש (אנגיסענדיג א כוס) בראָנפען וויל איך אַליין נעהמען און לעקעך צום פערבייסען וועסט דו, דוואָסיע, שוין געבען (ער טרינקט); הער נאָר אַ מעשה, מענדיל האָט גאָר אַליין נישט געוואוסט, אז ער

האט א פעטער אין ארץ ישראל, — (צו דוואסיען) ער איז דאך פונ׳ם צימעס, הוילע יחוס. בעסערס דערפון האט דיין טאטע, ר׳ בתריאל, זיך נישט געקענט גאר ווינשען (מיט א זיפץ מלא חניפה) אט דאס איז געוועזן א יוד, אזוינע יודען זענען היינט גאר נישטא. אי, האט ער, עליו השלום, מיך ליב געהאט (מאכענדיג מיט דער האנד ניט ער א שטופ דעם מע).

מענדיל. עפיס גאר א נייער רוק, ר׳ פייבוש, פאפערעק צוש קיין ארץ ישראל...

פייבוש. וואס דיר דאכט זיך פאפעריק, איז דווקא גלייך. אט וועסט דו זעהן, מענדיל, ווי דוואסיע גיט מיר היינט פערבייסען לעקעך

דוואסיע. היינט איז שווערליך. פערבייסט דערווייל מיט דער צונג. (שמחה מיט די נגידים קומען אריין).

עלפטע סצענע.

גלע זיצען ארום טיש און עסען. דוואסיע טראגט אריין מענדיל נעהמט צו בייא איהר און דערלאנגט צום טיש. פייבוש דרעהט זיך אהין-אהער, גלייך ווי ער פארווערט, טהוט איין טרונק בראנפען נאכ׳ן אנדערען און הפפט בײם וועג געהענדיג פון א פאלומעשעק.

ר׳ יוחנצע (האלטענדיג א כוס אין דער האנד מיט פערגלאצטע אויגען) לחיים! פשוט טאקי... טיי-טע-טע-טיי לחיים! (ער זיפצט ניט א זופ און ברינקט דערנאך מיט א מאל אוים דעם כוס).

די נגידים (זיפצענדיג) לחיים, אוי-אוי-אוי, טאטע-פאטער!

פייבוש (פאלענדיג פון די פיס, שלאגט זיך אן מיט מענדלען) נישקשה, מענדיל, פאל בײ זיה נישט אראב, עס תעם געהן!...

מענדיל. עפּיס געהט עס היינט בײַ אײַך אַלץ באַלכסון און פּלאָנטעט זיך פאַר די פיס טאַקי ניין אײַלען, פייבוש.

פ ייבוש (צולויפענדיג מיט אימפּעט צום טיש אויף א קול לעבעדיג, ווי א מאַרשאַלעק) דער בעל־שמחה בעט דעם עולם קיין פאַראיבעל נישט צו האָבען. אויף דער טאָכטערס חתונה, אם ירצה השם, וועט ער פאַרבעסערן!

(פלוצלים לויפען אַריין הענדום־פּענדום פּורים־שפּילער. אַחשורוש אין אַ מאַנטעל פון איין אַלטען פּרוכת, אויפ׳ן קאָפּ אַ מין היטעל פון געל פּאַפּיר מיט פלוטערלעך. „ושתי המלכה“ מיט אַ סימן פון אַ בערדיל, אין אַ קורץ שמוציג קליידעל, פון וועלכען עס קוקען אַרוים גרויסע, גראָבע שטיוועל. אַרום דעם האַלז אַ שאַל, צוגעבונדען מיט די. עקען הינטען אויף דער פּלייצע. אויפ׳ן קאָפּ אַ אָבגעבאַרעט שטרויען קאַפּעלישעל. — „מרדכי“. אין אַ קאַפּטאַן, אויפ׳ן קאָפּ אַ מין שטריימעל מיט אַ לאַנגער באָרד פון קליאָטשע. געהט רײַטענדיג אויף אַ הילצערן פערדיל, בעהאַנגען מיט גלעקלעך. — „המן“. אין אַ סאָלדאַטסקען שינעל. אויפ׳ן קאָפּ אַ דרײַעקעכדיגעה קראָפּ פון צוקער־פּאַפּיר, — דער לעקער־לויפער אין שיך און זאָקען. די פּאָלעם פאַרבייגען. אויפ׳ן קאָפּ אַ הויך פּאַפּירען היטעל. אַ כלי־זמריל סקריפּעט אויף אַ פידעלע און איינער געהט מיט די טאַצען. — דוואָסיע און מענדיל שטעהען נעבען דער טיר און קײַכען פאַר געלעכטער).

מרדכי (יאָגט זיך ארום רייטענדיג, שאָקעלט מיט דעם בערדיל. די גלעקלעך קלינגען).

פליהון אויף די אַחשתרנים טהו איך טהון,
אין אַ פורפעלוואָלענע זיפּצע טהו איך זיין אָנגעטהון
טהו איך, טהו איך, טהו איך טהון
אַ שפּרונג, אַ שפּרונג אויבענאָן.

מענדיל (צו דוואָסיען) אויף דער אויבערשטער באַנק אין באָד! דאָס איז בעריל דער שמייסער!

דוואָסיע (קייכענדיג פאַר געלעכטער) מיינע צרות אויף איהר, אויף ושתי המלכה! דאָס איז לייזער דער בעהעלפער!

דער לעקערלויפער (שטעלט זיך אין דער מיט שטוב און גיט א מאַך מיט דער האַנד אַרום זיך).

דאָס איז אַ ווייגאַרטען!

אחשורוש (טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד פון זיך)

אָ, דו לעקערלויפערליין!
לויפען זאָלסט דו צו ושתין,
נאַקוט לאָז זי אויפטרעטיין,
לאָזען די האַרען קוקיין,
ווי ענטפלעקט טהוט זי זיין שען.
טראַלעליי, טראַלעליי, טראַלעליי!
איינס און צוויי און דריי.

דער לעקערלויפער (צולויפענדיג צו ושתין).

איך טהו מיט מיינע גילדענע פיסעליך טהון
אין דיין שפאַצירגערטענדיל אריינטרייטון.
לאָז מיך, אָ ושתי! דערציילון.
דער מלך טהוט טהון בעפיילון:
נאַקוט זאָלסטו זיך טהון צוגרייטון,
נאַקוט און הויל פאַר איהם טרייטון.
טרייטון, טרייטון, טרייטון.

ושתי (אויף א קווישטשיג קוילכען)

נאַקוט טהו איך מיך שעהמון,
מיין שיין קלאָר לייב בלויז צייגון,
א ליילוך טהו איך טהון נעהמון
און צומאַכון די אויגון.

(וואַרפט אראָב די שאַל, אויסטוהענדיג דאָס קאַפעלישעל. טאַפט זי אָן עפּיס גאָיפ'ן שטערען און גיט זיך אַ חאַפּ מיט כעס).

וואָס טהוט שפּראָצען מיר אויפ'ן שטערן?
עפּיס ווי אַ לאַנגער האָרון?
אָ, לעקערלויפער, ניקס בשום אופון!
זאָלסט מיט דיינע פיסעליך לויפון.
ווער איז ער? טהו איהם זאָגון,
אַז איך ושתי זאָל איהם טהון פאָלגון!
אַ שטאַלמייסטער האָט ער געטראָגן
טהון זיין אַ מאָל ביי מיין טאַטון

זאָל ער נישט טהון פאַרגעסון.
אַז איך בין אַ פּרינצעסון.

דער לעקערלויפער

איך טהו טהון אַ טרייטון!
טרייטון, טרייטון, טרייטון!

המן און דער לעקערלויפער (קומען און שלעפּען ושתי׳ן).

געהאַנגען זאָלסט דו, ושתי, ווערון,
פאַר וואָס דו טהוסט נישט הערון!

ושתי (וויינט אויף א קוויטש)

וועה אויף מיינע יאָהריין
נאָך אַזוי יונג און שען!

(אין דעם עולם איז א גרויס געלעכטער: א שענע ושתי לייזער דער בעהעלפער!)

המן.

דער יודע מאַנדרוש, טהו איך קוקען,
וויל פאַר מיר נישט זיך טהון בוקען. (צו אחשורוש׳ן)
די שפּיץ־יודען טהוען אונז בייסון
און טהוען נישט הערען דיין הערונג.
בעפּייל: לאָז מען טהון זיי צערייסון
צערייסון אַזוי ווי אַ הערונג.

מרדכי (לויפט צו מיט אימפּעט)

דו המן טהוסט אויסטראַכטען ליגון,
ליגון, מסירות אויף יודענס קינדער.
אין דער ערד וועסט דו טהון ליגון,
און אונז וועט גאָט טהון וואונדער.
פליהון אויף די אַחשתּרנים טהו איך טהון,
טהו אין אַ פורפעלוואָלענע זיפּצע זיין אַנגעטהון.
כהו איך, טהו איך, טהו איך טהון
אַ שפּרונג, אַ שפּרונג אויבענאָן!

(אויסשטרעקענדיג די האַנד צום עולם)

הײנט אין פורים און מאָרגען איז אוים,
גיט מיר אַ גראָשען און שטופט מיך אַרוים!

(שמחה גיט די פורים־שפּילער געלד און צו גלעזלעך וויין. זיי טרינקען און לויפען דערנאָך ארוים).

די נגידים (אויפהייבענדיג זיך פונים טיש) אונז איז שוין אויך צייט, הייסט עס, די אַסיפה איז געענדיגט.

פייבוש (מיט א געלעכטער פון א שכור) געענדיגט מיט אַ פּורים־שפּיל, אַ קאָמעדיע!...

פערטער אַקט

אַ דאַטשע אין אַ סאָסנאָווע וועלדיל. פאָרענט-צו שטעהט אַ ווייס שטיבעל מיט געלע פריזבעס און צווישען ביימער אַקעגען — ביינק פון גראָז, אַרום און אַרום שטוב ציהט זיך אַ פלייט פון איבערגעלעגטע לאַנגע דרענגלעך, וואָס טיילט-איבער דעם וואַלד.

ערשטע סצענע.

טיעף אין וואַלד ברענט אַ פייעריל. קינדער קלעטערען און יאָגען זיך אַרום מיט פיילענבויגענס. עס הערט זיך אַ רעש, אַ געשריי, אַ געשוווישטשעריי. מענדיל און דוואָסיע ווייזען זיך פונ'ם וואַלד און קריכען אַריבער דעם פלייט.

מענדיל. איך זאָל האָבען אַזוי פיעל הונדערטער, וויפיעל חתונות היינט, אין ל״ג בעומר, ווערען ביי אַלע יודישע קינדער אָבגעמאַכט, וואָלט איך רייכער געוועזן פון גינצבורגען.

דוואָסיע. ער זאָל דאָס האָטש זאָגען: אָהן עין הרע!... וואָס צעהלסט דו עס אַזוי יודישע חתונות? לאָזען יודישע קינדער זיך פֿרוכפערן און מעהרען.

מענדיל. אויף יענעם איז זי אַ וותרנ׳טע! און ביי אונז איז דען נישט קיין יודישע נשמה?... טאָמער, דוואָסעניו, וואָלט אַ סברא

געוועז, מיר זאָלען היינט, אויף ציקאָוועשטש, בשעת יריד פון תהונות, אָבשטעלען אַ חופה. האַ?

דוואָסיע. קוקט איהם נאָר אָן, ווי ער האָט נישט קיין צייט: נישקשה, ביסט נישט קליין צו וואַרטען.

מענדיל. צו וואָס וואַרטען און ועמען וואַרטען? איך מיט דיר זענען מיר אי חתן־כלה, אי פון ביידע זייטען די מחותנים. אונזער נדן איז דאָ, אין די צעהן פינגער. און די דרשה קען איך, ברוך השם, גוט ווי אַלע חתנים.

דוואָסיע. גענוג געדרשה׳נט. איך קען שוין דיינע דרשות, דו ליג איינער!

מענדיל. האָטש איין קליין דרשה׳לע נאָך. אַ צוויי, דריי קיש, דוואָסעניו! (ער נעהמט זי ארום און קושט).

דוואָסיע. ווי האָט מען עס נישט קיין בושה! אין מיטען העלען טאָג. דאָרט זיצען מענשען.

מענדיל. נישקשה, ס׳איז פאַר זיי נישט קיין סוד. ווייסען אויך דעם פירוש דערפון. און איבריגענס זענען אַלע דאָרט ערשט זיך צוגאַנגען. (ער שטעלט אונטער דוואסיען זיין באַק) נאַ, גיב אָב צוריק!

דוואָסיע. אָ ניין! ווערסט אַזעלכעס ביי מיר בשום אופן נישט פועל׳ן. (זי קוקט זיך ארום און דערלאנגט איהם א קוש). נאַ דיר שוין, נאַ און לאָז מיך צורוה!

מענדיל. אַצינד, דוואָסעניו, מוזט דו זיבען מאָל! נישט אַנדערש ווי זיבען מאָל.

דוואָסיע. דאָס, זעהסט דו, אויף קיין אופן נישט... (זי קוקט זיך ווייטער ארום און שפרינגט אָב אין דער זייט). בראָש האָט ער זיך צוהיצט און האָט היינט עפּיס קיין אויגען נישט! גענוג זיך געשפּילט, רייזעלע געהט דאָרט! — איך וועל צו־געהן צו רייזעלען, טאָמער בעדאַרף זי עפּיס האָבען. דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרוים קוקענדיג ווי זי האָט זיך פאַרענדערט און וואָס פאַר אַ פּנים זי האָט, נעבעך, בעקומען נאָך דער וויסטער בשורה פון איהר חתנ׳ס טויט. הלואי די דאַטשע זאָל איהר העלפען! עפּיס האָב איך זי ליעב, אַזוי ליעב... זי שטעהט מיר דאָ אין האַרצען. (זי ווישט מיט׳ן פאַרטוך די אויגען).

מענדיל. אַ רחמנות, נעבעך!... גיכער, דוואָסיע, געה גיכער צו איהר! (מענדיל און דוואסיע צוגעהען זיך).

צווייטע סצענע

רייזעלע אין אַ סיטצען קלייד און אַ ווייסע באַטיסטענע קאַפּטעלע. צוויי לאַנגע צעפּ העגנען איהר אַראָב אויף די פּלייצעס. זי איז בלייך און געהט פּאַמעליך, שטאַרק פערטראַכט. — דוואָסיע געהט איהר נאָך.

דוואָסיע (צוקומענדיג צו אַ באַנק צווישען בוימער): אָ, דאָ, רייזעלע, איז גוט זיך אויסצורוהען! עס קען צוקומען אַ שטיק געזונט, נו?

רייזעלע: טהו וואָס דו ווילסט, מיר איז אַלץ איינס.

דוואָסיע (נעהמט נישט ווייט פון דאַנען אַ קאָלדרע און אַ קישעלע און בעט אויס אויף דער ערד) גאָר אַנטיק! גרינע גראָז, קרייטעכצער, בוימער, וואַלדפייגעלעך... מחיה, לעבעדיג, פרעהליך!

רייזעלע (זעצענדיג זיך): ווענען, האַ? — דיר, דוואָסיע?

דוואָסיע: אַ הונט זאָל אַ לעק טאָן מיין הארץ, וואָלט ער, דאַכט זיך, אַ מיתה-משונה איינגענומען אויפ'ן אָרט, אַי, האָב איך אַ הארץ! איך בין, נעבעך, עלענט, אַ וויסטע יתומה...

רייזעלע: גאָר פלוצלים!..

דוואָסיע: ערשט היינט טאַקי האָב איך עס דערפיהלט. אָהן אַ טאַטע, אָהן אַ מאַמע, ווער איז מיר, געה אַליין ווער אַ כלה!.. אוי ווער...

רייזעלע (פערטראַכט): וואָס איז?!

דוואָסיע: גאָרנישט, גלאַט אַזוי... איהר דרעמעלט, לאָמיך אייך נישט שטערען. אַביסעל כרישע מילך וואָלט אַצינד זעהר גוט געווען. אַ דערקוויקעניש. נו, זאָל איך?

רייזעלע: טהו, דוואָסיע, וואָס דו ווילסט! (זי טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד און נורעט זיך איין מיט'ן קאָפּ אין קישען).

דוואָסיע (רוקט זיך אָב אויף עטליכע טריט ווייטער און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ). אָט האָסטו דיר! שוין יאָ טאַטע און מאַמע, אַז ס'איז אָבער בישטאָ קיין מזל!..

דריטע סצענע.

שמחה, שפרינצע און רייזעלע.

(שמחה און שפרינצע קומען-צו נאָהענט, וואו רייזעלע ליגט).

שמחה (אויסלאָזענדיג א שמועס): היינט פארשטעהסט דו שוין, שפרינצע? שריי חי וקים, מוז אזוי זיין.

שפרינצע (ווינקענדיג צו שמחה'ן): שא! דאס קינד ליגט דאָ און שלאָפט. לאָז זי, נעבעך, אביסעל זיך אויסרוהען.

שמחה (שטילער אין שטארק אויפגעבראכט): א הארצוועהטיג, בנאמנות, ווי דו ווילסט מיך נישט פארשטעהן! דו מוזט, זאָג איך דיר, שפרינצע, מיט איהר רעדען, היינט מיט איהר רעדען.

שפרינצע: א קאטאָוועס אביסעל אזא מציאה! אז נישט היינט, קען, חלילה, די וועלט אונטערגעהן.

שמחה: די וועלט ווי די וועלט, מיר קענען דערווייל טאקי אונטערגעהן. (ארויפלעגענדיג א פינגער אויפ'ן האלז) איך בין פארבאָדען אָט ביז דאנען. אויף חאסקילען שטעהט אצינד די וועלט!..

שפרינצע (געהט פאמעליך צו נעהענטער צו רייזעלען, בייגט זיך איבער איהר א ביסעל און טרעט באלד צוריק): בידנע קינד! ליגט ווי א שטילע טויב, פארלעגט מיט'ן קעפעלע און שלאָפט. — מעגליך, איהר חלומט זיך אצינד א גוטער חלום און דענקט גאָר נישט, אז די מאמע, איהר אייגענע מאמע, שטעהט נעבען איהר, ווי א קאץ, מיט דער מחשבה אריינצושטעקען אין איהר הארץ די נעגעל און פארדרעהען איהר דעם קאָפּ... איהר איצטיג שלאָפען, ווי אזוי זי ליגט זיך דאָ איינגענורעט, רייסט מיר אויס די נשמה. זי זאָל זיך אויפחאפען, וואָלט געוועזען עפּיס בעסער, גרינגער... (זי ווישט די אויגען)

שמחה: איך פאָהר אין שטאָדט, א רגע איז איצט טייער. — שפרינצע, רעד! (ער געהט געשווינד אוועק)

שפרינצע (נאָכדעם ווי זי שטעהט א רגע שטיל): א שרעק! ווי רעדט מען מיט איהר פון אזא זאך!.. אוי, ליבער גאָט, האָסט מיך געבראכט צו א שווערע נסיון. ניחיי וואָלט זי האָטש גערעדט, געוויינט, וואָלט

זאָך אַזוי שווער נישט נעמען זיך אויסצו׳טענה׳ן מיט איהר. זי אָבער שווייגט, טראָגט איהרע וועהטיגען טיף אין זיך. זי צאַנקט, געהט אוים ווי אַ ליכט. אין איהרע אויגען ליגט עפּים אַ געבעט. אויף איהר בלייך פּנים—גוטסקייט אָהן אַ ברעג, גלייך ווי איינער רעדט: נאַט, נהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט. און געה דערנאָך טהו איהר עפּים, אַז זי אַליין גיט זיך איבער אין דיינע הענט! מען בעדאַרף האָבען אַ הארץ פון אַ גזלן. — ניין, אַ גזלן אַפילו לעגט זיך אויך די האַנד נישט צונעהמען אַ מעסער און קיילען, אַז זיין קרבן שטרעקט אַליין דעם האַלז אוים. (ווידער צוגעהענדיג צו רייזעלען) בידנע קינד, שמילע טויב! קאָמאַרען בייסען זי, נעבעך. (זי פּאַכט איבער איהר מיט אַ טיכעל).

רייזעלע (עפּענט די אויגען, זעצט זיך אויף און קוקט אַן די מוטער) וואָס איז, מאַמע.

שפּרינצע. קאָמאַרען בייסען דיך און דו פיהלסט אַפילו נישט. אַלץ פערטראַכט, פערטראַכט. גענוג שוין, רייזעלע, אַלסדינג איז מיט איין עק. שטיק נישט דיינע צרות אין זיך. וויין, רייזעלע, וויין אוים דיין האַרץ. די טרעהרען וועלען דערווייכען דייז וואונד און עס וועט דיר ווערען גרינגער.

רייזעלע. וואָס זאָל איך טאָן, מאַמע, אַז איך קען נישט וויינען.

שפּרינצע. און אין מיינע צייטען פּלעגען ווייבער קענען וויינען... דאָס איינציגע מיטעל פאַר ווייבער, נעבעך, אין שווערע ביטערע צייטען, איז שטילערהייט אין אַ ווינקעל זיך גוט אויסוויינען. נישט איין מאָל, רייזעלע, האָב איך עס געפּרוווט אויף מיר. (זי וויינט).

רייזעלע (ארומנעהמענדיג שפּרינצען). מאַמעניו וויין נישט, איך בעט דיך.

שפּרינצע. איך וויין, רייזעלע, פאַר דיר, פאַר אונז ביידע. מיינע אויגען וועלען מיר נישט טריקענען ביז דו וועסט צו זיך נישט קומען און אָנהויבען אויף דאָס ניי צולעבען.

רייזעלע. נעהם, מאַמע, טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט.

שפּרינצע. אַלץ וואָס דו ווילסט, דו ווילסט, ווען דו, רייזעלע, זאָלסט וועלען, וואָלט איך — אַ שרעק, בילעבעז, — וואָלט... איך דיר געזאָגט...

ד ײ ז ע ל ע, נו, מאַמע, זאָג.

ש פ ר י נ צ ע. די װעלט בלײבט אַ װעלט. װאָס די ערד דעקט צו, װערט פאַרגעסען, נאָך דעם װינטער קומט תמיד דער ליבער זומער מיט נײע פרישע בלומען... פאַרשטעהסט דו מיך?

ר ײ ז ע ל ע. אָנשטאָט בלומען װאַקסט אַמאָל קראָפּעװע. — נו, מאַמע, זאָג

ש פ ר י נ צ ע (צומישט). נו זאָג איך—נײן, גענוג פאַר הײנט. — זאָג איך... הערסטו, רײזעלע? װאָס מאַכען דיר הײנט עפּיס צו מיטאָג?

ר ײ ז ע ל ע (שטארק פערטראכט) װאָס דו װילסט, מאַמע.

ש פ ר י נ צ ע (געהענדיג מיט א זיפץ) גע רעד, טהו עפּיס, אַז זי אַלץ: װאָס דו װילסט, דו װילכט,—בידנע קינד

פערטע סצענע.

רײזעלע, זלמן און זעלדע.

ז ל מ ן (װײזט זיך צװישען בײמער און װינקט מיט דער האַנד) אַהער, זעלדע! זי איז דאָ.

ז ע ל ד ע (צולױפענדיג געשװינד, נעהמט רײזעלען אַרום און קושט זי) סערדצע. קרױן! לאָמיך שטאַרק אָנקושען דיך דאָס לעצטע מאָל.

ר ײ ז ע ל ע. דאָס לעצטע מאָל!...... מיט װאָס האָב איך מיך אַזױ פאַרזינדיגט?

ז ע ל ד ע. (אויף אַ װײנענדיג קול) אומשולדיגע, כשר'ע נשמה! פאַרזינדיגט האָט זיך די װיסטע מאַמע. פאַרלױרען האָב איך מיט אַמאָל אי איהם, אײן אויג אין קאָפּ, אי דיך, צװײ קינדער, ברילױאַנטען, מיט אַמאָל!

ר ײ ז ע ל ע (קושענדיג זעלדען): רעדט נישט, איך בעט אײך, אַזעלכע װערטער! אײביג װעל איך, װי אַ קינד, ליעב האָבען דיך. שטאַרק ליעב

האָבען פאַר מיר און פאַר איהם. (קוקענדיג זעלדען אין פּנים) ער האָט געהאַט אינגאַנצען דיין פּנים, צוויי טראָפּען וואַסער! (קוקט זי ווייטער) זאָג מעהר נישט, מאַמע: דאָס לעצטע מאָל!

זלמן. יאָ, רייזעלע, אָין ברירה, מאַכי דאָס לעצטע מאָל! מיר פאָהרען אַוועק אויף אייביג. — גאָט איז מיט דיר, רייזעלע! וואָס ביסט דו געוואָרען אַזוי בלייך?

זעלדע. למאי, זלמן, אַזוי פּלוצלים אַרויסזאָגען! די מאַנסבילען אָבער האָבען אַלע אַזאַ נאַטור. (צו רייזעלען) נו, מיין קינד, וואָס זאָל מען טאָן?

רייזעלע (בלייבט זיצען אַ רגע שטיל) אַך, אַזאַ ריס! אַ ריס פונ׳ם האַרצען מיט אַלע וואָרצלען. קיין זכר אפילו זאָל נישט איבערבלייבען.... האַ, פאַר וואָס אַזוי פּלוצלים?

זלמן. אונז צווינגט די נויט. אַלסדינג האָבען מיר דאָ פאַרלוירען....

זעלדע (וויינענדיג) ביטער איז מיר, גאָטס צאָרען איז אויף אונז אויסגעגאָסען געוואָרען! פול מיט גוטס, מיט נחת פון קינדער בין איך דאָ אַמאָל געזעסען און לעדיג און בלויז ווער איך אַצינד פאַרוואָגעלט ערגיץ אין אַ פרעמד לאַנד!

רייזעלע (אַרויספאַלענדיג זעלדען אויפ׳ן האַלז) דיינע ליידען זענען מיינע ליידען. ביסט מיר איינגעבאַקען טיף אין האַרצען!

זעלדע. גאָט זאָל געבען, דו, רייזעלע, זאָלסט געפינען מנוחה און רוה ביי דיין מאַן אין הויז! ניין, טאָכטער, מיר איז ביטער. איך בין אַלט, אָבגעלעבט שוין מיין וועלט. דו אָבער ביסט נאָך יונג, האָסט נאָך אַ האָפנונג גליקליך צו לעבען מיט אַ מאַן און זעהן פאַר זיך אַ וועלט... זיי געזונד, מיין קינד! (זעלדע און רייזעלע קושען זיך).

זלמן (געזעגענדיג זיך מיט רייזעלען) גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט צוגענומען. לאָז זיין נאָמען זיין געלויבט! (ער געהט מיט זעלדען אַוועק).

רייזעלע (נאָכקוקענדיג זיי) דאָס לעצטע שטערענדיל פאַרשווינדען... (אָנהאַפּענדיג זיך ביים האַרצען), אַך אין האַרץ הייבען מיר זיך חוואַליעס... מאַמע, איך וויין! דער בלאָטער האָט אויסגעשפּרונגען און איך וויין, וויין, מאַמע, מיט אייטער און בלוטיגע טרעהרען!... (זי פערשווינדט צווישען די ביימער).

פינפטע סצענע.

פייבוש און האסקיל.

ביידע ווייזען זיך ארויסגעהענדיג פונ׳ם וואלד און צוקומענדיג נאהענט צום פלאץ פאר דער שטוב. חאסקיל אנגעטאן שבתדיג, אין איין אטלעסענער קאפאטע אויף אונטערשלאק. פון אויבען א בורנאס פון לאסטיג. די הענד פארלעגט אהינטען אונטערן בורנאס, אזוי אז די פאלעס פארנעהמען זיך. אויפ׳ן קאפ א פליסען היטעל. די פאות שטעהען אויבען אב פון די שלייפען, אונטען פערשפיצט אין א גרייזעל און הענגען אראב ווי צעפלעך. צווישען די צעפלעך קוקט ארויס א קליין, שיטער בערדיל, פעררים עכט מיט א שפיצעל ארויף. קוקט א מאל אויף איין אויגעל, האלטענדיג דאס קעפיל אין דער זייט, און אויף די ליפען שוועבט א שמייכעלע, וואס דריקט אוים חוצפא.

פייבוש. אט וועסט דו זי באלד אנקוקען. הא, וואס קען דיך עס ארען?.... הייסען וועט עס עט, גלאט אזוי, ביים וועג געהענדיג אויפ׳ן שפאציר, ל״ג בעומר, אין וואלד.

חאסקיל (מיט א קנייטשעל) נאך א מאל טאקי פרעג איך: למאי נפקא מיניה? וואס איז דא אנצוקוקען? א נקבה ווי אלע נקבות. עיקר הדבר איז דאך יענץ — התחיבות.

פייבוש. גלויב מיר, ס׳איז רעכט. מען בעדארף וויסען דאס ארט. דא מוז עס הייסען קלאמפערשט אנקומען. דש״י איז מיט זיין בעוואהרעניש, חלילה, נישט משוגע. און ווייטער הא, וואס קען עס דיך ארען, אז דו וועסט האפען א קוק? נישקשה, מען וועט דיך, חלילה, נישט אבבייסען. (ער בעטראכט האסקילען) ע, דו שוויצט דאך עפים ווי א ביבער!... ניין, נישט קיין גוטער משא ומתן פאר מיר. — וואס טויג דיר דאס פליסען היטעל?

חאסקיל. א זאג אביסעל פון א יודען: וואס טויג דאס היטעל! עפים גאר משונה ווילד, כ׳לעבען!...

פ ײ ב ו ש. עס... װײס איך, װאָס דו רעדסט. — למען השם, זאָג איך דיר, חאַסקיל, צו האַלטען זיך מיט דרך ארץ.

חאַסקיל (מיט אַ שמייכעלע) פּישׁשׁש, דרך ארץ פאַר אַ מײדיל! אַט רעדט נישט קײן נאַרישקייטען.

פ ײ ב ו ש. דאָס, חאַסקיל, זאָג איך דיר טאַקי: למען השם, צו רעדען מיט ישוב הדעת, װאָרום זי איז אַ קלוג מײדעל!

חאַסקיל. אַ טריאַטער, כ׳לעבען, אַ קלוג מײדעל! פון װאַנען האָט צו איהר די חכמה זיך גענומען? אין אַ חדר האָט זי דען נע־לערענט? װאָס אַ מינדסטער מאַנסביל האָט אין נאַגעל, האָבען עס צעהן קלוגע נקבות נאָך אין קאָפּ נישט.

פ ײ ב ו ש (װײטער בעטראַכטענדיג חאַסקילען) נו, סחורה!... דו שװיצט נאָך טאַקי אַלץ, חאַסקיל?! נעהם װיש דיר אָב דאָס פּנים מיט אַ טיכעל. — צו װאָס האָט דיר נאָך געטויגט היינט אַזאַ בורנאָס?

חאַסקיל. עפּיס אַ שנײדעריל, אַ פּראַנצװיזיל בין איך, האַ, מיך צו װײזען צװישען מענשען אין אײן קאַפּאָטע! — זעהר אַ פּאָלי־טישנער מענש, כ׳לעבען, ר׳ פּײבוש, (װישענדיג דאָס פּנים מיט דער פּאָלע) הלכות פּאָליטיקע, דרך ארץ, פאַרשטעה איך בעסער. — רעדט בעסער מכח התחייבות.

פ ײ ב ו ש. נישקשה, דו האַפּסט זיך אין אַ שמאַלץ־גרוב אַריין. — טאָמער װאָלט איך געפּועל׳ט, אויף אַ װײלע האָטש אויסצוטאָן דײן בורנאָס. ער איז דאָך צו דיר נישט צוגעװאַקסען, קענסט דאָך אָבנעהן מיט שװײס.

חאַסקיל (װישענדיג דאָס פּנים) בראָש ציטערט ער פאַר שװײס. װאָס איז דאָ אַזױנס? אַ יוד שװיצט... קעסט, ר׳ פּײבוש! למען השם, װאָס מעהר קעסט.

פ ײ ב ו ש. שאַ, זי געהט, זי געהט! (ער בעטראַכט נאָך אַ מאָל חאַסקילען פּנים קאָפּ ביז די פיס) אָך, דײן שװיצען, חאַסקיל, דײן שװיצען!...

זעקסטע סצענע.

פייבוש, חאַסקיל און רייזעלע

רייזעלע (צוקומענדיג נאָהענט) נאָך דאָ פאַרט עפּיס אַ שטיקעל זכר . . . ר׳ פייבוש! אַ גאַסט , כ׳לעבען . עפּיס ווי פונ׳ם הימעל אַראָבגעפאַלען!

פייבוש. ווערטער טאַקי ווי פון אַ חכמה, אַ יודישע טאָבטער! קיינער טהוט נישט קיין טריט ביז ס׳איז ניט פונ׳ם הימעל. עס פאַלט בישט דער שפּאָן ביז ס׳איז עפּיס נישט דראָן.

רייזעלע (מיט א זיפץ) אַ מאָל אָבער פאַלט דער שפּאָן יענעם צרות אָנצוטאָן. חלילה, נישט אייך, ר׳ פייבוש, מיין איך.

פייבוש. מען בעדאַרף אָבער אַלסדינג אָננעהמען פאַר ליב. אַז גאָטעניו דרעהט זיין וועלטיל! אַוודאי איז נישט איטליכער גענוג שטאַרק אויסצושטעהן דעם נסיון... איך האָב שוין דאָ געשמועסט מיט ר׳ חאַסקילען, האָב איך ערשט . . . וואו זייט איהר, ר׳ חאַסקילע?

(שטרעקט רעדענדיג אויס די האנד אהינטער און שלעפּט חאסקילען צו ביי די פאָלעם) אָט איז, ר׳ חאַסקילע, די גוטע און פרומע, פון וועלכער מיר האָבען געשמועסט.

רייזעלע (לאזט פארשעמט אראָב די אויגען) ע, ר׳ פייבוש! איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז איהר קענט מאַכען קאָמפּלימענטען.

פייבוש. קאָנפּליענטען ווייס איך נישט, קיין פלאָטקע-מאַכער בין איך נישט. ביי מיר איז אָהן קונצען, פּראָסט דער אמת, ווי גאָט האָט געבאָטען. יאָ, האָבען מיר ערשט געשמועסט, ווי שווער ס׳איז איין עהרליכער יוד צו זיין, גאָר אָהן קשיות פון זיין ליבען נאָמען אַלסדינג מקבל באהבה זיין און געשטעלט למשל איינע אַזעלכע, מיט וואָס פאַר אַ שטאַרקייט זי האַלט, נעבעך, דעם נסיון אויס און נעהמט אָן פאַר גוט, וואָס גאָט ברוך הוא טהוט, און ווער? דווקא אַ נקבה, נאָך אַ יונגענד. (א טאָרע-געבענדיג חאסקילען) אַ יאָ, ר׳ חאַסקיל!... איהר זייט, נעבעך, מיד, ר׳ חאַסקילע, פונ׳ם גאַנג און געהט אָב מיט שוויים. נישקשה

(שטיל, אנבויגענדיג זיך צו רייזעלען) ער איז אַ זיידען קינד, כלי שלמה!

ר י י ז ע ל ע: איהר שטעהט דאָ דערווייל מיד און איך בעט אייך אַפילו ניט זיצען! זעצט זיך, זייט מוחל, אָט דאָ אַקעגען אויף דער באַנק.

פ י י ב ו ש (גיט א שלעפּ חאַזקילען ביי דער פּאָלע און זעצען זיך ביידע אקעגען רייזעלען): געלויבט איז גאָט, ר׳ חאַסקיל, אָט זיצען מיר אונטער־געלעהנט אונטער אַ בוים! אַ יאָ, גוט? וואָס שווייגט איהר? (צו רייזעלען) איך האָב זיך פאַררעדט און פאַרגעסען דערווייל צו זאָגען. יאָ, דאָס איז ר׳ חאַסקיל ר׳ יוחנצע דעם רב׳ס!

ר י י ז ע ל ע (צומישט): אַ־אַ! איך ווייס.

פ י י ב ו ש (נאָכדעם אַז אַ היבשע ווײלע איז שטיל): אַזוי, אַזוי געהט עס אויף גאָטס וועלטעלע!... (ער דרעהט אַ האָר פונ׳ם בערדיל און בריקעט אונטער דער נאָז) טי־טי־טי, בריבים־בים־בים... וואָס זאָגט איהר, ר׳ חאַסקיל, ווי דאָ איז גוט?

ח אַ ס ק י ל (מיט אַ שמייכעלע): וואָס איז דאָ אַזוינס? אַ וועלדעל, פּלעקער, בוימער, ריטלעך, בעזעמער!... עט. נאַרישקייטען, יונגעלשע זאַכען.

פ י י ב ו ש (צו רייזעלען): ר׳ חאַסקיל, פאַרשטעהט איהר, געהט אַלץ און הויכע דרכים. איהם טראָגט דער קאָפּ אין אנדערע חלומות. אַוודאי איז עס גאָר אַ הויכע מדרגה העט, העט... אַ קאָטאַ! ווי קומען אַזעלכע מענשלעך ווי איך דערצו... בריבים־בים־בים. — מען בעדאַרף אריינגעהן אַביסעל צו דער מאַמען. (צו חאַסקילען) און איהר מעגט דאָ בלייבען, נישקשה. (צו איהם אויף לשון הקודש) אתה בלא תהיה כאן שלימזלניק. (באַלד טאַקי אויף יודיש) די וועלט פונדעסטוועגען, ר׳ חאַס־קיל, איז אויך אַ וועלט.

ר י י ז ע ל ע (קנאַקט די פינגער): אָט וועל איך געהן, שיקען אייך די מאַמען אהער, ר׳ פייבוש!

פ י י ב ו ש: חלילה, זייט זיך נישט מטריח. איך געה אַליין, נישקשה. (ער ווערט פאַרשוואונדען).

זיבעטע סצענע

רייזעלע און חאַסקיל.

רייזעלע נעהמט נישט ווייט פון איהר דאָס רעמיל אין העפט, חאַסקיל נעהמט זיך בײַ דער פאה און גלעט דאָס בערדיל. ביידע שווייגען אַ היבשע ווײַלע, נישט צורעדען אַ וואָרט

חאַסקיל (מאַכט מיט די אַקסלען אָנבייגענדיג דאָס קעפּיל) נאַ, נאַ דיר פײַבוש!

רייזעלע (דערלאַנגט, אַבבײַסענדיג דעם פאַדים, אַ דורכנעהמענדיגען קוק אויף חאַסקילען) וואָס פײַבוש?

חאַסקיל (אין דער וועלט אַרײַן) אַ תּם! ווייסט קלאָמפּערשט נישט, אַז פײַבוש איז אַ שדכן.

רייזעלע. האָט נישט קיין פאַריבעל, איהר זייט דען אַ בחור?

חאַסקיל (מיט אַ געלעכטער) אַ טריאַטער, כ׳לעבען. נאַט אײַך אַ בחור מיט אַ בערדיל!... אַ אַלמן בין איך. — נאָר צו וואָס טויגען די אָנשטעלען, אַז מען ווייסט אַליין זעהר גוט.

רייזעלע (גוט בעטראַכטענדיג חאַסקילען) עפּיס ווילט זיך מיט אײַך רעדען, איהר זייט, דאַכט זיך, בייז.

חאַסקיל. (ווערט בײַ זיך גאַנץ שטאַרק) ניין, עס רעדט זיך נאָך אַזוי, נו, לאָמיך שוין הערען וואָס ווייטער?

רייזעלע. איז אײַער ווײַב געווען אַ קלוגע, אויף אײַך אַ מבין?

חאַסקיל (מיט אַ געלעכטעריל) קלוג ווי אַלע ווײַבער, משטײַנס־געזאָגט. און צו וואָס טויג באמת אַ פלונית׳טע די איבריגע חכמה? ביסט אַ פלונית׳טע, זײַ־זשע אַ פלונית׳טע און נענוג. ווײַטער גאָרנישט... איהרע מבינות האָב איך נישט בעדאַרפט. אַלץ איינס...

רייזעלע (אַוועקשטעלענדיג דאָס רעמיל און אָנקוקענדיג חאַסקילען) מיט אײַך איז דאָך עפּיס מחיה גאָר צו רעדען! זאָגט נאָר, איך בעט אײַך, וואָס איז אַזוינס פלונית׳טע׳

חאַסקיל (שמאָכט פאר גרויס הנאה און רייבט די הענט וואָס איז אַזוינס פלונית׳טע? — גאָרנישט, פלונית׳טע איז פלונית׳טע, אַ יודענע, אָהן אַ נאָמען, גלאַט אַזוי זיך...

רייזעלע. און אַייער ווייב, זאָגט נאָר, האָט איהר ליעב געהאַט?

חאַסקיל. עפּיס אַזוי מיאוס מגושם, ליעב, מחילה, אַ ווייב!... דאָס ערשטע מאָל הער איך אַזעלכעס, עפּיס אַ ראָסעלפּלייש איז עס, אַ לעדוועצע...

רייזעלע. עפּיס גאָר אַנטיק, כ׳לעבען, ווי איהר רעדט! וויפיעל איז דרינען אַז אַייער ווייב איז טויט?

חאַסקיל. אָ, שוין אַהיבשע צייט, אַקעגען אַ דריי חדשים.

רייזעלע. ערשט אַ דריי חדשים און איהר ווילט שוין חתונה האָבען!

חאַסקיל. מילא וואָס דען זשע טהוט אַ יוד, אַז די פלונית׳טע שטאַרבט? געשטאָרבען—נו געשטאָרבען. ברוך דיין אמת! האָב דיר דאָרטען אַ ליכטיגען גן עדן און חתונה מוז מען האָבען,—איבריגענס בין איך מרוצה, אויף אַ קורצער צייט די חתונה אָבצולעגען, אַבי למזל אָבמאַכען די תנאים, פייבוש האָט מסתמא עס שוין געזאָגט.

רייזעלע. און קינדערלעך פון אַייער ווייב איבערגעבליבען?

חאַסקיל. פון עטליכע שטיקלעך איז דאָ איין יונגעל, אַ שלאַפּס. מען קען זיין גאַנץ רוהיג, די נשמה הענגט איהם אויפ׳ן שפּיץ נאָז. ער בלייבט ביי׳ם טאַטען. צום שידוך געהער זיך עס כלל נישט אָן.

רייזעלע. זעהר פיין פון אַייער זייט... (זי נעהמט ווידער דאס רעפיל און העפט אראָבלאזענדיג די אויגען).

חאַסקיל (נעהט אהין-אהער מיט ברייטקייט און שמאָכט) ווי זי האָט מיך דאָ פאַרהערט! בין איהר אָבער אַריין אין טעם, הע=הע (פאַרלעגענדיג די הענט אונטער דעם בורנאָס, קוקט ער פונדערווייטענס אויף רייזעלען מיט איין אויגעל און מעסט זי איבער פון אויבען ביז אראב) סחורה! קיין מעשׂה נישט, נישקשה... מען בעדאַרף מיט איהר מאַכען גיכער אַיין עק. (צוקומענדיג צו רייזעלען רעדט ער עפּיס נישט מיט זיין קול), זאָג, נאַרעלע, דו ווילסט?

רייזעלע (הויבט אויף פערוואונדערט די אויגען) וואָס?!...

חאַסקיל (מיט א נארישער מינע) זאָג, נאַרעלע, שעם זיך נישט! ס׳איז דאָך אַ יודישע זאַך. ווייסט דאָך שוין וואָס...

רייזעלע (שטעהט געשווינד אויף, אנטאפענדיג זיך ביי׳ם הארצען) אהאַ, איך שטויס מיך שוין אָן... אַ שרעק!!

חאַסקיל. שרעק זיך נישט, נישקשה! דעם נדן וועט דער טאַטע דיינער סיליק׳ן קודם המעשה. מעגסט אויף מיר זיך שוין פער־לאָזען. עד פרוטה אַחרונה וועט ער ביי מיר סיליק׳ן.

רייזעלע (אויסשטעלענדיג אויף חאַסקילען א פּאָר ברענענדיגע אויגען) אַוועק, דו ווילדער!... (זי לאזט זיך גיך געהן).

חאַסקיל (נאכקוקענדיג רייזעלען מיט חוצפּא) פּישששׁ... מען פרעגט זי אום אַ דעה! נישקשה, וועסט בעסער ווערען!... (ער געהט אוועק).

אכטע סצענע.

שפּרינצע, רייזעלע און שמחה.

שפּרינצע (ווייזט זיך געהענדיג פון שטוב און ברעכט די הענד) שוין!... דער ערשטער שניט איז שוין געשעהן. די מאַמע מוז געהן דערקוי־לען... רייזעלע און חאַסקיל! אַזאַ הפך ווי טאָג און נאַכט... אוי, די נויט, די ביטערע נויט!... ווי אָבער וועל איך איהר אין די אויגען קוקען?... רייזעלע, אָ, רייזעלע! (זי שפּארט זיך אן צו א בוים און וויינט).

רייזעלע (צוקומענדיג פערטראכט און דערשלאגען) מאַמע!...

שפּרינצע (קלאפּט זיך אין הארצען) וועה איז דער מאַמע: — רעד, ווייז, טאָכטער!

רייזעלע. איך האָב שוין געוויינט, מאַמע!

שפּרינצע. ווייז, לאָמיך הערען! דיין שווייגען אַצינד שטעכט מיך... ווייז, רעד, טאָכטער!

רייזעלע. אַלץ איינס, מאַמע! וואָס איז אינגאַנצען מיין לעבען?

שפּרינצע. אַ שרעק! עפּיס הערט זיך מיר אַצינד דאָס אַלטע לידעל: „דער טאַטע האָט מיך געקיילעט, די מאַמע האָט מיך געגע־סען”. יאָ, טאָכטער, געגעסען, דאָס איז טאַקי פאַר דעם עסען.

שמחה (אנקומענדיג שטארק איינגעבראכט) אַזוי?!... דו שיכסט מיט

הייסען פריסיק שיטסט דו אָב—טרייבסט! נו זאָג איך דיר, רייזיל, דער שידוך מיט חאַסקילען מוז זיין און וועט זיין.

שפרינצע (אנעהמענדיג שמחה׳ן ביי דער האַנד) אָבער, שמחה, נישט מיט אַזאַ...

שמחה. עט, וואָס וועסט דו מיר דאָ זאָגען... דאָס האָט די מאַמע דיינע, רייזיל, דיר ביז אַהער נאָכגעגעבען אַלע דיינע חפצות און איך נאַר האָב מיר געלאָזט אַרויספיהרען אויף ביטשען... יאָ, אַ גרויסע טובה האָט מיט איהר נאָכגעבען דיר די מאַמע דיינע געטאָן. אָ, ווייבער, ווייבער...

שפרינצע (מאַכט מיט דער האַנד שמחה׳ן כמעט אונטער דער נאָז) שלעכט אין שטאָדט, עס געפעלען איהם נישט די ווייבער! ווי באַלד נאָר עפּיס, זענען די ווייבער... אָ, מענער, מענער! (צו רייזעלען) וואָס זאָלען מיר ווייבער, נעבעך, טאָן, אַז מיר זענען אין אַזאַ פינסטער מזל גע־בוירען געוואָרען; אַז מיר זענען פערקויפט, נישט פריי אַקאָפּ אויפצו־הויבען... ע. דו זאָלסט זיין אַ יונגעל, וואָס וואָלט איך מיט דיר גע־האַט צוזאָרגען, אַ מיידעל אָבער איז עפּיס גאָר אַנדערש. זי טהאָר צו פיעל זיך נישט איינשפּאַרען.

רייזעלע. מה רעש. איך וועל פערזיצען? עפּיס נישט אַזאַ סכנה!

שפרינצע. עפּיס גרינג אַזוי צו זאָגען אייביג אַ מיידעל! ערגערס איז שוין, דאַכט זיך, גאָר נישטאָ ווי צו זיצען ביז דעם גרוי־צאָפּ. און בפרט נאָך ביי יודען. בעהיט זאָל מען ווערען!—אַ מאַנסביל, ער מעג, נישקשה, ער איז עפּיס גאָר וואָס אַנדערש...

שמחה (וואָרטשענדיג) די מאַמע איז דאָס די גוטע און דער טאַטע דער שלעכטער. זאָגט זיך דען נישט אויך דאָס אייגענע. נאָר אַביסעל צושמירט.

שפרינצע. אַז דו ביסט געקומען אַזוי אָנגעלאָדען און זיך צו־פלאַקערט אויף דעם קינד, נעבעך! זעהסט דאָך, מען קען רעדען דאָס אייגענע טאַקי, נאָר ווי אַ מענש, מיט גוטען און ברחמנות.

שמחה (גלעט רייזעלען איבער׳ן קאָפּ) כ׳לעבען, רייזעלע, איך האָב דיך אַזוי ליעב ווי די מאַמע.

רייזעלע (אָנקוקענדיג דעם פאַטער פערטראַכט) וואָס?!

שמחה (אַ קלאַפּ־געבענדיג זיך אין האַרצען) איך האָב אַ האַרץ פול מיט מכות!... און גאָר אָהן דעם, רייזעלע, ביסט דו דאָך שוין אַ דערוואַקסען מיידעל און ווען אַנדערש קען מען דיר אין אונזער

גראַד אָנשלאָגען? חאַסקיל איז וועניגסטענס אַ מיוחס, שטאַמט פון אַ גרויסער משפחה.

רייזעלע. אַט דאָס גאָר!... ניין, טאַטע, ניין!

שמחה (אויפגעבראַכט) מיר זענען פאַרביי! דו ווילסט אונז קוילען, טאַכטער, לאָז זאָגען די מאַמע.

שפרינצע. משונה גראַב, שמחה! רעד נישט אַזוי משונה. (צו רייזעלען מיט אַ קרעכץ) דער טאַטע מיינט, מיר קענען פון אַנדערע געקוילעט ווערען, חלילה, אָהן אַ מעסער...

שמחה. אונזער הויז, וואָס אין זאַלאָג, וועט מען צונעהמען, אַלסדינג, האַק און פּאַק מיט די בעבעכעס. אַ חוץ די אַלע ביטערע צרות וועל איך נאָך פערלירען דעם גוטען נאָמען און זיין צו לייטיש געשפּעט. מיין גאַנצע האָפנונג אַצינד איז נאָר איין ר׳ יוחנצע, אָבער מיט דעם תנאי, אַז דו וועסט זיך נישט פער׳עקשנ׳ען... אוי, רייזעלע, שלעכט, דער הלף ליגט מיר אויפ׳ן האַלז!

רייזעלע (אָנרופענדיג זיך קיים הארצען) טאַטע!...

שמחה. קוק, מיין קינד, אויף דער מאַמען. די מאַמע, נעבעך, וועט ליידען דחקות, הונגער און נישט האָבען אויף דער עלטער, וואו דעם קאָפּ אַנידערצולעגען (ער ווישט די אויגען און קעהרט אוועק דעם פּנים).

רייזעלע (צו זיך אליין, אַ מאַך־געבענדיג מיט דער האַנד) ער... איז דאָך מעהר נישטאָ... טהוט איך מיט מיר וואָס איהר ווילט!

שפרינצע (וויינענדיג) ניין, ניין, צווינג זיך נישט, טאָכטער!... די ראַמע וועט בעסער דינען, זיך פערקויפען...

רייזעלע. ניין, מאַמע! אַלץ איינס. אַזוי איז מיר שוין בעשעהרט... (זי פאַלט אויף דער באַנק).

שפרינצע (ארומהאַפּענדיג רייזעלען) געפאַלען ווי אַ קרבן! וועה איז דעם טאַטען, וועה איז דער מאַמען!...

פינפטער אַקט

אַ גאַס. אויף די הייזער זענען אַרויסגעשטעלט פענדלעך און אַ טייל פון זיי זענען אויך בעהאַנגען מיט קרענצלעך בלומען. רעדלעך מענשען שטעהען אויף די טראָטואַרען. לינקס קוקט אַרויס איציקס קלייטעל און דערביי ליפע דער חלפן נעבען זיין טישעל.

ערשטע סצענע.

א עולם, איציק דער קרעמער ר׳ אליה, ליפע דער חלפן און פייבוש.

אַ יודענע (מיט אַ געשריי שטופענדיג זיך צווישען דעם עולם) לאָזט, יודישע קינדער, לאָזט! חיימיל מיינער קומט... צוריק פון דער מלחמה... מיט דעם פאָלק קומט ער, מיין חיימיל!

אַ יוד. אַי־אַי, זי האָט מיר אָנגעטרעטען אויף דעם פוס! א־־ר טריף מזל, וואָס זי איז פערשווינדען.

קולות צווישען עולם. אַהין, ווייטער, צו דער ראָגאַטקע ניבער! (דער עולם דערווייטערט זיך).

איציק (שטעהט אויפ׳ן גאַניקעל פונ׳ם קלייטעל) קיר״ה, זאָגט איהר, בעהמט די הערצאָגאָווינע! אָט דאָס איז דאָך טאַקי אַייער קיר״הס פוילע תנועות, טהוט גאָרנישט און חאַפט נאָר ביי די מלכיות שיריים!...

ר׳ אליה (זיצט אויך זיין חזקה-אָרט) און דיין וויקטאָריעס האָפּ די אינזעל ציפּערן הייסט, נעבעך, נאָר ניט געהאַפּט שיריים! נישקשה, זי איז אַ גוטע גאַשערין, האָט ליב שטילערהייט אַ האָפּ צו טאָן פונם טעפּיל.

ליפּע. אומזיסט, כ׳לעבען, אַייער האַמפּערן זיך, ער געהאַפּט, זי געהאַפּט, וואָס מאַכט עס אויס? אַ לאַנגע אַלטע אייביגע מעשה. אַט זעהט בעסער, ווי דאָרט שיט זיך אַ עולם אַקעגען דעם חיל, וואָס קומט בּאַלה אַריין.

פּייבוש (צוקומענדיג צום קליישעל) אַ, גאָט העלף! פון וואָס שמו-עסען עס יודען? מסתמא פון פּאָליטיקע. (צו ר׳ אליהן) זעהט איהר, אין פּאָליטיקע, דאָ זייט איהר, ר׳ אליה, אַ למדן מופלג, איין בריה און אַ שדכן דווקא נישט קיין גוטער.—יוסיל פינטשעווערס שידוך האָט פון מיינע הענט נאָר דורך אייך זיך אַרויסגעגליטשט.

ר׳ אליה (אויפשפּרינגענדיג פונ׳ם בייטקעל) הערט-זשע, יודען, בהן שלי, איך בין דרינען אַזויפיל שולדיג... ווי זאָל איך זאָגען? אַזוי ווי... נישטמעהר וואָס... גאָרנישט.

פּייבוש (מיט א גנבה-שמייכעלע) נישטמעהר, גלאַט, אויך די אייגענע מעשה—ר׳ אליה! אָבער ווען נישט ר׳ אליה און טרעפט זיך מיר עס מיט איין אַנדערען, הערט איהר, יודען! וואָלט איך טע-טע-טע... נו, ר׳ אליה, שאַ, וויטער חבר.

ליפּע (ארויפלויפענדיג מיט אומפעט אויפ׳ן נאַניקעל) איציק, דאָס חיל! דאָרט ריהרט זיך שטאַרק דער עולם.

איציק (צוקוקענדיג זיך) האַ... ניין! ברוך הבא, דאָס איז ער, שמואליק מיט זיין כבוד אַליין!

צווייטע סצענע.

שמואליק און גיסיע.

שמואליק (ארויסשטופענדיג זיך פון צווישען דעם עולם שטארק פארכוס׳עט און דאס היטעל אויף דער זייט קאפ) וויסניטרע, וויסנאפרע, וויסנאפרע לחי עולמים!... אז שמואליק מארשירט, לאז זיין בצלצלי תרועה, מיט א קאטערינקע . . . עך, סאלדאטיקי־בראטיקי, בשמחה רבה ואמרו כולם!

גיסיע (ציהט שמואליק׳ן ביים ארבעל) זיידע, גענוג! גיכער, קום הערשעלען אקעגען!

שמואליק (פערקרימט זיך) פישש, א גרויסער פריץ, אקעגען! ווייבער, מאמעס צום קבלת פנים דא, אקעגען!.. ואני און איך האב צו דיין מוטער רחל נישט אזוי געטאן, בבואי מפדן, אז מיר זענען געקומען פון קאווקאז, האבען מיר געדראלעט בעגלה ובזמן קריב ווי א קארנער בעל עגלה אין דער בלאטע, זיך געשלעפט מיט גרויס קוראזש, אומעטום הוררדא . . . אז אלע פלעגען פאר אונז מאכען ויברח...

איינער פונ׳ם עולם. אבער קידוש, שמואליק, פלעגט איהר מאכען?

שמואליק (שאקלענדיג מיט דער האנד) פיט, פיט, פיט! דוואדצאט פיאט פאלאק אויף א ברודער מיט דריי ציין אונטערגעשלאגען. און קידוש איבער א הארטען סעחאר, נא, גריזע און שריי חי וקים. ראדי סטאראטסיא וואשע בראדיע. בשמחה רבה ואמרו כלם!

גיסיע. אבער קום שוין, קום, זיידע! ווי דערלעב איך שוין זעהען הערשעלען.

שמואליק (אויסציהענדיג זיך ווי א סטרונקע) סטאי ראוונאיסיא! פינף און צוואנציג יאהר מיט א שמיצעל האט די מאמע געווארט

און זיך נישט דערוואָרט איהר שמואליק'ן צוריקקומענדיג פונ'ם חדר, וואָהין דער בעהעלפער מיט מעשענע קנעפּלעך האָט איהם, נאָך גאָר אַ ברעקיל, אָוועקטראָגען אויף די פּלייצעס. די גאַנצע צייט כסדר איז געגאַנגען די לאַנגע סדרה בלק. ומלאכים יחפזון און געצימבעלט, דם ואש ותמרות עשן אַזש אַ רויך איז געגאַנגען, (אַנגעהמענדיג גיסיען) חיי, אדם אַ מענש, קאַטשקע רוק זיך! רוקט זיך, ישראל בני רחמנים!.. (ער געהט אַוועק מיט גיסיען און אַ סך פונ'ם עולם נאָך איהם).

דריטע סצענע.

מענדיל, דוואסיע און שמחה.

דוואָסיע: אונז, מענדיל, איז אפשר צייט פאָהרען אַ היים. אַלסדינג איז שוין איינגעהאַנדעלט, אויף אַ רגע נאָר וואָלט איך גע־וואָלט אַ שפּרונג טאָן צו שפּרינצען, זעהן וואָס זיי מאַכען.

מענדיל: מאַכען זאָלען אַזוי די היגע ר' שמעלקעס. זיי האָבען ר' שמחה'ן גוט איין אויער אויסגעמאַכט. יעצט וואָך בין איך ביי איהם געוועזן, אוי, דוואָסעניו, איז דאָס ביי ר' שמחה'ן אין הויז אַ ביטערע עלענט, דער דלות סווישטשעט דאָרט פון איטליכס ווינקעלע! דו וואָלסט איהם נישט דערקענט, אַזוי האָט אים דאָס פּנים זיך פאַרענדערט. שאַ, אָט געהט ער דאָרט טאַקי אַליין

שמחה (צוקומענדיג): שלום עליכם, מענדיל וואָס מאַכסט דו עפּיס? ווי געהט עס דיר אין דיין אַרענדע פון דער מיהל?

מענדיל: נישט צופאַרזינדיגען, ס'איז ברוך השם, דאָ ברויט. (אַנקוקענדיג אַ רגע שמחה'ן) וואָס טויג אייך, ר' שמחה. די שטאָדט, אַנקוקען דאָ די פּנימער זייערע — דאָס גאַנצע פּעקיל שענע לייט, מיוחסים, וואָס האָבען בכיוון, בכדי צו ווערען אַדמיניסטראַטאָרעס, שטילערהייט

אויף אייך געגראָבען, בעגראָבען, כ׳לעבען, זאָלען זיי אייך אַלע ווערען. אַט נעהמט, פאָלגט מיך, און פאָהרט מיט אייער ווייב איבער צו מיר אין דאָרף אויף אַ צייט ביז גאָט וועט צייך עפּיס העלפען.

דוואָסיע. ביי אונז וועט עס, כ׳לעבען, גאָר נישט אויסמאַכען, אַדרבה מיר וועלען גרויס הנאה האָבען. טהוט אונז, כ׳לעבען, די טובה, בעל הבית! אַזוי פיעל יאָהר האָבען מיר ראָך אַייער זאַלץ און ברויט געגעסען.

שמחה. יישר כח אייך פונ׳ם גאַנצען הארצען, ס׳איז אָבער נאָר אוממעגליך. ווי מיינט איהר, האַ? שפּרינצע מיינע וועט זיך שיידען מיט רייזעלען און בפרט אַצינד, אַז זי איז אַזוי אומגליקליך און עס טהוט זיך...

מענדיל. אַלץ אפשר מיט דעם שענעם איידעמיל?

שמחה. ס׳איז דאָ געגוג מיט דעם, מיט יענעם... אַט גוט, כ׳לעבען, וואָס דו ביסט היינט אין דער שטאָדט. דו קענסט מיר צוגיקומען. קום, וועל איך דיר זאָגען. (שמחה און מענדיל געהען אוועק).

פערטע סצענע.

רייזעלע, א דארע מיט א טיכעל אויפ׳ן קאפּ, א פּעקעל אונטערן ארם. דוואסיע, איציק און ליפּע.

דוואָסיע (צולויפענדיג צו רייזעלען) וואָס זשע מאַכט איהר פּאָרט, קרוין? אַי, האָב איך שוין געגאַרט אַזוי אייך צו זעהן! (זי ווישט די אויגען און שאקעלט מיט דעם קאפּ) אַ וועהטיג איז מיר, ווי איהר זעהט, נעבעך, אוים! זאָגט זשע, איך בעט אייך, וואָס זשע מאַכט איהר?

ר ײ ז ע ל ע (אונטערהוסטענדיג און הײזעריגליך) אַזױ װי דו זעהסט מיך, דװאָסיע. — איך לעב...

ד װ אָ ס י ע. אַזאַ לעבען געזאָגט געװאָרען אויף אַלע יענע לײט, װאָס האָבען אַ מאָל בײ אײך געזױפּען, געפרעסען און דערנאָך אין אײער בלוט זיך געבאָדען! (אויסשטרעקענדיג די האנד צו רײזעלעס פעקיל) אַ דונער האָט מיך נישט דערשלאָגען! קוים װאָס זי געהט, איז אויך אויף דער צײט און רײסט זיך נאָך דאָס געזונט אײן טראָגענדיג אַזאַ פעקיל!

ר ײ ז ע ל ע (אװעקשטופּענדיג דװאָסיעס האנד) צו װאָס, דװאָסיע! װאָס מאַכט עס אויס, נאָך אַ פעקיל, אַלץ אײנס, כ׳לעבען.

ד װ אָ ס י ע. געהט שױן, געהט, רעדט נישט אַזעלכע זאַכען. אײער געזונט איז טײער. צעהן פון יענע שענע לײט זאָלען די כפּרה װערען פאַר אײער מינדסטען נאָגעל... נו, גיט שױן עס אַהער! — װאָס איז דאָ אַזױנס אין דעם פעקיל?

ר ײ ז ע ל ע. אַביסעל װעש צום נײהען... האָב איך אויף אײן אָרט גענומען.

ד װ אָ ס י ע (װישענדיג די אויגען מיט דער נאַנצער האנד) ר׳ שׂמחה׳ס מאַכטער, װאָס האָט געלעבט אין װאוילטיג, זיך געבאָדען אין מילך, אין פּוטער, זאָל הײנט, נעבעך, אַזױ קריעה רײסען!

ר ײ ז ע ל ע. מײן לעבען איז גאָר נישט װערטה, מען זאָל אי־בער איהם אַזױ זיך זאָרגען. אָט זאָג בעסער, דװאָסיע, װאָס מאַכסט דו? לעבסט דו צופרידען מיט דײן מאַן?

ד װ אָ ס י ע. אויף אַלע מײנע ליבע געזאָגט געװאָרען אַזאַ גוטע מזלדיגע דאָליע װי מײנע. מײן מענדיל ליובעט, קיכעלט מיך. אַלץ דװאָכיעניו, מײן דװאָסיעניו. זאָגט דװאָסיע טאָג, מעג זײן נאַכט, איז טאָג. — און איך איהם האָב אין האַרצען עפּים אַזױ ליב, אַזױ ליב... איך רײץ מיך אַפילו אַ מאָל מיט איהם, בלאָז מיך קלאָמפּערשט, אָבער אַזױ אויף קאַטאָװעס.

ר ײ ז ע ל ע. זעהסט דו, דװאָסעניו, דו האָסט טאַקי אַ גליק־ליך לעבען.

ד װ אָ ס י ע. איך האָב מיך, ברוך השם, נישט צובעקלאָגען. ס׳איז נאָך אַזאַ מענדיל, דאַכט זיך, גאָר נישטאָ. ער איז דאָך אַפילו

א פראָסטער מענש, נישט עפּים ווי יענע זיידענע יונגע־מאַנטשיקלעך;
גאָר די כּפרה מעגען זיי אַלע ווערען פאַר זיין מינדסטען פינגער...
אַ וועהטיג איז מיר! וואָס ציטערט איהר עפּים אַזוי, רייזעלע? איהר
קענט דאָך זיך נישט האַלטען אויף די פיס. אַהער גיכער דאָס פּעקיל!
קומט, דאָ אַקעגען האָב איך אַ בעקאַנט קלייטעל. (זי נעהמט ביי רייזעלען
דאָס פּעקיל און געהט מיט איהר צו צום קלייטעל).

איציק (דערזעהענדיג דוואָסיען) אַ, איסקאַטציל קומט, דוואָסיע!

דוואָסיע (אַרויספיהרענדיג רייזעלען אויפ׳ן גאַניקעל) זיצט, רייזעלע,
זיצט דאָ אויפ׳ן בּיינקעל, אָט אַזוי, אַזוי. (צו איציק׳ן) האָט קיין
פּאַראיבעל נישט וואָס איך סאַרווער דאָ אַזוי, ווי ביי מיר אין
דער היים.

איציק (ווייזענדיג אויף רייזעלען) נישקשה, איך האָב געגוג פון
זיי איבערגעלייזט אַ מאָל אין די גוטע יאָהרען...

ליפּע (אַרויספאַלענדיג געשווינד אויפ׳ן גאַניקעל) איציק, מען געהט!

פינפטע סצענע.

פונדערווייטענס הערט זיך אַ שפּילען פון מוזיקע.
דערנאָך ווייזען זיך סאָלדאַטען. פּאָראַויס געהען
פּיעווטשעס, זינגען און פייפען פרעהליך. אין די פענס־
טער פון ביידע זייטען הייזער שטעהען דאַמען און
וואַרפען אויף די סאָלדאַטען קרענצלעך בלומען.

די פּיעווטשעס:

סאָלדאַטושקי, רעביאַטושקי גדיע וואַשי זשאָני?
— נאַשי זשאָני רוזשיאַ זאַריאַזשאָני,
וואָט נאַשי זשאָני. א. ז. וו. א. ז. וו.

א טייל מענשען דערקענען צווישען די סאָלדאַטען זייערע קינ־דער, זייערע מאַנען. לויפען צו זיי פרעהליך צו, קושען זיך און געהען מיט זיי אַוועק; אַ טייל מענשען, וואָס זייער האָפנונג איז געווען אומ־זיסט, וויינען און ברעכען די הענט.

זעקסטע סצענע.

שמואליק, ניסיע און א סאָלדאַט

ניסיע (מיט א געוויין) נישטאָ הערשעלע! זיידע, וואָס שווייגסט דו?

שמואליק (טהוט אומעטיג א פייף) מי בחרב ומי בחניקה, ווער דורך בלייענע פייגעלעך און ווער דורך אַ פיקע...

קום, ניסיע, קום! (ער געהט שאַקלענדיג זיך).

ניסיע (געהט וויינענדיג נאָך שמואליקן) וואָהין, זיידע, קום?

שמואליק (צוקומענדיג צו די פורמאַנעס פון רויטען קרייץ) אַהער, ניסיע! בעגלא, אַ טאַפּ אין וואָגען ובזמן קריב און זשיווא.

אַ סאָלדאַט (ארויסקריכענדיג פונים פורגאָן, זיין האנד האָט אונטער־געבונדען אויף א טיכעל) האָ־האָ, שמואליק!

שמואליק (מיט דער האנד צום מויל) על כן ברך, מיט דעם גלעזעל אַ מאַך, פיף פוף־פאַף ויקדשהו און געמאַכט איהם פאַר א קדוש אָהן אַ הענטיל... היי סליש!

ניסיע. נישטאָ הערשעלע! פרעג, זיידע. וואו איז מיין הערשעלע?

דער סאָלדאַט (שטאַרק פערוואונדערט) וואָס הייסט?! הע[illegible] איז נאָך נישט צוריקגעקומען!... איך אַליין האָב איהם געזעהן גע־זונד און האָב איהם איבערגעגעבען...

גיסיע (מיט גרויס פרייד) ויידע, דו הערסט, ער האָט געזעהען הערשעלען, (צום סאָלדאַט) נשמה, האַרץ, קויפט אייך עולם הבא און דערפרעהט מיך גיכער מיט דער בשורה, וואו, ווען, האָט איהר געזעהען הערשעלען?

דער סאָלדאַט (פערטראַכט זיך) וואו, ווען?... שפעטער אַביסיל, איהר וועט קומען שפעטער.

גיסיע. וואָהין, סערדצע, וואָהין קומען?

דער סאָלדאַט. צו זלמן קריסטאַל.

גיסיע. גאָט איז מיט אייך! פון זמלן קריסטאַל איז שוין פון לאַנג קיין זכר נישטאָ.

דער סאָלדאַט (אנהאַפענדיג זיך ביי דער קראַנקער [האַנד מיט א קרעבץ) אוי!...

שמואליק (א פייף־געבענדיג) מי ביד, אוי, אַ פיק פון אַ בלייען פויגעל, ומי באַדמה און באַקט בייגעל!...

גיסיע. זלמן האָט מיט זיין הויזגעזינד זיך אַוועקגעלאָזט באַלד טאַקי נאָך זיין זוהנס טויט. פונ׳ם רוטשוקער רב איז אָנגעקומען אַהער זיינע אַלע פאַפירען מיט זיין כלה׳ס בילד. — נו דערצעהלט זשע מיר פון מיין הערשעלען אַצינד.

דער סאָלדאַט (שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ פערוואונדערט) האַ־האַ, אָט וואָס!... (ער קוקט שאַרף אין גיסיען) אַצינד... ניין, לאָזט מיך אָב, איך בעט אייך (ער לאָזט זיך געשווינד געהן).

גיסיע (שלעפּט שמואליק׳ן ביי דער האַנד): קום, זיידע! לאָמיר איהם נישט אָבלאָזען (זיי געהען אויך).

זיבעטע סצענע

שמחה, שפרינצע, חאַסקיל, מענדיל, פייביש, גיסיע, שמואליק, דער סאָלדאַט, רייזעלע דוואָסיע און אַ רעדיל מענטשען.

חאַסקיל (דרעהט מיט דעם שטעקעלע אויף דער ערד און מאַכט ב ־ קען) שווער, אומזיסט אייערע רעד! זיי געהען מיר אַפילו נישט אין דער לינקער פּאה.

שׂמחה. אַזוי, האַ, ענטפערט מען אַ שווער?

שפּרינצע (נעהענטער) עס געהט דיר נישט מעהר אין דעם, שׂמחה, וואָס ער איז אַ עזות פּנים. אַלסדינג איז גאָרנישט אַקעגען דעם גרויסען אומגלוק, וואָס אונזער רייזעלע, נעבעך, האָט אַזעלבען פּאַר אַ מאַן.

מענדיל (ארויסטרעטענדיג מיט כּעס) אַ מעשׂה, וואָס נאָך נישט דערהערט געוואָרען! מען זאָל בּיי אַ מענשען צונעהמען דאָס לעצטע, נעבעך. און נאָך ווי? בּגנבה!

חאַסקיל. איך האָב צוגענומען על פּי דין. מיר קומט קעסט. איך האָב נישט דערעסען קעסט!

מענדיל. ר׳ שׂמחה האָט דען און גיט נישט!

חאַסקיל. אָבער וואָס געהט עס אָן מיך! אין די תּנאים האָט ער זיך מתחייב געווען קעסט. זאָל ער געבען קעסט! — ער קען נישט? נישט מיין דאגה. מיר קומט קעסט.

מענדיל. ווי שעמט זיך עס נישט אַ געזונטער בּייבּאַק אַזוינס צו רעדען! וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג, יענעם ווי אַ פּיאַווקע צוזויגען, צופרעסען און האָבען אויף יענעמס קאָפּ קינדער! קראַנק איז אַזאַ יוד מיט הענט און פיס אַליין צוהאָרעווען און פּאַרדינען זיין ברויט כּשר מיט שוויים, ווי מיר פּראָסטע מענשעלעך!...

חאַסקיל. איך רעד על פּי דין, על פּי יודישקייט און ער מיר ענטפערט בּוידעם. — עם הארץ, גראָבּער יונג!

מענדיל. אוחניאָק!

פייבוש (צוקומענדיג צום עולם, וואס פערקלייבט זיך ארום) וואָס איז דאָ אַזוינס?

מענדיל. אָט איז ער, דער שדכן! געהט, האָט הנאה פון אייער אַרבייט. (צום עולם) אָט האָט איהר, יודישע קינדער, אייערע שדכנים, אייערע גליקען! קוויקט זיך, יודען, מיט אייערע הבשיטלעך, מיט אייערע שענע נפשות!...

(צום עולם קומט צו א סאָלדאַט, גיטיע און שמואליק).

גיסיע (צום סאלדאט) אַט דאָ וועט איהר וויסען דעם גאַנצען אמת. (צום עולם) אמת, אַז זלמנס זוהן איז אין רושטשוק געשטאָרבען?

שמואליק. אמת... ויציב און שטעלט אַ מצבה. ונכון און נאָך איינע.

דער סאָלדאַט (אויסציהענדיג זיך גלייך) וואָס, האַ, נישט דערקענט?

מענדיל (קוקט אן דעם סאלדאט און שפרינגט אב צוריק שטארק פערוואונדערט) וואָס זעה איך!...

שפרינצע (ציקוקענדיג זיך) איך חלש, דאָס איז ער!...

שמחה (אוועקקעהרענדיג זיך דערשראקען) אויפ׳ן עולם התּוהה!...

דער סאָלדאַט. אַזוי טאַקי זעה איך אויס (ווייזענדיג אויף דער קראַנקער האנד) איך בין געוועזן מסוכּן שלאָף אַ לאַנגע צייט.

גיסיע (מיט א געבעט) נשמה׳ניו, האַרצעניו, נו זאָגט זשע שוין. זאָגט, וואו און ווען האָט איהר הערשעלען געזעהען!

דער סאָלדאַט (קוקט אויף גיסיען שאקלענדיג מיט דעם קאפ) פאַר דער גרויסער מלחמה ביי שיפקע האָב איך... נו, עס העלפט נישט. הערט זשע! איך בין געגאַנגען אויף דער מלחמה און הערשעלע קיין רושטשוק, האָב איך איהם איבערגעגעבען...

גיסיע. נו, ווייטער, ווייטער! דערפרעהט מיך שוין מיט דער בשורה.

דער סאָלדאַט (מיט א קרעכץ) האָב איך, געזעגענענדיג זיך מיט הערשעלען, איהם איבערגעגעבען מיינע אַלע פאַפּירען און דאָס בילד...

פייבוש. אַ מעשה, אַ מעשה! היינט פאַרשטעה איהר, יודען, גאָטעניוס דרעהעלע? טע־טע־טע, דאָס איז אין רושטשוק נאָר הערשעלע געשטאָרבען!...

גיסיע. אַדונער האָט מיך דערשלאָגען!... (פאלט אויף דער ערד, שלאגענדיג זיך מיטביידע הענט אין קאפ, און בלייבט ליגען ווי א שטיין).

שמואליק (ווישט מיט דעם אַרבעל די אויגען) שאַ, שמואליק! לייד צרות, קלעפּ, שמיץ און זאָג דעם צדוק הדין—ראַדי סטאַראַטסיאַ וואַשׂע בראָדיע!... (ער פאלט אויף די קניע נעבען גיסיען. — דוואסיע מיט רייזעלען קומען צו).

שפרינצע (פרעכענדיג די הענט) בערוהיג דיך, רייזעלע, שטארק זיך, טאָכטער!

רייזעלע. וואס איז דאָ מאַמע, אַזוינס געשעהען?

דער סאָלדאַט (צולויפענדיג געשווינד) מיין רייזעלע!...

רייזעלע (שטארק צומישט) אַלכסנדר!... (זיי האַפּען זיך אַרום און שטעהען אַ רגע שטיל).

חאַסקיל (צולויפענדיג) גוי, גוי איינער, מיט אַ אֵשת איש! (שלעפּענדיג רייזעלען) אַ שענע פלונית'טע, כ'לעבען!...

אַלכסנדר (אָהאַפּנעבענדיג זיך פּערציטערט) רייזעלע מיינע — אַ ווייבעל!... חאַסקילעס אַ ווייב!...